STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11826

NAYE ERTSEHLUNGEN

Abraham Reisen

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען.

נייע ערצעהלונגען.

I.

די אַלְטֶע װֶעלְט.

פערלאג
„וועלט-ביבליאָטעק"

ווארשאַ
תר"ע.

אינהאלט:

אויף די הויכע בערג.

נאָכ׳ן רב׳ם טויט.

דער באהן בילעט.

די ערציהונג.

דער פוילישער גלח.

ביי דאָקטוירים.

דאָס אייביגע לעבען.

דער אַלטער מגיד.

די נאַשערין.

זיין באָבעס גליק.

הייזער.

די רעוואָלוציע אין קליינעם בית־מדרש.

דער אַרעסטירטער קרעמער.

אויף די הויכע בערג.*

דאָס שטעדטעלע איז געלעגען אין א טהאל; די זעקס גאַסען, דער מאַרק, דער שוהל-הויף, וואָס דאָס שטעדטעל האָט געצעהלט איז מעהר ווי א האַלב יאָהר אין א גרויסער בלאָטע געווען איינגעטונקט. די איינוואָהנער פון דעם שטעדטעל האָבען זיך צו דער בלאָטע אזוי צוגעוועהנט, אז זיי האָבען גאָר ניט געקענט זיך פאָרשטעלען, אז עס קען אַנדערש זיין. פערקעהרט, זומער צייט, אין די גרויסע היצען, ווען די זון פלעגט ווי עס איז די בלאָטע פאָרט בייקומען און ס'איז טרוקען געוואָרען, פלעגען זיך פילע פון שטעדטעלע ווי חדוש'ען:

— וואָס זאָגט איהר, ווי ס'איז טרוקען..

נאָר ס'איז געווען שווער צו וויסען, צי זענען זיי צופריעדען דערמיט, צי ניט. יעדענפאַלס זענען זיי צו דער טריקענעש ניט געוועהנט געווען און אין די טרוקענע טעג פלעגען זיי זיך פיהלען ווי ניט אין זייער היים, ווי זיי וואָלטען פערבלאָנדזשעט ערגעץ אין א נייעם אָרט און יעדערען האָט זיך געדאַכט, אז עס פעהלט עפעס. לאַנג אָבער פלעגט אפילו זומער די טריקענעש ניט אָנהאַלטען. א קליין-רעגענדעל פלעגט גענוג זיין די טהאָליגע ערד פון שטעדטעלע בענעצען און עס זאָל צוריק בלאָטע ווערען און דאָס שטעדטעלע פלעגט צוריק בעקומען איהר געהעריג פנים.

ניט ווייט פון שטעדטעלע האָט זיך דאָך א פלאַץ געפונען,

וואו עס איז שטענדיג טרוקען געוועזן, און ניט נאר טרוקען, אפילו גרין, נאר דאס אליין וואלט ניט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די שטעדטעלשע יודען, — דער פלאץ איז געוועזן ארומגערינגעלט מיט בערג, וועלכע האבען געהייסען די הויכע בערג.

אמת, די בערג זענען ניט גאר הויך געוועזן, אויף זיי צו שטייגען האט מען ניט גענדארפט האבען קיין פיהרער און קיין בעגלייטער. דער העכסטער פון די בערג איז געוועזן ווי די הויך פון א שטעדטעלשע הויז און די שטעדטעלשע הייזער זענען ניט בעזונדערס הויך געוועזן. אבער דאך האט מען די בערג גאנץ אויפריכטיג גערופען די הויכע, ווייל קיין העכערע האבען די שטעדטעלשע יודען טאקע קיינמאל ניט געזעהן, און דערפאר האט דער דאזיגער פלאץ, וואס איז געלעגען גאר נאהענט, כמעט הארט ביי'ן שטעדטעל, געשפיעלט א בעדייטענדע ראלע אין דעם לעבען פון די איינוואהנער פון שטעדטעל אין טהאל ... עס האט דאך זיי עפיס הנאה געטהון, וואס גאט האט זייער שטעדטעל ניט אין גאנצען פערקארגט און האט זיי געגעבען א צולאג א שעהנעם גרינעם פלאץ מיט בערג ...

פון וואנען עס האבען זיך גענומען ביי'ן שטעדטעל די בערג, האט קיינער ניט געוואוסט. א חדוש איז דאס טאקע געוועזן: דער גאנצער געגענד ווייט ארום האט קיין בערג ניט פערמעגט. אלטע לייט האבען טאקע דערצעהלט, אז ס'איז א סברא, אז די בערג זענען געמאכטע: בשעת נאפאלעאן איז דורכגענאנגען דאס שטעדטעל מיט זיין חיל האט מען די דאזיגע בערג געמאכט, אויסגראבענדיג ארום די ערד, ווי דער שטייגער איז אין א מלחמה... געגלויבט האט מען אבער דערין זעהר שוואך. און בכלל וואס געהט וועמען אן די היסטאריע פון די בערג. זיי זענען דא איז זעהר אנגעלעגט. הלואי וואלט דאס שטעדטעל נאך עפעס שעהנס פערמעגט, ווי למשל א טייך. א טייך האט אין שטעדטעל געפעהלט, דאס שטעדטעל האט נויטיג ווי לעבען גענדארפט האבען א טייך. די ווייבער זענען טאקע אויסגעריסען געווארען, ניט האבענדיג וואו צו וואשען די גרעט. נאר אז קיין טייך האט זיי גאט ניט געגעבען, זאלען זיי האבען כאטש בערג, אלץ בעסער ווי גאר נישט ...

און געליבט האָבען די שטעדטילשע איינוואָהנער זייערע בערג. קומט דער ליעבער זומער, אַ שבת נאָך מיטאָג. יורען למדנים וואָס דאָס שטעדטעלע האָט ניט קיין סך פֿערמעגט, געהען אַוועק אין בית־המדרש לערנען, אַלטע לייט כאַפּען אַ דרעמעל אין שטוב די בעלי מלאכות אָבער, די יונגע לייט און די קינדער — איבער־הויפּט די קינדער — לאָזען זיך אַוועק צו בערג. סאָלידע סטאַ־טעטשנע יונגע לייט קריכען אויף זיי אַרויף, ציהען זיך אויס אויף זיי, ווי געבאָרענע בערג־לייט און קוקען אַראָפּ אויף דער געפֿלעקטער מחנה, וואָס געפֿינט זיך אונטען, און פֿיהלען זיך עפּעס האָפֿערדיג און שטאָלץ... מאַנכע קומט אָן דאָס אַרויפֿקריכען שווער און זיי קומט צו הילף אַ מעהר ספּריטנער; מען נעהמט זיך פֿאַר די הענד און מען לאָזט אַ יורען ניט פֿאַלען...

די קינדער אָבער, ווי בעפֿרייטע פֿויגעלעך פֿון שטייגלעך, פֿליהען אַרויף און אַראָפּ, מאַכענדיג דערביי פֿערשידענע קונצען. די טאַטעס מיט די מאַמעס וואָרענען...

— קינדער, איהר וועט זיך נהרג'ען. היט זיך, ווי איהר פֿליהט.

נאָר די קינדער, דערזעהענדיג נאָך פֿון ווייטען די בערג, בעקומען אַזאַ מוטה, אַז ניט נאָר אויף אַזוינע, זיי וואָלטען אַפֿילו אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ סך העכערע בערג. און אַן אַנדער יונגעלע, אַ שטיקעל עזות פּנים, מיט צופֿלאַמטע בעקעלעך, שרייט חוזק'דיג אויס:

— טהייערע זאַך! אויך מיר אַ קונץ אויף אַזוינע בערג צו פֿליהען. איך וואָלט געקענט אַרויפֿקריכען אויף אַ באַרג ביז די וואָלקענס די הויך...

נאַטירליך געהט ניט אַוועק אַ שבת אָהן אַ פּאַסירונג. אַ מאַנכער יונגעלע, אַ צו שטאַרקער שטיפֿער, צו האַסטיג אַראָב־לאָזענדיג זיך פֿון אַ באַרג, פֿאַלט און צושלאָגט זיך, נאָר קיין סכנה שטעקט קיין מאָל ניט. אדרבה דער פֿערזעצטער עולם אויף די בערג צולאַכט זיך און דאָס יונגעלע שטעהט אויף און נעהמט זיך פֿליהען ווידער מיט מעהר מוטה, וועלענדיג דערמיט אויסקויפֿען זיין חרפּה וואָס ער איז אַראָפּגעפֿאַלען...

זענען אָבער יודען אין גלות... אין פּלוג גענומען איז דאָס שטעדטעל זייערע, אין גאַנצען זייערע: דער בית-המדרש, די מרחץ להבדיל, די קראָמען, די בלאָטע: אלץ איז דאַכט זיך זייערע, איבערגעגאַנגען זיי בירושה פֿון אור-אור עלטערן. און מאַנכמאָל פֿערגעסען זיי טאַקע זיך צו פֿיעל. מיינען אַז די גאַנצע וועלט איז זייערע, אַפֿילו די הויכע בערג...

קומט אָבער פֿריהער צו שפּעטער צוגעהן אַ גוי, אַ פּראָסטער גוי און גיט זיי אָנצוהערעניש, אַז אַלץ איז ניט זייערע, אַפֿילו די בלאָטע ניט... נאָר אַזוי ווי זיי זענען אַ פֿערשאָלטען פֿאָלק. מען האָט זיי ניט וואו אַהין צו טהון, לאָזט מען זיי וואָהנען אין די שטעדטלעך אין דער בלאָטע, אָבער צו די בערג קריכט ניט...

און די שטעדטעלשע יודען האָט מען אַ לאַנגע צייט, אַ צו לאַנגע צייט געשוויגען, וואָס זיי פֿערנעהמען אַ גאַנץ שבת די בערג. פֿאַר וואָס האָט מען זיי אַזוי לאַנג געשוויגען איז טאַקע אַ וואונדער. ווירקליך, די שטעדטעלשע יודען האָבען זיך צו גוט געפֿיהלט דעם שבתדיגען טאָג אויף די בערג, אַז מען זאָל זיי דאָס ערלויבען.

נאָר די שטעדטעלשע נאַטשאַלסטוואָ האָט שוין לאַנג געוואָרפֿען אַן אויג, אַז די יודען פֿערנעהמען צו פֿיעל דעם שעהנסטען פּלאַץ אין שטעדטעל. אמת — נאָר איינמאָל אין וואָך, אָבער איינמאָל אין וואָך קומט זיי דאָס אויך ניט.

און אָט האָט דער פּריסטאַוו זיך אַ מאָל מיישב געווען און זיך געלאָזט בויען דאָרט אַ הויז...

איידער דאָס הויז איז פֿאַרטיג געוואָרען האָט יעדער יוד יעדען שבת אין דער שטיל זיך געזעגענט מיט די הויכע בערג. ווייסענדיג, אַז דער פּריסטאַוו וועט דאָ וואָהנען וועט זיין שוין אונמעגליך צו קומען אַהער. מיט אַ געדריקט האַרץ האָט יעדער געקוקט אויף דער נייער געביידע, וואָס איז פֿון וואָך צו וואָך העכער געוואָרען און דערמיט אַלץ נידעריגער. נידעריגער געבויגט די שטעדטעלשע יודען.

אַז דאָס הויז איז פֿאַרטיג געוואָרען און דער פּריסטאַוו האָט זיך אין איהם מיט זיין פּמליא אַריינגעצויגען איז אין שטעדטעל געווען אַ קלער צו מעג מען נאָך שבת געהן אויף די בערג צו ניט... מאַנכע האָבען גע'פּסק'ענט, אַז דער פּריסטאַוו איז ניט קיין

גזלן, ער מעג זיך דארט וואהנען, אבער שפּאציערען ארום די הויכע בערג א ביסעל ווייטער פון זיין שטוב, מעג מען; מאנכע האבען די זאך מחמיר געוועזען און האבען געזאגט, אז עס פּאסט ניט...

נאר סיי־ווי־סיי איז דאס מיישב זיין זיך אומזיסט געוועזען. א מחנה יונגלעך, וועלכע האבען זיך דעם ערשטען שבת, מאכענדיג זיך כאילו לא ידעו פון דעם פּריסטאוו, געלאזען מיט דער אלטער פרעהליכקייט צו די הויכע בערג, זענען נעבעך באלד געקומען צו פליהען צוריק מיט א געוויין אויפ'ן שול־הויף...

— וואס איז קינדער?... האט מען זיי געפרעגט..

— דעם פּריסטאוו'ס שגץ... האט איין יונגעל אויסגעכליפּעט...

— וואו זענט איהר געוועזען?...

— אויף די הויכע בערג..

— נו?...

— נו... האט דעם פּריסטאוו'ס שייגעץ אנגערייצט די הינט אויף אונז...

אן עלטערער יוד האט זיך אנגערופען:

— וואס־זשע לויפט איהר אויף די הויכע בערג?... און אז ניט קיין הינט און ניט קיין שגץ דארף מען דען לויפען אהין.. שפּיעלט אייך דא אויפ'ן שול־הויף...

פון דאמאלס אן שפּיעלען זיך די קינדער שבת אויפ'ן שוהל־הויף, די עלטערע שלאפען אדער זיצען אויף די גאניקעס און ס'דאכט זיך, אז דאס שטעדטעלע פייערט איהר שבת ווי געוועהנליך; אין דער שטיל אבער בענקט יעדער נאך די הויכע בערג, פון וועלכע מען האט זיי פאר אומזיסט פערטריבען...

נאך רב'ס טויט.

וואס אזוינס האט דאס שטעדטעלע געהאט צום רב, איז געווען שווער צו וויסען. נאר קיין גוט־לעבען האט דער רב ניט פערבראכט צווישען זיינע בעלי־בתים. אזוי האט דער רב ר' אהרן אליין געזאגט. און אז דער רב אליין, וועלכער האט פון עולם הזה בכלל ניט שטארק געהאלטען, וועלכער האט דאס דאזיגע וועלטעל נאר בעטראכט פאר א פארהויז, אז ער אפילו האט שוין געקענט ניט צופריעדען זיין מיט זיין לעבען, קען מען זיך שוין שטויסען ווי ניט גוט זיין לעבען איז געווען. איהם איז אייגענטליך ניט געגאנגען אין די שבירות, וועלכע איז זעהר קליין געווען און פון וועלכע מען פלעגט פו ציים צו ציים איהם אבבייסען, א דאנק פערשידענע תירוצים. ווען ניט די רביצין, וועלכע האט יא עפיס געהאלטען פון עולם הזה און פלעגט ליעב האבען צו באקען שיינע חלה אויף שבת, מאכען א גוטען קוגעל, וואס ניט שטענדיג האט זי דאס געקענט אויספיהרען, — ווען ניט זי וואלט איהם אליין די אבילה גאר ניט געארט. א דירה האט ער געהאט אפילו א קליינע, אני׳ ענגע, אבער זעהר גרויס איז געווען דער אלמער מיט די ספרים, וועלכער איז געשטאנען אין דעם חדר וואו ער פלעגט שאלות פסק'ענען און וואס האט ער מעהר געדארפט? די פאר ספרים, וואס איהם פלעגט פעהלען אמאל, פלעגט ער געפינען אין בית־מדרש. א שאד נאר וואס אין בית־מדרש קען מען לאנג ניט זיצען נאכ'ן דאווענען, וויל אויבען איז די תלמוד תורה געווען און די תלמוד תורה אינגלעך פלעגען זיך מעהר געפונען אונטען ווי אויבען און פלעגען פשוט דעם בית־מדרש איבערקעהרען, נעהמען וויעדער א ספר אהיים. האט געהערשט אנ'אלטער חרם, אז מען טאר א ספר פון בית־מדרש ניט ארויס־

טראָגען, בלייבען אין בית-מדרש און די קינדער אַרויסטרייבען איז פאַר איהם געווען אַנ'אומעגליכע זאַך, ערשטענס האָט ער די קינדער ליעב געהאַט און צווייטענס איז געווען אַ סכנה אָנהויבען זיך מיט זיי. קינדער טהוען נאָך גרויסע און אויך די קינדער וואָלטען איהם אויסגעלאַכט, ווי די גרויסע, ווי די מאַמעס זייערע.

און די גרויסע זענען געווען ניט צו פערטראָגען. די גרויסע האָט ער טאַקי ניט ליעב געהאַט! אויסער וואָס זיי זענען אַלע עמי-הארצים, זענען זיי אַלע געזונטע, הויך-געוואַקסענע און שטאַרק געבויטע, ווי אמת'ע גויים. זאָל גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד! פון די עטליכע קצבים שמועסט מען דאָך ניט, זיי זענען אמת'ע פלישתים, אַ נס וואָס זיי קומען נאָך פרעגען אַ שאלה אַ מאָל אויף אַ שטיק. העננד און פים טרויסלען איהם טאַקי דעמאָלט, ס'איז נאַרישקייט — פסק'ענען וועט ער אודאי לויט'ן שולחן-ערוך, אָבער ביז ער פסק'ענט אָב די שאלה איז איהם ניט ניחא דאָס לעבען. און ניט די קצבים זענען דען בעסער? אַלע זענען אין שטעדטעלע קצבים. דאָס שטעדטעלע האָט אַרום זיך אַ ים מיט דערפער און יעדער שטעדטעלדיגער איד קויפט אַ שטיק, אַ קאַלב און קוילעט... פלייש בחצי חנם. ווער וויים צו וואָלטען זיי אַזוי שלעכט געווען, ווען ניט זייער פיעל פלייש עסען. ער אַליין עסט פלייש נאָר פון שבת ביז שבת, נאָר פון מצוה וועגען, דערפאַר איז ער קענטיג אַזאַ רך-לב... האָט אפילו רחמנות אויף זיין קהילה. וואָס גאָט האָט איהרע אידען געשטראָפט מיט אַזעלכע שטיינערנע הערצער. אפילו דער שוחט, וואָס איז שוין יאָ אַ שטיקעל בן-תורה איז אויך ניט בעסער פון זיי, ער איז אויך קעגען איהם, קעגען אַ רב!... אפילו די ווייבער זיינען קעגען איהם — קענען זיך קיינמאָל ניט צוטהיילען מיט דער רביצין.

— ס'איז נאַרישקייט! פלעגט ער אַמאָל טראַכטען, ווען די שטעדטילשע גראָבע יונגען פלעגען איהם דער'רגז'נען — איך האָב בריעף פון די גרעסטע רבנים, כ'וואָלט אפשר געקענט קריעגען אַנ'אַנדער שטעדטעל... נאָר עס ווילט זיך ניט האָבען צו טהון. אַלע זענען אידען... די ערגסטע פון אידען זענען פול מיט מצוות, ווי אַ מילגרוים...

און אַזוי איז דער רב געבליבען זיצען אין שטעדטעל. צווישען זיינע בעלי־בתים, וואָס פלעגען איהם פון יאָהר צו יאָהר אראָבצרייסען פון די שכירות, זאָגענדיג, אַז אַזאַ קהילה איז ניט בכח מעהר צו צאָהלען. טאָמער וויל ער ניט, זאָל ער זוכען אַן אַנדער שטעדטעל...

נאָר דער רב האָט ניט געזוכט קיין אַנדערע שטעדטלעך. אידען זענען אומעדום אידען! האָט ער געטראַכט און ווען די רביצין פלעגט זיך אַמאָל צוויינען אויף די רשעות פון דער קהילה און אַ מאָל אויף דער נויטה, וואָס זי איז שוין צו דער עלטער ניט געווען אין שטאַנד צו פערטראָגען, האָט ער זי ווייך געטרייסט:

— נאַרעלע, מען טאָר ניט זינדיגען... ס'איז גוט אַזוי. איך בין גאַנץ צופריעדען...

אַזוי איז דער רב זיך געעלטערט אין שטעדטעל אין נויטה אין עלענד און אומכבוד...

איינמאָל אין אַ וואָכיגען ווינטער־פריהמאָרגען האָט דער עולם אין בית־מדרש ביי'ן דאַווענען זיך אַרומגעקוקט, אַז דער רב איז ניטאָ.

— וואו איז דאָס אונזער רבי? האָט יענקיל דער דאָרפיגער אין אַ שפּאַס אַ פרעג געטהון — און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, האָט ער צוגעלייגט:

— איהם איז ביי אונז אַזוי גוט, אַז ער וויל שוין גאָר ניט דאַווענען...

— וואָס דען? האָט אייזיק דער שמיד צוגעבאָמקעט — וואָס פעהלט איהם? זיצט אין דער וואַרעם און שפּיעלט זיך מיט דער רביצין...

— זיי לעבען ווי די טייבעלעך... האָט גרשון דער סטאָליער געלאַכט — איהר דאַליע געזאָגט געוואָרען אויף אַלע אונזערע טעכטער. אַ מאַן זאָל אַ ווייב קיינמאָל ניט אַ פּאַטש געבען!... און ניט בעקומענדיג קיין ענטפער אויסער אַ שמייכעל פון עטליכע דערביישטעהענדע, האָט ער צוגעלעגט:

— איך ווייס ניט פאַר וואָס האָב איך איהם אַזוי ניט ליעב, אונזער רב...

— אָבי די רביצין האט איהם ליעב! האָט דער שמש, וואָס האָט זיך געוואָלט אונטערהנפּה'נען זיינע שפּייער — זיך געווינצעלט...

— ס'איז פונדעסטוועגען ניט קיין גלאַטע מעשה! האָט אייזיק דער שמיד זיך געוואונדערט — און איידער ער האָט בעקומען אַנ'ענטפער האָט זיך דערהערט הינטער'ן טהיר אַ געוויין פון אַנ'עלטערער פרוי. באַלד האָט זיך די טהיר געעפענט מיט האַסט און די רביצין איז אריינגעלאָפען מיט פערבראָכענע הענד און מיט אַ געוויין, דורכגעשפּאַרט זיך צווישען די מאַנסבילן, אַרויף צום אָרון-קודש און אויסגעבראָכען אין אַ יללה:

— רבונו של עולם, הייליגע תורה, שענק נאָך יאָהרען מיין מאַן...

— הייסט עס ער איז קראַנק! האָט איינער פון די דאַוונער שטיל אונטער-געבּרומט.

— נו, וואָס מיינט איהר, שוין צייט! האָט אייזיק דער שמיד זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון אַ וויץ.

— שוין אַ זעכציגער! האָט דער שמש אַ מורמעל געטהון.

— אידען! האָט זיך די רביצין געווענדעט מיט אַ צובראָכען קול, אויסשפּרייטענדיג די הענד — דער רב איז זעהר קראַנק... שענקט איהם חאָטש אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים.

— איך האָב קיין צייט ניט! — האָט אייזיק דער שמיד דער ערשטער זיך ענטזאָגט.

— וואָס קען העלפען אונזער תהילים! — האָט נחמן דער קצב טרוקען געענטפערט.

— אַי אידען! אידען! פון אייך געהט אַוועק דער רב פון דער וועלט! — האָט זיך די רביצין צויאָמערט און איז אַרויס אַ געבויגענע פון בית-מדרש און איהר געוויין האָט זיך געהערט ווייט, ווייט פון גאַס.

— אָט איז אַ נייע אָנשיקעניש! — האָט אייזיק דער שמיד אַ מורמעל געטהון אויף דער רביצין'ס חשבון.

— נישקשה! ער וועט לעבען! האָט נחמן דער קצב געלאַכט. ער חאָט זיך אודאי איבערגעפאַסט — ער איז דאָך אַזאַ

פוילער אין תעניתים! ער עסט מעהר תעניתים, ווי מיר פליישׁ... אַ איד זאָל זיך פערגינען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג צו פאַסטען.

דער עולם האָט געלאַכט און איז נאָכהער זיך ביסלעכווייז צוגאַנגען.

וואָס אמת איז אמת — אַ לויה האָט דער רב געהאַט אַ שעהנע, אַפילו אייזיק דער שמיד, וואָס האָט געדאַרפט נויטהיג אָנשמידען צוויי פויערשע פערד, האָט געלאָזען די אַרבייט און מיט אַנ׳עם-האַרצישע שרעק געגאַנגען צו דער לויה. אַפילו נחמן דער קצב, וואָס האָט געדאַרפט נויטהיג ווי לעבען אָבשינדען און צורעכט מאַכען צוויי קעלבער, איז אוועק אויך צום בית-עולם, און געוואַרט ביז וואַנען מען האָט דעם רב בעגראָבען און פערשאָטען און אַ קדיש אָבגעזאָגט...

די ווייבער האָבען געוויינט אויף דער רביצין׳ס בראָך און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שטעדטילשע האַרץ איז ווייך געוואָרען...

געהענדיג צוריק פון דער לויה מיט ערנסטע פנים׳ער, האָבען די שטעדטילשע אידען, די דאָרפיגע, די קצבים, די שמידען מיט די סטאָליאַרעס זיך ביסלעך-ווייז צושמועסט און מען האָט דעם רב אָבגעגעבען זיינע שבחים.

— מילא געשטאָרבען — געשטאָרבען! — האָט נחמן דער קצב אָנגעהויבען צוגעהן צום עיקר, וואו וועט מען יעצט נעהמען אַ רב... ווער וועט ווערען אָנגעהמען ביי אונז יעצט די רבנות..?

— דאָס האָב איך שוין אויך געקלערט — האָט נאָך אַ קצב געענטפערט.

— איך וויים גאָר ניט, וואָס וועל איך היינט טהון מיט די צוויי קעלבער? האָט נחמן דער קצב שטאַרק פערזאָרגט גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— עס איז טאַקי זעהר ניט פרעהליך! — האָט זיך אַריינגעמישט נאָך איינער. צווישען אונז גערעדט האָט ביי אונז דער

רב קיין האָניג ניט געלעקט... וועלכער נאר וועט איצט וועלען קומען צו אונז, זיין א רב ביי אונז...

— הערסטו, אט דאס האב איך דאך טאקי מורא — האט נחמן דער קצב מיט שטארק ערנסטער מינע געזאגט.

— הייסט עס בלייבען מיר אהן א רב... האט איינער, ווי האלב אין שפאס האלב אין ערנסט א מורמעל געטהון.

— ס׳איז טאקי א ביטערע מעשה... מיר קענען בלייבען אהן א רב...

געהענדיג שטארק פערטראכט און פערזארגט, איז קענען זיי אנגעפאהרען א פוהר, אויף וועלכען עס זענען געזעסען צוויי אידען. דער עלטערער — א איד פון א יאהר 50, דער צווייטער א יונגער מאן פון א יאהר 28 מיט א דאר געל פנים. אויף וועלכען עס האבען לוסטיג געטאנצט א פאר לאנגע געקרייזעלטע פאות.

— וואס זענען דאס פאר אורחים! — האט נחמן דער קצב א פרעג געטהון.

— ווער קען וויסען? — האט אייזיק דער שמיד געענטפערט — מען דארף צוגעהן און א פרעג טהון.

באלד אבער איז פון וואגען אראבגעקראבען דער עלטערער איד און איז צוגעגאנגען צו דעם איבערגעבליבענעם עולם און געפרעגט:

— וואו קען מען ביי אייך פערפאהרען ערגעץ אויף אנ׳ אכסניא?

— ווער זייט איהר? — האט נחמן דער קצב געפרעגט און בע טראכט די צוויי פארשוינען פון קאפ ביז די פיס.

— איך אליין בין א איד פון א גאנץ יאהר — האט דער איד עניו׳דיג געענטפערט, — נאר דער יונגערמאן איז א רב, דאס הייסט שוין א פאר יאהר, אז ער האט סמיכה שוין מיינער אנ׳אידעם טאקי...

— אידען, ס׳איז שוין דא א רב! האט נחמן דער קצב פרעה־ ליך אנגעזאגט. נאר כדי דער שווער זאל זיך ניט איבערנעמען צופיעל, האט ער קאלט און טרוקען געענטפערט:

— איך פארשטעה ניט וואס איז דא די בייזע איילעניש. — מיר געהען דאך ערשט פון דער לויה...

— מײַן אײדים װעט איהם טאַקי מספּיד זײַן, האָט דער שװער האַרציג גערעדט — ער איז טאַקי צוליעב דעם געקומען. דערהערט, אַז אײַער רב האַלט בײַ'ן שטאַרבען...

— נו, נו, מיר װײסען... האָט נחמן דער קצב שטרענג זיך געװענדעט. איהר פאָרפאָהרט דערװײַל צו יענקיל אַרענדאַר און איך דאַרף נאָך געהן אָבשינדען אַ פּאָר קעלבער...

און צום שמיד האָט ער זיך געװענדעט:

— נו, זעהסטו, אַבי מורא געהאַט... מען קריעגט די סחורה...

און אַ װאָך אַרום זענען געזעסען בײַ יענקיל דעם אַרענדאַר פיער רבנים. די קהילה האָט זיך אָבער נים געאײַלט מיט'ן אויס־קלײַבען, נחמן דער קצב האָט געװאָרענט, אַז מען זאָל זיך ניט אײַלען, װאָרום מיט אַ רב, אַז מען פאַלט אַרײַן, איז ערגער װי מיט אַ װײַב...

— אַ רב, ברידער — האָט ער געװאָרענט — איז ניט קײן קלײַניגקײט...

דער באַהן בילעט.

(אַ שמועס אין וואַגאָן)

... איהר פאָהרט מיט אַ בילעט? — אַ נאַרישקייט, אַ גרויסע נאַרישקייט: אַלמאי זאָל מען פאָניען אָנשטאָפּען מיט געלד? מען זאָגט אפילו, אַז פּאָליאַקאָוו האָט אויך אַ חלק אין באַהן, נאָר וואָס מיינט איהר איז פּאָליאַקאָוו! ער האָט שוין אפילו לאַנג פערגעסען, אַז ער איז אַ יוד... נאָר מיר דאַכט, אַז מיט דער ליניע איז ער ניט קיין שותף... און אפשר יאָ — נאָר אַזוי צי אַזוי, אַ בילעט נעהמען איז אַ נאַרישקייט. ס'איז אַרויסגעוואָרפען געלד! איהר וועט זאָגען יושר! וועל איך אייך פרעגען צוריק, וואו איז בײַ זײַ יושר? אָט פאָהרען מיר שוין דריטע סטאַנציע און מיר האָבען נאָך אַליין ניט וואו צו זיצען! צונויפגעשטיקט ווי געגז... קראַנק זענען זײַ געוועזן צו־טשעפּען נאָך אַ וואַגאָן, צי טאַקע נאָך צוויי.. און גלאַט וועמעס כחות איז צו בעצאָהלען פאַר אַ גאַנצען בילעט: מילא איהר פאָהרט אודאי איין מאָל אין אַ שמיטה, קאָנט איהר זיך פערגינען צו קויפען אַ בילעט, אָבער איך, פערשטעהט איהר מיך, בין אַ יוד אַ קרעמער, פאָהר אַבּט מאָל אַ יאָהר נאָך סחורה, און מיר וואָלט מיין גאַנצע קראָם ניט אויסגעטראָגען, איך זאָל קויפען יעדעס מאָל אַ בילעט. אַז איך פאָהר מיט'ן „קאָנדוקטאָר", מאַך איך אויך ניט קיין גרויסע גליקען. אַמאָל טרעפט זיך, פאָהר איך נאָך אַ פעסיל הערינג, למשל, און איך זאָל נעהמען אַ בילעט, וועל איך שוין מוזען אַרויפציהען אויף יעדען הערינג אַ גראָשען און אַז איהר וואָלט געקענט אונזערע קונ-

דען, וואלט איהר פערשטאנען, ווי אזוי דאס איז גוט: אונזערע קונדען וועלען אייך א יאהר ניט פערזוכען קיין שטיקעל הערינג און וועלען אבקומען מיט א ציבעלע, אבי דער קרעמער זאל ניט אויספיהרען. אזוינע מינים קונדען זענען דא אין שטעדטיל!

פאהר איך מיר שטענדיג אהן א בילעט. און הלואי ווייטער! אמת, די ערשטע צייט פלעגט מיר דאס הארץ קלאפען ווי ביי א גזלן, ווען איך פלעג אריינגעהן אין וואגאן אהן א בילעט. א קלייניגקייט: מען שפיעלט זיך דא מיט פאניען! צוריק גערעדט קומט על פי זאקאן דערפאר ניט קיין גרויסער פסק. על פי זאקאן דארפען „זיי" גאר אראבווארפען ביי א סטאנציע, און דארטען פרעגט דער נאטשאלניק-סטאנציע א פאס, דעם נאמען און מאכט א פראטאקאל, אמאל אז דו פערגעסט דעם פאס אין דער-היים, צי דו האסט גאר קיין פאס ניט, שיקט מען דיר אב מיט'ן עטאפ, ס'איז אויך ניט קיין גרויס אומגליק... חאטש ס'וועגדט זיך פאר וועמען... פאר מיר, למשל, וואלט דאס געווען א הריגה—מיין קראם וואלט אינגאנצען חרוב געווארען. נאר הלואי ווייטער, מיך האט מען נאך קיינמאל ניט אראבגעפיהרט: ווייל נאך אלע זאכען בין איך פארזיכטיג. אמאל, למשל, האט זיך געטראפען אז איך האב ניט געהאט קיין בילעט און ס'איז גראד געגאנגען א „קאנטראליאר" בין איך געפאלען אויף א שכל און בין ארונטערגעקראכען אונטער א באנק און גלויבט מיר, אז דארטען איז גאר ניט אזוי שלעכט—געריימער ווי אין וואגאן. די גאנצע זאך איז, וואס אויך אונטער'ן באנק ביזטו ניט זיכער, ווארום אנ'אנדער קאנטראליאר, א שונא ישראל, למשל, הייסט זוכען אונטער'ן באנק, דעמאלט האט מען גראד ניט געזוכט: איך האב געהאט מזל. מען דארף צו אלץ האבען מזל... נאר דאס האט מיר נאר איינמאל געטראפען און יענע נסיעה האלט איך פאר דער בעסטער: עס האט טאקע ניט געקאסט קיין גראשען. דעם קאנדוקטאר גארניזשט געגעבען... אזוי אבער קאסט דער קאנדוקטאר, קיין סך גיב איך איהם ניט — א צוויי גילדען! ס'איז גענוג פאר איהם, מאלט אייך, אז ער האט אזוינע ווי איך אין די צעהנדליגער... דאס רוב זענען די קאנדוקטארען ניט קיין שלעכטע: גיסט אוועק איהם די צוויי גילדען — זעהסטו, אז ער איז דיינער א פריינד, חאטש א יוד — זיי האבען יושר... מיינע קאנדוקטארען — אלע בעקאנטע — זענען שוין גאר פיינע

גוים! אין גרונד גענומען, קומט דאָך דעם קאָנדוקטאָר די צוויי גילדען! פֿונדעסטוועגען בעדאַנקט ער: זאָגט איַך, וואָס איהר ווילט, דאָס איז אַנ'איידעלקייט פֿון אַ גוי,,. מיט מיר איז איינער פֿון זיי אַ גוטער ברודער און גראָד קומט מיר דאָס רוב אויס מיט איהם צו פֿאָהרען—ער ווייסט, ווי מען רופֿט מיך, קלאַפּט מיך שטענדיג איבער'ן פּלייצע און רופֿט מיך: מאַלאָדיעץ לייבעל! ער האָט טאַקע פֿון מיר איבערגענומען אַ היבשע מטבע: שוין 15 יאָהר, אַז מען פֿאָהרט אין שטאָדט אַריין נאָך סחורה אַכט מאָל אַ יאָהר! אַמאָל גיב איך איהם אויסער די צוויי גילדען אַ מתנה: אַ הערינגעל, אַ פּאָר זויערע אוגערקעס — מען קאָן ניט זיין קיין חזיר... און ער איז טאַקע ווערט... נאָך אַלע זאַכען טהוט ער יודען טובות. עס קאָסט פֿאָרט ביליגער, ס'איז דאָך נאַריש!... איין מאָל נאָר איז ער אויף מיר שיער ניט אין כעס געוואָרען... און ער איז געווען גערעכט. איך האָב מיך אָבער פֿערחאַפּט: ס'האָט מיר אַפֿילו געקאָסט יענע נסיעה אַ שענע פּאָר גראָשען און זער איז אַלץ שולדיג—עפּיס אַ נאַרישער יוד איינער! אויפֿ'ן וואָקזאַל האָט ער צווישען אונז געמאַכט אַ מהומה: באַשר עס פֿאָהרט זעהר אַ בייזער „קאָנטראָליאָר“ און מען מוז נעהמען בילעטען! איך האָב אַפֿילו לכתחלה געלאַכט: וואָס הייסט אַ קאָנטראָליאָר: דער קאָנדוקטאָר וואָלט אודאי גלייך צו וויסען געגעבען, האָב איך אָבער איהם בשום אופֿן ניט געפֿונען... מילא פֿערפֿאַלען—מען מוז נעהמען אַ בילעט: אַכט בלוטיגע גילדען! היינטיגע פּרנסות! פֿער-פֿאַלען! גענומען אַ בילעט! איך געה אַריין אין וואַגאָן—ס'איז אַ מהומה, עס פֿאָהרט, זאָגט מען, זיכער אַ קאָנטראָליאָר און יע-דערער וואָרענט דעם אַנדערן: אַ בילעט, למען השם, יודען, האָט בילעטען! נו, טראַכט איך מיך, אַבי איך האָב! און מיין קאָנ-דוקטאָר זעה איך ניט! דער צוג נעהמט זיך ריהרען, איך שטעה מיר אָנגעשפּאַרט אָן פֿענסטער און טראַכט פֿון די איבעריגע עט-ליבע גילדען און עס רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ; היינטיגע פּרנסות!... און גלאַט מוז איך איַך זאָגען, בין איך ניט געוועהנט געווען צו פֿאָהרען מיט אַ בילעט — נעה היט זיך מיט איהם! אַלע ווײַלע טאַפּ איך איהם אין קעשענע צי ליגט ער, דער קאָפּ איז פֿערדרעהט, און צו אַ בילעט בין איך ניט געוועהנט—איך קאָן איהם נאָך פֿערליערען.

אין א פערטיל שעה ארום, מיר זענען שוין אבגעפאהרען א האלבע סטאנציע, קומט צו דער קאנדוקטאר מיינער! וואו קאנט־ראליאר, ווער קאנטראליאר — אנ׳אויס געטראכטע מעשה! איך בין אזוי צוטומעלט געווארען, אז איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טהון. דא הער איך, ווי דער קאנדוקטאר רופט זיך אן: נו, לייבעל, וואס שווייגסטו? הייסט וואס טהוט מען דא? — זאל איך איהם געבען דעם בילעט, הייסט וואס וועט ער האבען? ער קאן נאך פאראיבעל האבען... מילא, איהר וועט דאך פון מיר לאכען— איך האב ארויסגענומען צוויי גילדען און האב איהם געגעבען. איך האב מיך, גלויבט מיר, געשעמט צו געבען איהם דעם בילעט... עס האט פשוט ניט געפאסט!... שטענדיג פאהרסטו אהן א בי־לעט, מיט א מאל וועסטו פריש און געזונד און משוגע און גיסט איהם א בילעט... עס פערשטעהט זיך, עס האט מיר געקאסט די מעשה גענוג געזונד. איך בין פון דער דאזיגער נסיעה בדלות געווארען. ארום און ארום האט זי מיר געקאסט 12 גילדען, נאר טהו, מאך, איך האב ניט געקאנט מיט׳ן קאנדוקטאר איינרייסען... עס האט ניט געפאסט... און דער עיקר—איהר וועט גלויבען — איך האב מיך פשוט געשעמט צו געבען איהם דעם בילעט...

די ערציהונג.

די סדרה איז געווען אַנ'אומעטיגע, איבערהויפּט די הפטורה. חנה האָט זיך בײַם טײַטש־חומש גוט אויסגעוויינט. אַז זי האָט געענדיגט די סדרה, איז געווען דרײַ אַ זייגער. חיים איז שוין אַוועק אין שוהל הערען דעם מגיד, די עלטערע קינדער אויפ'ן שפּאַציר, נאָר איין מײדעל פון אַ יאָהר זיבעצעהן איז געזעסען בײַ אַ פענסטעריל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום הויף, און האָט געלייענט אַ מעשה־ביכעל, פאַר וועלכעס זי האָט בעצאָהלט פּראָקאַט־געלד צוויי קאָפּיקעס. דער פינפטהאַלבען־יעהריגער חאַצקעלע, וועלכען מען האָט שוין אויף ווינטער געדעבענט אָבצוגעבען אין חדר, איז געזעסען אויף דער ערד און האָט זיך געשפּילט מיט אַ בלוי שטיקעל פּאַפּיר.

— ביילקע! גיב אַכטונג אויף דער שטוב! איך וועל אַ ווײַלע אַרײַנגעהן צו דאָבע־ריווען.

און איידער ביילקע האָט בעוויזען צו ענטפערן, האָט זיך דער קלײנער חאַצקעלע, ווי אַ שפּאַרבעריל, אַ הויב געטהון, אַוועקגעשטעלט זיך אויף די צוויי דינע פיסלעך און מיט אַ געוויין אויסגעברומט:

— איך אויך געהן..

— ניין, דו בלײַב דאָ! -- האָט חנה אָנגעשריען, — ניטאָ וואוהין צו געהן.

חאַצקעלע אָבער האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער מאַמעס קליידּ, ווי ער וואָלט זיך וועלען צוקלעפּען, און געשריגען:

— איך אויך געהן...

— נעהם איהם אויך! האָט ביילקע פאַרגעשלאָגען.

— נעהם איהם אויך! — האָט חנה איבערגעקרימט — מיינע שונאים זאָלען אַזוי לעבען, ווי מען קאָן מיט איהם אין אַ שטוב אַריין — ווי נאָר מ׳זין געהט מיט איהם ערגיץ אַריין — גלייך מאַמע עסען! דאָס פּנים פלאַמט מיר.

— ניט בעטען, — האָט חאַצקעלע פאַרזיכערט.

— נערענק־זשע! — האָט חנה געסטראַשעט מיט׳ן פינגער — טאַמער בעטסטו דאָרט עסען, וועל איך דיך דער׳הרג׳ענען...

— ניט בעטען, מיינע נאמנות! — האָט חאַצקעלע פאַר־זיכערט.

נאָר כדי זי זאָל זיכערער זיין אין זיין הבטחה און זיין שבועה, האָט חנה אָבגעשניטען אַ קליינע „המוציא" פון דעם איבערגעבלי־בענעם שטיקעל „חלה" פון שבת׳דיגען וואַרמעס און האָט איהם דערלאַנגט:

— עס אַ שטיקעל חלה, וועסטו ניט זיין הונגעריג, עס אויף גיך, איך וועל וואַרטען.

אַ פרעהליכער פון דעם, וואָס ער געהט צו דאָבע־ריווע׳ן, וואו עס זענען דאָ אַ סך קינדערלעך, לויט ער געדענקט נאָך פון אַ מאָל, אַז ווען ער איז דאָרט געוועזען, און טאַקע פון דער „המוציא חלה", וואָס ניט אַזוי אָפט בעקומט ער עס, איז חאַצקעלע אַזש אונטערגעשפּרונגען.

פאַרטיג געוואָרען מיט דער „המוציא", — האָט איהם די מאַמע אָבגעווישט די ברעקליך פון מויל, אויסגעשנייצט דאָס נע־זעל, פערזאָגט און ווידער פערזאָגט איהם, אַז ער זאָל ניט בע־טען עסען און אפילו, אַז מען וועט איהם דאָרטען עפּיס געבען, זאָל ער אויך ניט נעמען.

— ניט נעמען! — האָט חאַצקעלע פאַרזיכערט.

און זיי זענען אַרויס.

דאָבע־ריווע, אַ יוסטע בעל־הבית׳טע, אין אַ געדיכטען

פֿאַרוק. אונטער װעלכֿען עס האָבען אַרױסגעקוקט צװײַ גרױסע שװאַרצע יודישע אױגען, מיט אַ פֿול פּנים, איז געזעסען אױך איבערן טײַטש־חומש און ניט האָבענדיג קײן צוברעכֿען האַרץ, װי חנה, האָט זי ניט געװײנט. נאָר אױס פֿרומקײט געזונגען מיט אַ געמאַכֿטען טרױעריגען נגון.

איבערגעריסען האָט איהר חנה׳ס ברײטער: גוט־שבת!

— גוט־שבת! גוט־שבת! — האָט דאָבע־ריװע זיך גלײַך אױפֿגעהױבען פֿון אָרט און איז געגאַנגען חנה׳ן אַנטקעגען — אַקוראַט ענדיג איך די הפטורה... נו, אַ ביסעל אַ הפטורה הײַנט! אַ שטײן קאָן צוגעהן! האָט זי צוגעגעבען מיט אַ מינע פֿון אַ רביצין, װיסענדיג, אַז חנה איז אַ גרױסע געלערנטע.

— הײַנטיגע גאַנצע סדרה איז װערטה געלד! האָט חנה אַרױסגעזאָגט איהרע מבינות מיט אַנ׳אױטאָריטעטען־טאָן. נאָר באַלד האָט זי זיך פֿערכאַפּט:

— דוקא הײַנטיגע! און פֿאַר־אַכֿטאָגיגע און פֿאַרצװײ־װאָכֿעדיגע...

— אַבי די מאַנסבילן לאַכֿען פֿון אונזער טײַטש־חומש... — האָט דאָבע־ריװע גוטהערציג געשמײכֿעלט...

— הײַנט לאַכֿען שױן ברוך השם ניט נאָר די מאַנסבילן, די מײדלעך לאַכֿען שױן אױך... האָט חנה זיך ערנסט געקלאָגט! מײַן בײלקע זאָל געזונד זײַן, װעט קײנמאָל ניט נעמען דעם טײַטש־חומש אין האַנד אַרײַן, אַלץ די מעשה־ביכֿלעך, און די מעשה ביכֿלעך!

— איך װײס טאַקי ניט װאָס פֿאַר אַ מין כּשוף שטעק אין די מעשה ביכֿלעך. — האָט דאָבע־ריװע געדריקט מיט די פּלײצעס — מײַן גאָלדע איז אױך אַזױ — אַלע פֿרײַטאָג מוז זי נעמען אַ ביכֿעל אױף שבת און װײנט איבער איהם פּונקט װי אױף אַ תּחינה... „מײנער“ װאָלט זי אױפֿגעגעסען דערפֿאַר. מיר אַרט דאָס שױן ניט אַזױ — מילא, זאָל זי לײענען...

— יאָ — האָט חנה מודה געװען — קײן אונגליק איז דאָס ניט. הײַנטיגע צײַטען מוז מען דאָס אױך...

נאָכֿדעם װי דער פֿאָדעם פֿון דעם דאָזיגען שמועס האָט זיך צוריסען, האָט דאָבע־ריװע שבת׳דיג אַ געניץ געטהון, װי איהר שטײגער איז געװען, און אַ קוק טהוענדיג אױף חאַצקעלע׳ן, האָט זי נענעצענדיג צוגעגעבען:

— דאָס איז, דאַכט זיך, דײַן חאַצקעלע... שוין אַ בחור!

חאַצקעלע האָט זיך פֿערשעמט, האָט אַראָבגעלאָזט די אויגעלעך און זיך געטוליעט צו דער מאַמען...

— אַ צולאָזענער! — האָט חנה פֿער'מסר'ט...

— אַ קינד! — האָט דאָבע-ריווע פֿערטייַדיגט...

— ווילסט אפשר, חאַצקעלע, עסען? — האָט דאָבע-ריווע פֿרײַנדליך זיך געווענדט צו חאַצקעלען...

חאַצקעלע האָט אויפֿגעהויבען די אויגעלעך אויף דער מאַמען ווי פֿערגעסענדיג זײַן „וואָרט". די מאַמע האָט איהם בגנבה אַ קניפּ געטהון און אַנשטאָט איהם געענטפֿערט:

— זאָל ער אַזוי זײַן הונגעריג דאָס גאַנצע לעבען! — פֿאַר וועקגאַנג האָט ער אָבגעגעסען אַ שטיק חלה מיט אַנ'איי.

חאַצקעלע האָט געוואָלט אַ געשריי טהון בייז: אַ ליגען: אָהן אַנ'איי! די מאַמע האָט איהם אָבער מיט איין האַנד אַזוי שמאַרק געקניפּען, אַז ער האָט פֿערשטאַנען, אַז מען טאָר דאָס איי ניט אָבלייקענען, אַז אַ מאַמע זאָגט, איז געזאָגט און ער האָט נעביך געשוויגען, אין האַרצען בייז טראַכטענדיג: די מאַמע איז אַ ליגנערין...

דאָבע-ריווע האָט זיך אָבער געהאַלטען בײַ איהר שיטה, אַז אַ קינד, אַז עס געהט זיך דורך אַ ביסעל, וויל עס באַלד עסען, אין ניט וואַרטענדיג אויף חנה'ס מיינונג וועגען דעם, איז זי צוגעגאַנגען צום שפּײַז-אַלמעריל.

חנה האָט זיך אָנגעצונדען:

— אסור זאָל אײַך זײַן, ראָבע-ריווע, אויב איהר וועט איהם עפּיס געבען...

און גלײַך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו חאַצקעלע'ן, שיפּענדיג.

— זאָלסט ניט נעהמען! איך וועל דיר ממית'ן.

חאַצקעלע האָט געשוויגען. עס האָט געהייסען, אַז ער וועט זיך נאָך מיישב זײַן...

דערווײַל האָט דאָבע-ריווע אָנגעשמירט אַ שטיק חלה מיט אַזאַ מין סאָק, וואָס צייט חאַצקעלע לעבט האָט ער אַזוינס ניט געזעהן... ער האָט אַוועקגעשטעלט זײַנע גרויסע אויגעלעך בעטענדיג אויף דער מאַמען, ווי געזאָגט:

— היים נעמען! ...

נאָר ראָבּע־ריווע האָט אָנשטאָט איהם, זיך אַליין צו חנה'ן געווענדט און פריינדליך געזאָגט:

— היים איהם, חנה, יעמען ...

חנה איז געווען רויט ווי צונטער, איהרע ווינקלעך ביי די ליפּען האָבּען געציטערט:

— אויבּ ער וויל ...

— ווילסט, האַצקעלע? — האָט ראָבּע־ריווע אויסשטעקענ־דיג די „המוציא“, אָנגעשמירט מיט דעם סאָק, געפרעגט:

— וויל ... — האָט חאַצקעלע אויסגעשטאַמעלט און גע־קוקט אויף דער מאַמע, צונעהמענדיג די „המוציא“ ...

— זעהסט — האָט ראָבּע־ריווע ווי אַ זיגערין געזאָגט — אַ קינד, אז עס געהט זיך דורך, וויל עס באַלד עסען ...

זאָג חאָטש אַ דאַנק! — האָט חנה זיך ווייטער געוואָרפען צו חאַצקעלע'ן.

נאָר חאַצקעלע'ס מויל איז צופערנומען געווען אין אַפילו קיין דאַנק האָט ער אויך ניט געזאָגט.

און חנה איז געזעסען ביי ראָבּע ריווע'ן, ווי אַ בעגראָבּענע טראַכטענדיג:

ער פערשווארצט די אויגען, דער בעטלער! ...

דער פוילישער גלח

נאך מנחה, ווען דער שבת פלעגט זיך פאקען אין וועג אריין און די יודען פון שטעדטעל פלעגען ארוים אויפ'ן גאס, ווי זיי וואלטען וועלען איהם בעגלייטען, פלעגען די גלעקער פון די צוויי קלויסטערס — פונ'ם רוסישען און פון פוילישען — אנהויבען צו קלינגען אויף חגא.

דאס קלינגען פלעגט די שטעדטעלשע יודען דערמאנען דעם מארגענדיגען מארק-טאג, און אנדערע, מיט מינעם פון שטערנזעהער, פלעגען פערדרייסען די אויגען צום הימעל און נביאות זאגען, וואס פאר א וועטער מארגען וועט זיין. צי עס וועט זיין א „גרויסער מארק" צי נישט.

און דעם „מארק" האבען די שטעדטעלשע יודען געדארפט האבען נויטיג ווי דאס לעבען. דאס גאנצע שטעדטעל האט געצויגען די חיונה פון דעם זונטאגדיגען מארק. נישט נאר קרעמער און הענדלער, אפילו שניידער, שוסטער און אנדערע בעלי-מלאכות פלעגען אהן דעם מארק נישט קענען אויסקומען. שטיינס געזאגט, וואס מען קען פון א יודען פערדינען.

און די מערק זענען טאקי גרויסע געווען. אויסער אין רעגענדיגע אדער שנעעדיגע טעג פלעגען פון ווייטע דערפער גוים ניט קומען צו פאהרען, און די יודען פון שטעדטעל פלעגען מוזען פאר ליעב אננעהמען א קליינעם מארק, האפענדיג אויף דער קומענדיגער וואך.

אמת, ביז 12 א זייגער פלעגען די קראמען און די שענקען מוזען זיין פערמאכט. „די „מאליטווע" געהט אן אין קלויסטער",

פֿלעגט דער בעקאַנטער סאָטסקי ערקלערען זײַנע אונטערטהעניגע — „מען טאָר נישט"! נאָר קיין גרויס בײז פֿלעגט נישט זײַן. ווען א קרעמער, צי א שײַנקער פֿלעגען אויך ביז צוועלף האַפּען לײַזען עטליכע גראָשען, דען חאָטש דער סאָטסקי איז א פֿרומער גוי געווען, האָט ער אָבער געריכערט א ליולקע און געטרונקען, און פֿלעגט צוליעב די בײדע שוואַכקײַטען זינדיגען אַמאָל קעגען דער אמונה, און קוקען ווי דורך די פֿינגער אויף דעם פּדיון, וואָס עס פֿלעגט בשעת „מאָליטווע" פֿאָרקומען.

וויּ׳ם טהוט ניט א סאָטסקי צוליעב א פּעקעל מאַחאָרקע און א ביסעל בראָנפֿען?

און די יודען פֿון שטעדטעל זענען געווען צופֿריעדען מיט זײַער סאָסטקי און מיט דעם זונטאָג און האָבען גאָט געדאַנקט, וואָס ער האָט בעשאַפֿען א סך פֿעלקער, ווי פּראַוואָסלאַוונע און קאַטאָליקען, וואָס האָבען צו בעזונדערע קלויסטער, וואוהין זײ קומען אַלע זונטאָג צו פֿאָהרען „מאָליען" זיך, אָנקויפֿען נויטיגע זאַכען און טרינקען.

איין מאָל, שבת נאָך מנחה, ווען די שטעדטעלשע יודען זענען געשטאַנען אין דרויסען, און אַנדערע, ווי שטערענזעהער, האָבען געקוקט אויפ׳ן הימעל, צי עס וועט זײַן מאָרגען א שענער טאָג, און האָבען בעשלאָסען אויף יאָ, און האָבען פֿאַר צופֿריעדענהײַט געריבען א האַנד אָן א האַנד, און פֿרום געגלאָצט די אויגען, און האַרציג אונטערגעזיפֿצט, — האָט זיך פּלוצלונג איין יוד, חיים דער קרעמער, אָנגערופֿען מיט א געלעכטעריל:

— דער פּוילישער קלויסטער, וואָלט איך שווערען קלינגט הײַנט ניט.

— פֿאַר וואָס זאָל ער עפּיס נישט קלינגען? — האָט געפֿרעגט נאָך א קרעמער.

אײניגע פֿונ׳ם רעדעל יודען, וואָס איז אויף דער גאַס געשטאַנען, האָבען אָנגעשטרענגט דעם חוש השמיעה, און אין א ווײַלע אַרום האָט אײנער בעשטעטיגט.

— יאָ, דער רוסישער קלינגט און דער פּוילישער נישט.

און ווירקליך האָט זיך געהערט א שטאַלץ קלינגען פֿון רו-

סישען קלויסטער אליין, ווי ער וואלט זיין צופרידען, וואס זיין ריין־רוסישער „בים־באם" צומישט זיך ניט מיט דעם פוילישען, וועלכען ער האט נישט בעזאנדערס ליעב.

— דאס איז ניט קיין גלאטע מעשה! — האט איינער פון רעדעל, וואס האט אלץ געקוקט אויפ'ן הימעל און גאר אנגעקוואלען פון דעם שענעם קומענדינען טאג, זיך אנגערופען — איך בין א בעלן אריבער צו געהן צום קלויסטער און געוואהר ווערען.

— וואס דארפסטו געהן, אט געהט אנופרי, ער איז א קאטאליק, וועלען מיר איהם פרעגען.

אנופרי, א הויכער קריסט, מיט גרויסע וואנצעס איז פערביינעגאנגען.

– דאברי וועטשער! — האט איהם איינער פון רעדעל פערהאלטען.

— נאר רייד נישט קיין נארישקייטען, האט מען דעם יודען געווארענט — דו ווייסט דאך, זיי זענען האנאראוואטע, די פוילישע...

— אויף מיר מעגסטו זיך פערלאזען...—האט יענער מיט גדלות געענטפערט, און האט זיך ווידער געווענדעט צו אנופרי'ען:

— וואוהין געהט דער יעגאמישטש? אודאי אין קלויסטער.

אנופרי האט א זיפץ געטהון, און האט יאושדיג א מאך געטהון מיט דער האנד.

דאס רעדעל האט זיך גלייך דורכגערוגען מיט אנופרי'ס שטימונג און האט געווארט אויף אן ערקלעהרונג, אונטערזיפצענדיג.

— נישטא קיין קלויסטער... נישטא קיין גלח... האט ער ווי איין אבל גערעדט.

— וואס, וואס? האבען זיך די יודען אלע אויפגעחאפט ווי פון א בים.

— מען האט היינט ביי נאכט צוגענומען דעם גלח און פער'חתמ'עט דעם קלויסטער, האט אנפורי מיט אנ'אבלדיגען קול דערצעהלט.

— סטייטש, פאר וואס? האבען די יודען אין איין קול אויסגעשריגען.

— פאר וואס? דערפאר, וואס מען דריקט אונז, — האט דער פאליאק געענטפערט — דער גלח האט געפיהרט די תפלה אויף אונזער לשון, האט מען איהם גע'מסר'ט...

— אי--אי--אי!— האבען די יודען מיטגעפיהלט, און האבען נישט געוואוסט, ווי אזוי צו טרייסטען איהם.

אנופרי איז מיט אנ'איינגעבויגענעם קאפ אוועקגעגאנגען, און די יודען האבען זיך גענומען קראצען אין די פאטילנעצע, שווייגענדיג א קורצע צייט.

— איהר ווייסט, יודען, אז דער גלח, וועט אונז מעהר פעהלען ווי זיי... — האט זיך איינער פלוצלונג אנגערופען:

— וואס הייסט?

— דאס הייסט, אז זונטאג, וועלען זיין קליינע מעדק, די קאטאליקען וועלען פאהרען ערגיץ אנדערש...

— דער יוד איז גערעכט, ווי איך בין א יוד!—האט איינער פארראטקעוועט און געביסען די צונג.

— א מיאוס'ע מעשה,— האט נאך איינער אונטערגעברומט.

— א היבשע חתונה!— האט א דריטער געזאגט—סטייטש, ווי אזוי איז ער אזא נאר און „זאגט" די מאדליטוועס אויף א לשון, וואס איז על פי זאקאן פערבאטען?

— איהר ווייסט!— האט איין יוד פלוצים אויסגעשריען ווי מיט שמחה,— אז אונז איז שוין כמעט בעסער פאר זיי—מיר מעגען דאוונען, ווי מיר ווילען, מיר איז דאס טאקי א חידוש...

— נו, נו... — האט א צווייטער בייז איראניזירט— מיר וועלען זעהען, וואס וועסטו מארגען זאגען, אז די קאטאליקען וועלען פאהרען צום מארק אין אנ'אנדער שטעדטעל, און דו וועסט א גראשען נישט לייזען...

— יא, יא, דאס ביזסטו גערעכט!

אין דער זעלבער צייט האט די דאזיגע קהלה געפיהרט א מחלוקת וועגען א מתנגד'ישען רב. דער קלענערער חלק מתנגדים אין שטעדטעל האט געוואלט נעהמען עקסטרא נאך א רב, א מתנגד'ישען, און עס האט שוין געהאלטען ביי פעטש אין בית המדרש, אבער די מעשה מיט'ן פוילישען גלח האט אזוי פערדרעהט די קעפ ביי די שטעדטעלשע יודען, אז זיי האבען פערגעסען ווער עס איז א מתנגד.

פעראייניגט האט זיי יעצט איין ציעל: א פוילישער גלח. זיי מוזען זעהען אראפבברענגען א פוילישען גלח! ווען נישט וועט

דאָס שטעדטעל אונטערגעהן, וואָס אַ זונטאָג איז דער „מאַרק" אַלץ קלענער און קלענער געוואָרען, אַלע קאַטאָליקען פאָהרען ערגיץ אַנדערש צום מאַרק.

— וואָס וועט זיין, יודען! — האָט איינמאָל איינער פון די מתנגדים, וואָס האָט נישט אַנדערש אַמאָל געוואָלט נאָר בעזונדער אַ מתנגדישען רב, זיך אויפגעשטעלט שבת נאָכ'ן דאַווענען אין בית-מדרש, — עס איז דאָך נישט קיין שכל... מען מוז דאָך זעהען זיך אַרומקוקען וועגען אַ פּוילישען גלח... עס איז דאָך געקומען עד הנפש. מען לייזט דאָך נישט אַ זונטאָג קיין צעהנט-חלק, וואָס מען האָט געלייזט.

— ער איז גערעכט! — האָט נאָך איינער אונטערגעהאַלטען, — איך זאָג אייך, אַז איך וועל בדלות, זינט דער פּוילישער גלח איז ניטאָ. אַ קלייניקייט! אַלע קאַטאָליקען פאָהרען ערגיץ אַנדערש. מען מוז דאָך זעהן עפּיס טהון!

— אַ „פּראָשעניע" צום גובערנאַטאָר! — האָט איינער אויסגעשריען.

— צום „אַלחירני"—האָט נאָך איינער געדונערט.

— אין סענאַט! — האָט אַ דריטער געהילכט.

— מען דאַרף זיך לאָזען קאָסטען, עס איז נישט קיין תירוץ, עלעהיי אַ רעוויזאָר, צי אַ פּריסטאַוו, — האָט שוין אַ בעל-הבית פון מורח וואַנד בעל-הבתיש געווענדעט זיך צום רב, — ווי מיינט איהר, רבי?

— די מעשה איז אַזוי... — האָט דער רב פרום געזיפצט.

און דאָס שטעדטעל האָט געקריגען אַ מאַניע: אַ פּוילישען גלח.

קומט צופאָהרען ווער אין שטעדטעל, שטעלט אָב אַ יודען, שטעקט איהם אָב שלום, און פרעגט: — וואָס מאַכען עפּיס יודען? בעקומט דער אורח גלייך אַנ'ענטפער:

— זעהר ניט גוט, — מיר האָבען קיין פּוילישען גלח ניט!

— וואָס דאַרפט איהר דעם פּוילישען גלח? פרעגט יענער פערוואונדערט און גלאָצט די אויגען.

— וואָס רעדט איהר? וואונדערט זיך צוריק דער שטעדטעלשער, עס איז צוליעב דעם קיין מערק ניטאָ! מען לייזט ניט!

— אהא! — בעגרייפט גלייך דער אורח און ענטפערט:
—טאקי ניט גוט, וואס־זשע טהוט איהר דערצו?

— אט דאס איז דאך דאס אונגליק, וואס מען טהוט ניט, אט דאס טענה איך דאך. אז מען טהוט ניט, — צוקאכט זיך דער שטעדטעלשער יוד און ווערט אש להבה אויף דער גאנצער קהלה.

און די קהלה האט געזיפצט, געקרעכצט און געבענקט נאך א פוילישען גלח...

וועגען א צווייטען רב האט מען לחלוטין פערגעסען...

בײַ דאָקטוירים!

(הומאָרעסקע)

פון דער חברה „קרעדיט-געזעלשאַפֿט פֿאַר בעלי-מלאכות" איז יענקעל דער שנײַדער נתפּעל. „זײַנד חברות האָבען זיך געחברה'ט, — ווײַצעלט ער, — ווי זײַן שטײַגער איז: „איז נאָך אַזאַ חברה ניט געווען". ערשטענס געפֿעלט איהם, וואָס אַ בעל-מלאכה, אַ רעמעסלעניק, הײסט עס, איז נאָר דער, וואָס פֿיהרט אַנ' אײגענעם טיש און האָט ווײַנגנע געצײַג... „וואָס דען, די שקאַציקעס, וואָס זײער געצײַג איז נאָר זײערע צעהן פֿינגער און הײַנט אַרבײַטען זײ דאָ, מאָרגען דאָרטען — זײ זענען דען מענשען? אָט, איך בין אַ שנײַדער, אָבער ווײַבאַלד איך פֿיהר אַנ' אײגענעם טיש און האַלט פּועלים, בין איך טאַקי אַ טשלען אין דער חברה און האָב קרעדיט ביז 30 רובעל. אַ קלײניגקײט בײַ אַ „נאַש בראַט" 30 רובעל! בשעת הדחק, למשל: אַ פֿאַר פּסח, אַ פֿאַר סוכות, עפּענען זיך דאָך די אויגען, אַז מען קריגט געליהען 3 צעהנערלאַך... לײַהט מען כּלומרשט אויף געצײַג, אויף מאַטעריע", אָבער ווער דאַרף דאָס וויסען, אַז דאָס איז אויף מצה, צי גאָר אויף שיכלאַך פֿאַר די קינדער?

און זײַנד די דאָזיגע חברה האָט זיך געגרינדעט, געהט זי איהם פֿון זינען און פֿון מויל ניט אַרויס. עס איז אַ סברא, אַז ניט די הילף, וואָס ער בעקומט פֿון דער חברה איז איהם דער עיקר, איבערהויפּט איז ער שטאָלץ וואָס ער, יענקעל דער שנײַדער, וואָס האָט אין שפּײַז קרעמעל קאָנטאָ סך הכּל ביז אַ האַלב-קערביל ווערט גאָר פּלוצלונג אַ „טשלען" און מען געטרויט איהם ביז 30 קערבלעך — אַזאַ אײגענס געלד!...

— פֿאַר אַזאַ סומע געלד, — ווײַצעלט ער אַמאָל — זײ װאָלען נאָר ניט אַוועקגעהן אויף מצה, צי אַזוי אויף דער הוצאה, בשעת עס איז ניטאָ קײן אַרבײַט, קען מען דאָך גאָר אָנהײבען צו האַנדלען און ווערען אויס בעל-מלאכה...

און יעָנקעֶל ליגט דערפאַר מיט די ביינער אין דער דאָזיגער חברה. האפּט זיך אַמאָל אַריין אין קאָנטאָר ווּסעֶן, וואָס „הערט זיך", אַמאָל מיט אַ בקשה: אָבלייגען דעם טערמין פון צאָהלען און אַמאָל: פּרואווען קריגען אַ הוספה אויף זיין קרעדיט נאָך אַ צעהנרובעלדיגע... עס וואָלט, נישקשה, צוניץ געקומען! און ניט איין שעה האָט ער שוין אַזוי מבטל געווען צוליעב דער דאָזיגער חברה, פאַר וואָס די ווייב זיינע פלעגט איהם אַמאָל, אַזוי פאַרביי־געהענדיג, אַ זאָג טהון:

— די גליקען פון דיין חברה ווייס איך נאָך „ברוך השם" ניט... דו צורייבסט מעהר צייט, ווי עס טרעפט אָן די געלד, וואָס דו לייהסט דאָרטען...

נאָר יעָנקעל ענטפערט איהר מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל פון אויבען אַראָפּ:

— דו האָסט צ פּנים אַ ידיעה אין אַזוינע זאַכען... אַט פרעג דיך בחרם...

נאָך שטאַרק נתפּעל איז ערשט יעָנקעל געוואָרען, ווען די דאָזיגע חברה האָט פערברייטעט איהר טהעטיגקייט און האָט געגרינדעט נאָך אַנ׳אָבטהיילונג אין דער חברה: „רופאי חולים". די תקנות פון דער חברה זענען בעשטאַנען אין דעם, אַז יעדער מיטגליעד פון דער קרעדיט־געזעלשאַפט, ווען ער צאָהלט איין צוויי רובעל אַ יאָהר, האָט ער דאָס רעכט, ווען ער, צי ווער פון זיין הויז־געזינד. ווערט חלילה קראַנק, צו ווענדען זיך צו יעדען דאָקטאָר, וועלכען ער וויל נאָר אַליין. דערויף ניט זיך יעדערען אַרויס אַזאַ ביכעלע און ווי נאָר מען ווייזט דעם דאָקטאָר דאָס ביכעלע מיט׳ן שטעמפּעל „רופאי חולים", מוז דער דאָקטאָר היילען אָהן אַ גראָשען געלד און דאָס גלייכען דאַרף יעדער אַפּטייקער געבען רעצעפּטען, ווי פיעל דאָס האַרץ געלוסט.

— דו בענעהמסט חאָטש, וואָס פאַר אַ טייערע זאַך דאָס איז! האָט ער געפּרואווט איינטאָלקעווען מיט דער ווייב, אַז זי זאָל איהם ערלויבען איינשרייבען זיך אין דער דאָזיגער חברה.

— יאָ, גוט איז דאָס...—האָט די ווייב אונטערגעזיפצט... הלואי זאָל מען ניט דאַרפען... אַ דאָקטאָר קומט צוניץ... אַט ביירעלע הוסט טאַקי, און יענטעלען רינט שוין אַ פּאָר חדשים פון אַנ׳אויער, איי וועלוועלע פּרואווט גאָר ניט עסען, אויסגעדאַרט

נעבעך איז ער געוואָרען, און איך אַליין וואָלט אויך געדאַרפט אַ דאָקטאָר ... אָבער צוויי רובעל איז דאָך באַלד אַ האַלבע שורקע האָלץ ...

— ביזט אַ בהמה! – איז שוין יענקעל פון געדולד אַרויס, — און האָט פאַר די לעצטע צוויי רובעל אייַנגעשריבען זיך אין דער חברה .

— זאָלסט היינט נעהמען בערעלען און אַוועקפיהרען צום דאָקטאָר מינץ ... אַ טייערער דאָקטאָר , —האָט יענקעל פערזאָגט דער ווייב אויף מאָרגען נאָכ'ן אייַנשרייַבען זיך. — מינץ נעהמט דאָך ניט אַנדערש , ווי אַ האַלבען רובעל . פערשטעהסט? דער בעסטער דאָקטאָר אין שטאָדט . געה שוין אַריבער , נאַ דיר דעם ביכעלע מיט'ן שטעמפעל „רופאי חולים״ , וועסט איהם וויַזען און אַוועקגעהן ...

און אַז דאָס ווייַב האָט אָבגעטהון איהרע מלאכ'ית האָט זי בערעלען געהייסען גוט אויסשנייַצען די נאָז . אָנגעטהון איהם די שבת'דיגע היטעלע און איז מיט איהם געגאַנגען צו מינץ ...

יענקעל האָט איהר , אַ גליקליכער , נאָכגעקוקט און האָט געטראַכט :

— אַ האַלבער רובעל וועט שוין אַראָב ... מאָרגען וועט געהן יענטעלע , איבער מאָרגען בערעלע , איבער־איבער מאָרגען וועלוועלע ...

— אַזאַ טייַערע זאַך , ווי די חברות זענען , איז ניטאָ אויף דער וועלט ! —האָט ער שוין זיך ניט געקאָנט אייַנהאַלטען ניט אויסצודריקען זייַן התפעלות פאַר זייַן אייַנציגען פועל .

דער פועל , אַ הויכער און אַ דאַרער , מיט פייַכטע אויגען האָט טרויעריג אָבגעענטפערט :

— יאָ , וועמען גאָט העלפט ...

פון דעם דאָזיגען ענטפער איז יענקעל שטאַרק געריהרט געוואָרען און ער האָט בעשלאָסען צו זעהען מאַכען עפּעס אַ שווינדעל אין ביכעלע און זעהען , אַז דער פועל זאָל זיך מיט איהם אויך קענען בענוצען .

— דו זייַ נאָר אַמענש — האָט ער זיך צום פועל געווענדעט ,—וועסט דו אויך אַרייַנגעהען צו דאָקטאָר ... איך וועל שוין זעהען עפּעס מאַכען אַ קונץ , וואָס טוט דיר וועה?

— אין הארצען חאפּט אמאל שטעכען!—האָט דער פּועל געמאַכט אַ קראַנקע מינע.

— אויך צו מינץ'ן! — האָט דער שניידער אויטאָריטעטיש בעשטימט. —אויף אַ הארץ־פעהלער איז ער דער גרעסטער דאָקטאָר... מען זאָגט, אַז ער האָט געקאָנט זיין אַ פּראָפעסאָר, נאָר ער וויל זיך ניט שמד'ען...

— פאָרט אַ יוד! - האָט ער מיט שטאָלץ צוגעגעבען — דאַכט זיך — וואָס? פאָהרט אום שבת. פיהרט אַ טרייפע קיך און שמד'ען זיך — דאָס אַ מכּה!

אין עטליכע טעג זענען אלע קינדער איבער־געווען ביי דאָקטוירים. די קליינע שטיבעל איז פול געוואָרען מיט פלעשע־לעך, סלויטשיקלעך און שאַכטעלעך, יענקעל פלעגט זיי טאַפּען שמעקען און שאַצען:

— די סלויטשיקלעך אליין זענען עפּעס ווערט...

זיין „וויזיט" צום דאָקטאָר האָט ער אָבגעלייגט אויף שבת, אין מיטען וואָך געהן קורירען זיך פערגינט ער זיך ניט. דאָס איז ער ניט ביכלת. און אַגב פּאַסט ניט פאַר לייטען. אַ מענש געהט אום, עסט און טרינקט און נאָ דיר גאָר קורירען זיך. שבת איז אַנ'אַנדער זאַך. שבת קורירען זיך אלע אָרימע אידען...

און ווי יענקעל האָט נאָר אָבגעדאַווענט, האָט ער זיך גע־איילט צו געהען צום דאָקטאָר.

געהענדיג, האָט ער איבערגעוואָרפען אין קאָפּ אלע זיינע חולנית'ען און זיך אלץ מישב געווען, אויף וואָס זאָל ער פרעגען, בעסער פאַר אלץ וואָלט ער וועלען האָבען אַ רפואה צו זיין חולניה'ת, וואָס עס האָט זיך ביי איהם די לעצטע צייט בעוויזען: ער קאָן אין באָד אויפ'ן פּאָל די פאַרע ניט פערנעהמען. עס פער־חאַפּט איהם גלייך דעם אָטעם און ער מוז אַרויסלויפען צוריק אין דער קאַלטער באָד. ער האָט אַזוי ליעב פאַרע!... און גלאַט איז דאָס גאָר מעשה אינגעל... אַמאָל איז ער געווען פון די ערסטע, וואָס פלעגען אויף דער אויבערסטער באַנק זיצען און שרייען: פּאָ־דאַוואַי פּאַרו!... איצט איז ער אינגאַנצען אַראָב פון זיין גדולה;

אויף דער סאַמע אונטערסטער באַנק זעצט ער זיך צו, און דאָס נאָר אויף אַ ווײַלע — ער מוז גלײַך ענטלויפֿען...

אָבער צי איז דאָס אַ חולנית? עס קאָן זײַן, אַז דער דאָקטאָר וועט גאָר לאַכען דערפֿון... עס איז אַ ריזיקע צו פֿרעגען דאָס ערשטע מאָל וועגען אַזאַ זאַך.

און ער בעשליסט, אַז וועגען דעם וועט ער פֿרעגען, אַז ער וועט געהען צו דאָקטוירים עטליכע מאָל און וועט ווערען געניט.

דאָס ערשטע מאָל דאַרף מען פֿרעגען וועגען אַנ׳איידעלע קרענק: וועגען מאָגען. עפּעס שוין אַ צײַט, אַז ווי ער עסט נאָר אָב בולבע מיט ראָסעל, שטעהט איהם מאָרגע אונטער׳ן לעפֿעלע, ערשט, אַז ער עסט אָב מיטאָג, און לייגט זיך צו אויף אַ האַלבע שעה, ווערט איהם אביסעל לײַכטער, אָבער אונטער׳ן לעפֿעלע דריקט אַלץ...

— יאָ, דאָס איז אַנ׳איידעלע קרענק! — בעשליסט ער — און אַ וויכטיגע. עס איז דאָ וואָס אָנצונעהמען. און שפּעטער אין עטליכע וואָכען ארום, וועט ער פֿרעגען אויפ׳ן „קאָפּ", אויפ׳ן האַרץ, אויפ׳ן שטענדיגען קאַטער, וואָס ער האָט, אויף דעם גראָבען פֿינגער פֿון פֿוס, וואָס זינד דער נאָגעל האָט זיך פֿון איהם אראָבגעריסען, ווערט ער אַלץ שווארצער און שוואַרצער...

— און נאָכדעם וועל איך ערסט אַ פֿרעג טהון וועגען דער באָד — בעשליסט ער...

און יענקעל לאָזט זיך גיכער געהען צום דאָקטאָר. „דער זייגער איז שוין שפּעט" טראַכט ער, און דער טשאָלענט קען קאַלט ווערען — און בײַ יענקלען אַ קאַלטער טשאָלענט איז אַ פֿערשטערטער שבת...

געקומען צום דאָקטאָרס טיר, האָט יענקעל דערזעהען צוויי גלעקלעך, איינעם, ווייס ער, דאַרף מען קוועטשען און איינעם ציהען. און ניט וויסענדיג, וועלכער גלעקעל קלינגט צום דאָקטאָר, האָט ער אי געקוועטשט, אי געצויגען... און געקלונגען האָט ער נאָכאַנאַנד, ווײַל איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מען הערט ניט אינוועניג... די טיר האָט זיך געעפֿענט מיט האַסט,

און אַ בייזע צורה פון אַ לאַקיי האָט זיך באַוויזען און אַ געשריי געטהון:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין קלינגען? דוראַק!...

— איך דאַרף צום דאָקטאָר... איך בין אַ טשלען... און יענקעל האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט דאָס ביכעלע...

דער לאַקיי איז ווייכער געוואָרען. ער האָט אַ שמייכעל געטהון און געהייסען איהם וואַרטען אין צווייטען צימער, ביז דער דאָקטאָר וועט איהם אַרוף טהון.

דער אויפנעהם־צימער איז געווען פול מיט פערשיעדענע מינים יודען אָהן בערד, יודען מיט בערד און דערהויפּט — ווייבער. געזעסען זענען זיי אַלע שטום, וועער ניט וועער, האָט זיך נאָר איבערגע־שושקעט אויפ'ן אויער. יענקלען איז אַזאַ גרויסער און שווייגענ־דער עולם ניט געפעלען געוואָרען. עס איז איהם געוואָרען זיצענ־דיג גלייך לייַנגווייליג. ער האָט זיך אַ ווענד געטהון צום ערשטען בעסטען יודען און געפרעגט:

— איהר זייט אויך אַ טשלען?

— וואו? — האָט דער יוד אויסגעשטעלט פערוואונדערט די אויגען.

— אין „רופאי חולים"!

— לאָזט צו רוה... — האָט זיך דער יוד אָבגעקעהרט.

— אַ בעל גאוה! — האָט יענקעל אַ טראַכט געטהון און האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט מיט איהם גאָר אָנגעהויבען; אויפ'ן קוק, דאַכט זיך, האָט יענער אויסגעזעהען אַ צוגעלאָזענער...

און ער האָט שוין מעהר מיט קיינעם ניט גערעדט. ער האָט נאָר מיט גרוים אונגעדולד געקוקט אויף דער טיר, וועלכע האָט געפיהרט צום דאָקטאָר. נאָך יעדער מאָל, ווען די טיר פלעגט זיך עפענען, פלעגט ער זיך אויפשטעלען, אַ טאַפּ טהון דאָס בי־כעל — און זיך לאָזען געהן, נאָר דער לאַקיי, אַ רוח אין איהם, פלעגט איהם מיט אַ בייזקייט אָבשטעלען, זאָגענדיג:

— וואַרט, האָט צייט!

און פלעגט אַ צווייטען דורכלאָזען.

און יענקעל איז געבליבען זיצען אין איינע שרעק: נאָט ווייס, וואָס מיט דעם טשאָלענט וועט דאָרטען ווערען... מען וועט איהם אין מויל ניט קאָנען נעמען...

ענדליך איז אַרויס פֿון דאָקטאָרס צימער דער לעצטער חולה. יענקלען איז ווי אַ משא פֿון די פּלייצעס אַראָבגעפֿאַלען, ווארום די אַלע בעזוכער זענען ניט אויף שטורהלען, נאָר ווי אויף איהם געזעסען, — אַזוי האָט זיך איהם געצויגען די צייט.

צוטומעלט און צוטראָגען, האַלטענדיג אין האַנד דאָס ביכעלע מיט'ן שטעמפּעל „רופא חולים”, איז ער אַריין צום דאָקטאָר און האָט זיך תמעוואַטע אַנידערגעשטעלט אין מיטען צימער.

דער דאָקטאָר איז געזעסען אויף אַ שטוהל, האָט געקוקט אויפ'ן פּאַציענט, געגענעצט הויך און האָט ענדליך, ווי דורך די צייהן דורכגעזייט:

— וואָס טוט וועה?...

— דער מאָגען... עס שטעהט אונטער'ן לעפּעלע... האָט יענקעל דערשראָקען געענטפֿערט.

— שוין לאַנג?... האָט דער דאָקטאָר ווידער, נאָכדעם ווי ער האָט אַ גענעץ געטהון, געפֿרעגט:

— אָ, שוין אַ צייט! האָט יענקעל שוין ווי מיט אַ שטאָלץ געענטפֿערט — עס וועט זיין אַ יאָהר צעהן...

דער דאָקטאָר האָט איהם צוגערופֿען נעהנטער, אַ טאַפּ געטהון דעם בויך, אַ קוק געטהון אין די אויגען, און געזאָגט:

— אָפּהיטען זיך מיט'ן עסען... עסען אַלץ פֿרישע... ניט עסען די שבת'דיגע מאכלים אייערע: קוגעל... קאַשע...

— האַ? האָט יענקעל אויסגעשטעלט דערשראָקען די אויגען.

— נו, וואָס פֿערשטעהט איהר ניט — קיין טשאָלענט ניט עסען, האָט דער דאָקטאָר דייטליכער ערקלערט...

— פּאַני דאָקטאָר — וואָס הייסט? האָט יענקעל אָנגעהויבען בעטען זיך ווי צומישטערהייט... טשאָלענט... וואָס הייסט טשאָלענט... ביי מיר איז גוטער טשאָלענט... הייסער... אדרבא...

— איהר טאָרט ניט עסען קיין טשאָלענט, זאָג איך אייך! איז דער דאָקטאָר אַריין אין כעס — און געהט אייך!

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט... האָט יענקעל גענומען ציטערען. איך בין אַ פּראָסטער מענש... איך האָרעווע אַ גאַנצע וואָך... ביי מיר איז טשאָלענט...

— נאָר יענקעל האָט שוין ניט געהאַט פֿאַר וועמען, צו רעדען: דער דאָקטאָר איז שוין ניט געווען...

נעקומען א היים. איז דאָס ווייב אויף יענקלען אַרויפגעפאַלען:

— וואו ביזט דו דאָס געוועזען? דער טשאָלענט איז אודאי שוין קאַלט געוואָרען.

— וואו זאָל מען זיין — זיך פּערערעדט אין בית־מדרש... האָט יענקעל פּערשולדיגט געענטפערט...—אָט געה איך זיך וואַשען.

דער טשאָלענט איז גראָד געוועזען הייס, נאָר עסענדיג איהם, האָט זיך איהם געדאַכט. אז ער עסט ניט קיין טשאָלענט, נאָר עפּעס א טרפ'ע זאַך און יעדער לעפּעל קאַשע און יעדער ביסען קוגעל האָט זיך איהם געשטעלט אין האַלז און געוואָרגען איהם.

— ווער ווייס — האָט ער געטראַכט — וואָס איך קען נאָך אָנמאַכען: וואָס הייסט — ניט פאָלגען א דאָקטאָר!.

און ער האָט פון גאַנצען האַרצען חרטה געהאַט אויף זיין אויפטו: איינשרייבען זיך אין „רופאי־חולים".

— צו וואָס האָב איך געדאַרפט האָבען צו טהון מיט די דאָקטוירים — האָט ער זיך געמוסרט...

דאס אייביגע לעבען.

נאך איינגעלוויז, אז ער האט געהייסען, ניט ווי יעצט ר' בער, נאר בערעלע, האט ער זעהר אפט געטראכט וועגען טויט. אז ער האט געלערנט די מעשה פון אדם וחוה האט ער זיך שטארק אויפגערעגט און עס האט איהם געארט, וואס אדם וחוה האבען בעסער ניט געגעסען פון עץ החיים, איידער פון עץ הדעת. אז זיי וואלטען זיי וואלטען א סך געלעבט, וואלטען זיי סיי ווי סיי קלוג געווען — האט ער געטראכט דאמאלס, און אפילו, אז זיי וואלטען קיינמאל ניט קלוג געווארען, וואלט אויך קיין אונגליק ניט געווען, אבי אייביג לעבען, בפרט, אז זיי האבען גע־קענט עסען אי פון עץ הדעת אי פון עץ החיים — א געשעפט אבצורייסען אנ'עפעל, בשעת די מלאכים מיט די צווייזייטיגע שווערדען פערקוקען זיך? איהם וואלטען זיי שוין ניט איינגעהיט. ער וואלט שוין ויסען ווי אזוי אראבצורייסען אנ'עפעל. אי גאט וואלט זיך ווידער געבייזערט, נאר וואס וואלט גאט דאמאלס געקענט מאכען? אז מען לעבט אייביג קען מען שוין לאכען פון אלץ, וואס קען גאט טהון מיט א מענשען וואס לעבט אייביג! אזא מענשען קען מען ניט סטראשען מיט'ן גיהנם, מיט שווערע ארבייט; צו א מענשען וואס לעבט אייביג קען מען גאר ניט צושטעהן — אזוי ווי צו גאט אליין. יעדערער וואלט דאן געווען א גאט! פלעגט בערעלע ענדיגען זיינע רעיונות. און דעם אמת געזאגט האט ער בשעת די דאזיגע געדאנקען ניט שטארק געהאלטען פון גאט, ניט שטארק צופריעדען געווען מיט דער גאנצער וועלט־שעפונג. אמת טאקי אין זעקס טעג האט ער בעשאפען די זון מיט די שטערען, מיט האק און פאק, אבער וואס טויג דאס אלץ, אז מען דארף שטארבען און דאס אלץ פערלאזען. אט למשל איז ביי

בערעלען געווען א קליין שוועסטערל, דינה'לע, ער האט זי אזוי ליעב געהאט, און זי האט אפילו ניט געוואוסט, אז עס איז דא א זון מיט א לבנה מיט שטערען מיט פייגעלעך — צו צוויי יאהר איז זי געשטארבען און פאר איהר האט גאט גאר נישט בעשאפען, מעהר ניט ווי דעם מלאך-המות, וואס הלואי וואלט ער ניט בעשאפען געווארען.

שפעטער אבער פאהרט בערעלע אריין אין די ווייטערדיגע סדרות, ער לערנט נח, וואו גאט ווייזט זיך ארויס ניט נאר פאר א בעשעפער נאר פאר א בייזען צושטערער, נעהמט אין מיטען דערינען און ברענגט א מבול אויף דער וועלט און מאכט אליץ חרוב. דעם אמת געזאגט איז דאס בערעלען ניט געפעלען. ער, בערעלע, אז ער בויט אויס א שטיבעלע פון קארטען און עס פאלט איין טהוט איהם וועה דאס הארץ, כאטש ער איז ניט שולדיג — דאס שטיבעלע איז פון זיך אליין איינגעפאלען, און גאט נעהמט אזא וועלט און מיט די אייגענע הענד מאכט ער עס חרוב, פערטרינקט עס. אבער שטארק ארייננלאזען זיך אין דעם דאזיגען ענין האט שוין בערעלע קיין חשק ניט. מיט אזא גאט איז שוין א מורא אנצוהויבען זיך. אבער דאך ווייס ער, אז אליץ איז שולדיג דער טויט. ווען אדם וחוה וואלטען ניט געגעסען פון עץ הדעת, אדער וואלטען זיי אראבגעגנב'עט אנ'עפעל אויך פון עץ החיים, וואלט מען געלאכט פון מבול: ווי באלד, אז מען לעבט אייביג, טא וואס קען טהון א מבול?

נאך שפעטער געהט ער אריין אין די נאך ווייטערדיגע סדרות. ער ווערט שוין מיט גאט גאר גוט בעקאנט, ער קען איהם דורך און דורך: ס'איז א בייזער, א שרעקליך בייזער. ס'איז ניט נאר א מורא צו זאגען עפעס אויף איהם, נאר פשוט צו טראכטען. ער ווייס אליץ, וואס קומט פאר אין הארצען און פאר יעדער קלייניגקייט שטראפט ער.

וועגען דעם טויט טראכט שוין דאמאלס בערעל וויניגער. א ביסעל ווערט ער מיט'ן געדאנק געוועהנט, און א ביסעל פערשפיעלט ער זיך מיט חדר-איינגלעך; געהט זומער אין וואלד, ווינטער אויפ'ן גליטש און זעהט געניסען פון דעם קורצען לעבען ווי פיעל עס לאזט זיך און פערגעסט ביסלעכווייז אן אדם מיט חוה'ן, אן עץ הדעת און עץ החיים.

איצטער הייסט ער שוין ר' בער, א איד א פופציגער, האט שוין אויסגעגעבען קינדער. לעבט רוהיג פון א קראם, וועלכע עס פיהרט זיין ווייב. ער אליין זיצט איבער זיינע ספרים און לערנט, גריבעלט און זוכט...

און וואס מעהר ער לערנט, גריבעלט און זוכט, אלץ מעהר ספיקות, אלץ מעהר קשיות, אלץ מעהר מחשבות ערוועקען זיך אין איהם; דער עיקר אבער לאזט איהם ניט אב די מחשבה פון טויט. ער דערמאנט זיך, אז, דאכט זיך, גאר ניט לאנג איז ער א קליין איינגעלע געוועזען, געלערנט די מעשה מיט אדם וחוה און אט איז ער שוין יעצט 50 יאהר. אז ער זאל שוין אויסלעבען די יאהרען ווי אין פסוק שטעהט: אם בגבורה שמונים שנה, העכסטענס אכציג יאהר, איז איהם אויך סך הכל געבליבען א 30 יערעלעך, אלץ וויינינגער ווי ביז אהער געלעבט, און נאך שנעלער וועלען זיי פערשווינדען...

ער בערוהיגט זיך אפילו אמאל. אז דאס איינינע לעבען הייבט זיך ערשט אן אויף יענער וועלט; ס'איז אודאי א גרויסע נחמה. נאר וואו נעהמט מען דעם אמת'ען ריינעם גלויבען דערין? ווארום נאך אלע זאכען, נאך זיין גאנצער פרומקייט און תמימות גלויבט ער דאך מעהר אויס מורא, ווי אויס גלויבען. בפרט זייט ער האט אריינגעקוקט אין א פאר פרייע העברעאישע ספרים, וואס האבען איהם אזוי צורודערט די מחשבות, איז דער גלויבען אזוי ניט עכט, אזוי גענארט, אזוי וואקעלדיג...

ער ראטעוועט זיך מיט ספרים, מיט'ן פעדאן, מיט'ן ת'רת אל מות, מיט א ספר פון א גלח פון חסידי אומות העולם, וועלכען ער האט אויסגעשריבען אזש פון ווארשע, וואס ווייזט אויף, אז ס'איז יא דא א יענע וועלט... די אלע ספרים שטעהען אבער ניט צו צו זיין נשמה, זיי בערוהיגען זי ניט. די נשמה צאפעלט אלץ און פלאטערט, ווי א פייגעלע אין א גרויסען פראסט... נאך אלע ספרים און נאך אלע הבטחות, וויל דער שווארצער בעגלייטער — דער געדאנק פון טויט — ניט אבטרעטען פון איהם אויף א שריט און די פראזע: בער, דו וועסט שטארבען! קלינגט איהם אין די אויערען ווי א שווארץ-גלעקיל פון ערגעץ א וויטען פערשאלטענעם לאנד...

— אמאל — דערמאנט ער זיך — האט ער געלעזען א

מעשה'לע — אויף עברי-טייטש, ס'איז אָבער געווען זעהר אַ שעהן מעשה'לע, געקויפט האָט ער עס פאַר דער ווייב. זי זיצט אַ גאַנצען טאָג אין קראָם, זאָל זי האָבען וואָס צו לעזען, אַ אידענע האָט דאָך אויך אַ חשק אין עפּעס אַריינצוקוקען. דאָס דאָזיגע מעשה'לע האָט ער נאָכדעם אַליין דורכגעלעזען. ס'איז געווען שוין זעהר לאַנג, דאָך געדענקט ער, אַז דאָרט האָט זיך עפּעס דערצעהלט, ווי אַזוי איינער האָט זיך געלאָזען ערגעץ ווייט, ווייט צו אַ קוואַל, וואָס אַז מען טרינקט פון איהם לעבט מען אייביג... ער דערמאָנט זיך יעצט אָן דאָס מעשה'לע און קען ניט געדענקען דעם סוף — האָט יענער געפונען דעם קוואַל צי ניט. עס איז נאַרישקייט — אויב יענער האָט אפילו געפונען, גלויבט ער אויך ניט אין קוואַל. ס'איז אָבער ציקאַווע צו וויסען צי האָט ער געפונען. דאָס מעשה'לע אַליין איז גלאַט זעהר אַ שעהנס געווען... שוין עטליכע וואָכען, אַז בער זוכט דאָס מעשה'לע צווישען זיינע דיקע ספרים און קען זי ניט געפינען.

— ווייסטו ניט, ביילע, וואו קען זיך ערגיץ וואַלגערען אַ מעשה'לע אויף עברי טייטש? — האָט ער זיך שוין אָבגעשעהמט און האָט אַ שבת בייטאָג אַ פרעג געטהון מיט אַ מאָרגעם טרויעריגען קול וועגען דעם זיין ווייב.

דאָס ווייב האָט איהם מאָדנע אָנגעקוקט, ניט פערשטעהענדיג וועלכעס מעשה'לע ער מיינט.

— איך ווייס ניט וועלכע מיינסטו.

— אָט דאָס מעשה'לע, ווי אַזוי איינער אַ מענש האָט זיך אמאל געלאָזען זוכען אַ קוואַל, וואָס אַז מען טרינקט פון איהם לעבט מען אייביג.

— אהאַ! איך דערמאָן מיך! — האָט ביילע געענטפערט און איהר פנים האָט זיך ווי מיט שטראַהלען בעשאָטען — יאָ, יאָ, איך דערמאָן מיך, ס'איז געווען טאקי אַ שעהן מעשה'לע. איך האָב עס דריי מאָל געלייענט...

— נו, נו, ווייסטו אפשר וואו ליעגט עס ערגעץ? האָט זיך בער אָנגעכאַפּט מיט אַ בעהאַלטענער שמחה.

— ווער ווייס? — האָט ביילע געענטפערט — אוודאי לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

— אַ שאָד! אַ שאָד! — האָט בער באמת בעדויערט. איך

דארף דאָס גראד איצט האָבען... און נאָך אַ קלענער פויזע האָט ער זיך געווענדט:

— געדענקסטו ניט, האָט יענער געפונען דעם קוואַל?

— אוי, דאָס האָב איך שוין פערגעסען — האָט ביילע ווי פערשולדיגט געענטפערט. דער קאָפּ איז אַזוי פערדרעהט.

— אַ שאָד, וואָס דאָס מעשה'לע איז פערפאַלען געוואָרען — האָט בער ווידער בעדויערט און האָט זיך ווידער גענומען זוכען צווישען די דיקע ספרים דאָס קליין ביכעלע פון קוואַל פון אייביגען לעבען, מורמלענדיג דערביי:

— אפשר וועל איך פאָרט געפינען...

— ער האָט אָבער ניט געפונען און ער האָט עס אויס געלענט ניט צום גוטען...

דער אלטער מגיד.

מיט א פעקעל אויף די דארע פלייצעס און מיט די זעקס דרשות אין קאפ, פלעגט ער געהן פון שטעדטיל צו שטעדטיל און בעשענקען יעדער יודישער קהלה מיט א פאר דרשות פון די זעקס, פאר וואס דער שמש פון יעדען שטעדטילשען בית מדרש פלעגט ביין טהיר פון בית־מדרש אוועקשטעלען א קערה און יעדער צו־הערער פלעגט אהין א גראשען, א קאפיקע און דרייעריל אריינ־ווארפען.

אין אזא קערה פלעגט ער שטענדיג צוויי־דריי גלאטע מטבעות געפינען. זיין דאר־פנים פלעגט זיך פערקרימען. דער שטערען פלעגט זיך קנייטשען און די לאנגע באָרד פלעגט זיך וואונדערען: סטייטש! פאר תורה זאל מען גלאטע מטבעות צאה־לען! ער פלעגט זיי נאך מעריב דעם שמש בעוויזען, אפשר וועט יענער אויסגעפינען, אז זיי זענען גוטע, נאר זעלטען ווען עס פלעגט זיך טרעפען אזא נס. דאס רוב זענען די שמשים געווען גרויסע מחמירים און פלעגען קיין גלאטע מטבע ניט ווען כשר מאכען, דעמאלט פלעגט דער דאזיגער מגיד א טיעפען זיפץ געבען, וואס יודען זענען אין גלות אזוי צולאזען געווארען, פלעגט צונעהמען צוריק די מטבעות פון שמש, אריינלעגען זיי אין א בעזונדער בייטעלע, וואו אלע גלאטע מטבעות האבען זיך דארט געקליבען, כדי זיי זאלען זיך ניט צומישען מיט גוטע מטבעות און ער זאל חלילה ניט נכשל ווערען אליין, געבענדיג אזא מטבע ווען עס איז. די גוטע

מטבעות פֿלעגט ער אין אַ צווייטען בייטעלע אריינלעגען, טיעף ביידע ביטעלעך אין בוזעם-קעשענע בעהאַלטען און זיך נעהמען זים-יודעשלעך אונטערזיפֿצען, ביז ער פֿלעגט טאַקע אַזוי איינשלאָפֿען אויף דער באַנק.

ווי געזאָגט, האָט ער געהאַט אין קאָפּ נאָר זעקס דרשות, אָבער זעלטען ווען ער פֿלעגט די גאַנצע סחורה זיינע אין איין שטעדטיל אויספּאַקען. דאָס איז ניט חלילה, ווייל ער איז געווען אַ שלעכטער סוחר און האָט ניט געוואָלט פֿאַר זיין סחורה לייזען. ער וואָלט אוודאי אין יעדען שטעדטיל זיין גאַנצע סחורה אויספֿערקויפֿט. פֿערקעהרט, עס וואָלט פֿאַר איהם אַ גרויס גליק געווען. פֿאַר זעקס דרשות וואָלט ער אַ רובל 12 געלייזט, נאָך אַזאַ פּדיון וואָלט ער שוין אין צווייטען שטעדטיל ניט דאַרפֿען געהן צו פֿוס. ער וואָלט זיך אַ פֿוהר געדונגען און צוגעפֿאָהרען מיט אַ ברייטקייט צום בית מדרש פֿון דעם צווייטען שטעדטיל, און אפשר נאָך אויף אַן'אַכסניא פֿאַרפֿאָהרען און ווען ער וואָלט זיך אַזאַ מותרות ערלויבט, וואָלט ער אין דעם צווייטען שטעדטיל פֿאַר יעדער דרשה טייערער גענומען. עס איז פֿאַרט אַ נפקא מינא פֿון אַ מגיד אַ פֿוס-געהער ביז אַ פֿערד-מגיד. וואָס העלפֿט עס אָבער? די שטעדטליך, וואוהין ער פֿלעגט קומען צו פֿוס, זענען אַלע אָרימע קהלות געווען און האָבען מעהר ווי פֿאַר איינע, העכסטענס פֿאַר צוויי דרשות ניט געקענט בעצאָהלען, און אויפֿ'ן דריטען טאָג פֿלעגט ער נעהמען זיין פּעקעל אויפֿ'ן פּלייצע, אַ טאָפּ געבען דעם שטערען, צי עס ליגען דאָרטען אַלע זעקס דרשות, צי האָט ער די צוויי חלילה אין שטעדטיל ניט פֿערגעסען, און פֿלעגט זיך לאָזען פּאַמעליך געהן איבער פֿעלדער און וועלדער; זומער ביי שען וועטער טאַקי ערגיץ אין פֿעלד אָדער אין וואלד איבערנעכטיגען. ווינטער אָבער — אין אַ יודישער קרעטשמע, וואו ער פֿלעגט אויסער אַ גוטער ישיבה'שער וועטשערע אויך אַ גוטע נדבה קריגען.

אין דעם צווייטען שטעדטיל פֿלעגט ער אַנדערע צוויי דרשות אויספּאַקען. ערשטענס, האָט ער צוליעב פֿערשיעדענאַרטיגקייט אַליין געוואָלט איבערבייטען די דרשות, און צווייטענס, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער געפֿינט זיך גראָד אין בית-מדרש אַ יוד פֿון יענעם שטעדטיל, וואו ער האָט ערשט פֿריהער געזאָגט. אין דעם פֿער-

לויף פון פיעל יאָהרען האָט ער זיך אַזוי איינגעוועהנט אין די זעקס דרשות, אַז ער פלעגט זיי זאָגען ווי אַן'אויטאָמאַט. ער פלעגט אָפט אויפ'ן בימה שטעהן און קלערען פון דער היים, פון זיין ווייב, פון דער עלטערער טאָכטער, וואָס עס איז שוין לאַנג צייט זי חתונה צו מאַכען, און די דרשה פלעגט זיך, ווי אָהן זיין וויסען, גיסען, גיסען ביז'ן סוף, ביז ובא לציון גואל. אָפט פלעגט זיך נאָך טרעפען, אַז ער פלעגט די דרשה ענדיגען, און זענענדיג שטאַרק פערטיעפט אין אייגענע מחשבות, פלעגט ער ניט וויסען, אַז ער האָט זי געענדיגט, און פלעגט בלייבען שטעהן אַזוי פערטראַכט אויפ'ן בימה — וואָס ביי'ן עולם איז דאָס זעהר משונה'דיג אויסגעקומען, ביז וואַנען די יתומים פון בית־מדרש פלעגען איהם ניט אויפוועקען פון זיינע מחשבות מיט זייערע קלינגענדע קרישים. דאַן פלעגט ער זיך דערשראָקען אַ חאַפּ טהון, אַ קוש געבען דעם פרוכת פון אָרון־קדש און שטיל אַראָבגעהן און נאָך שטילער הינטערן בימה זיך אַוועקזעצען.

* *
*

צייטענווייז פלעגט איהם אַריינפאַלען אַ געדאַנק אין קאָפּ, איינלערנען נאָך אַ פּאָר דרשות, איבערהויפּט האָט דאָס פּאַסירט אין די לעצטע יאָהרען, ווען ער האָט שוין צו עטליכע מאָל יעדעס שטעדטיל בעזוכט און אַלע זיינע דרשות צו צוויי־דריי מאָל איבערגעזאָגט. אמת, ער האָט געוואוסט, אַז די קליינשטעדטילדיגע יודען וואָס האָבען גרויסע קאָפּ־וועהטאָג פון דאגות פרנסה, וועלען געוויס ניט געדענקען, וואָס ער האָט דאָ מיט אַ יאָהר אָדער צוויי יאָהר צוריק געזאָגט, אָבער אויף אַ נס פערלאָזען זיך קען מען ניט. אויסער דעם האָבען אין אַנדערע שטעדטליך צוויי פון זיינע דרשות שוואַך גענומען געלטען. דאָס זענען געווען די דרשות וועגען פאַלשע וואָג און מאָס, ווייל דאָרט האָבען די אוריאַדניקעס, — זעהר בייזע גוים, — אַליין שטאַרק דערויף אַכטונג געגעבען, האָבען פיעל אַקטען די אָרימע קרעמער געמאַכט און די וואָג איז דאָרט געווען גע חתמ'עט, און פאַר יענע שטעדטליך וואָלט טאַקע אַודאַי זעהר נויטיג געווען צוויי נייע דרשות, אַנשטאָט די צוויי דרשות פון פאַלשע וואָג און מאָס.

אָבער אַזאַ אַרבייט איז איהם זעהר שווער געווען צו ערפי־

לען. אַ מידער, אַ פֿערמאַטערטער פֿלעגט ער אַריינפֿאַלען אין אַ שטעדטיל, פֿלעגט, קומענדיג אין בית־מדרש, וואו זיין אכסניה איז שטענדיג געווען, זיך מוזען אַרומוואַשען. זומער — אָפּרייניגען דעם שטויב פֿון זיין לאַסטענער קאַפּאָטע, פֿון זיין היטעל, יאַר־מאָלקע און שטיוועל. אָסיען־צייט — טריקענען די קליידער און ווינטער — וואַרימען זיך ביין אייווען.

נאָך אַזאַ שווערען וועג פֿון איין שטעדטיל אין צווייטען און נאָך אַזאַ רעפּעראַציע אין בית־מדרש פֿלעגט ער זיך מוזען אויסצי־הען אויף'ן באַנק און אָפּרוהען, אַמאָל טאַקע חאַפּען אַ דרעמיל און אַנשלאָפֿען ווערען, ביז דער שמש פֿלעגט איהם ניט גאָר איידעל אוועק טהון:

— רב מגיד! איהר דאַרפֿט זיך שוין מבֿין זיין — דער עולם קומט שוין באַלד דאַווענען און איהר שלאָפֿט.

און אַזוי האָט ער זיך געמוזט מיאש זיין פֿון אויסלערנע־נייע דרשות, טראַכטענדיג: איך וועל שוין מיין וועלטיל אויספֿיה־רען מיט די אַלטע דרשות, פֿערפֿאַלען!

עס איז אָבער געקומען אַ צייט ווען דער אָרימער אַלטער מגיד האָט זיך אויף דער עלטער געמוזט לערנען אַ נייע דרשה, אַ דרשה וועלכע איהם האָט זיך קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט, וועלכע איז איהם געווען שווערער ווי אָנהויבען שטודירען דאָקטאָר אין אַנ'אוניווערזיטעט.

וואָס זאָל מען אָבער טהון מיט דער היינטיגער וועלט. אַלץ וויל זי נייעס, מאָדעס. אַפילו אין מגידות, — אַ זינדיגע וועלט!

דערגאַנגען איז ער פֿון דער נייער סאָרט דרשה קומענדיג אין אַ קליין שטעדטיל, און טרעפֿענדיג אויף די טהירען פֿון בית מדרש אַ מאָדנעם צעטעל אויפֿגעקלעפּט. עפּיס איז דאָס וועגען אַ מגיד און ניט וועגען אַ מגיד. הויבען הויבט זיך אָן ווי דער שטענ־דיגער נוסח: היום, אָבער אָנשטאָט ידרש שטעדט יטיף, אָנשטאָט המגיד שטעהט המטיף. עפּיס טערקיש... „אודות ציון". וואָס הייסט עס אדות ציון? וויעדער, צום סוף צעטעל, וואו עס דאַרף שטעהן: ולהשומע ינעם ותבוא עליו ברכת טוב, שטעהט נאָר אַ

מגן-דוד און אַ התימה מיט אַ פֿאַרנאָמען און פֿאַמיליע, עפּיס גאָר נישט יודישלעך.

איהם איז בעפֿאַלען אַ שרעק, ער האָט דערפֿיהלט אַ שאַרפֿען קאָנקורענט. קאָנקורענטען מגידים פֿלעגט זיך איהם אַפילו אָפֿט טרעפֿען. ביים טרעפֿען זיך מיט נאָך אַ מגיד פֿלעגען זיי ביידע וואַרפֿען גורל, ווער עס זאָל פֿריהער זאָגען, און דרינען איז ער געווען אַ שטיקעל מזל'דיגער. דער גורל פֿלעגט שטענדיג אויספֿאַלען אויף איהם. מיט דעם נייעם סאָרט מגיד האָט ער אָבער געפֿיהלט, וועלען אַזוינע קונצען ניט אָנגעהן: ער וועט איהם מוזען אָבטרעטען די בימה — דאָס האַרץ זאָגט איהם.

און דאָס אומגליק וואָלט ניט אַזוי גרויס געווען, ווען ער זאָל נאָר דאָס מאָל איהם דאַרפֿען די בימה איבערלאָזען. ווענינ שטעדטליך איז דען דאָ אין דער גרויסער וועלט? מילא, האָט ער אָנגעלעגט אומזיסטע עטליכע וויאָרסט. דער אַלטער מגיד אָבער האָט דערפֿיהלט, אַז ער וועט דעם נייעם סאָרט מגיד, אָדער ווי ער הייסט „מטיף" מוזען אָבטרעטען אַלע בימות און וועט מוזען אָנטהון אַ פּשוטע טאָרבע און געהן פֿון שטוב צו שטוב... אַ שוידער איז איהם דורכגעגאַנגען. אין קאָפּ זענען איהם דורכגעפֿלויגען שטיקלעך פֿון זיינע דרשות און האָבען דאַכט זיך, געלאַכט פֿון איהם, געלאַכט און געשטעלט איהם צינגער און געריסען זיך פֿון איהם, ווי זיי וואָלטען איהם וועלען פֿערלאָזען אַליין...

מנחה-צייט איז זיין שרעק גרעסער געוואָרען. אין בית-מדרש האָבען זיך גענומען קלויבען יודען איינער נאָך דעם אַנדערען, אין אַ פֿיערטעל שעה איז אין בית-מדרש אייננ געוואָרען. ער האָט אַזאַ עולם קיינמאָל ניט געהאַט. און אַלע זעהען אַזוי ערנסט אויס, קענטיג זיי זענען געקומען עפּיס הערען וויכטיגע זאַכען.

און אָט הערט דער מגיד ווי עס ווערט אַ גערויש. דער נייער מגיד איז אַריינגעקומען. דער עולם מאַכט איהם אַ וועג. דער אַלטער מגיד אַליין רוקט זיך אויך אָב מיט דרך-ארץ און לאָזט איהם דורכגעהן, בעגלייטענדיג איהם מיט פֿאַרשענדע בליקען, און וואָס זעהט ער? אַ יונגער-מאַן פֿון אַ יאָהר 30 מיט אַ שוואַרצען בערדיל, אַ ביסעל צוגעפּוצט (ער וואָלט שווערען אַז געשאָרען). אין אַ ווייסער מאַנישקע. מיט אַ האַלב-לענגליכען ראָק... הוא האלהים!

וויל ער אַ געשריי טהון: אָט דער וועט דאָס דרש'ענען? איהם וועט מען עס אויפֿן בימה אַרויפֿלאָזען? ער קען עס ניט פֿערשטעהן, עס קאָכט אין איהם זיין כעס, „אַפּיקורס!" ווילט זיך איהם אויסשרייען, נאָר ער האַלט זיך איין, ער וועט הערען וואָס וועט ער זאָגען.

און אָט זעהט ער, ווי דער נייער מגיד געהט אַרויף אויפֿ'ן בימה, בעטראַכט שטאָלץ דעם עולם, און הויבט אָן צו שיטען פֿונקען פֿייער. און וואונדערליך, ער רעדט אויך פֿון ארץ־ישראל. שאַ! — טראַכט דער מגיד, עס איז דאָך נאָך אָהן סכּנה. וועגען ארץ־ישראל האָט ער דאָך אויך זעהר אַ פֿיינע דרשה, ער זאָגט זי שטענדיג אין שטעדטיל רעגזעוויטש, ווייל צוויי דאָרטיגע אַלטע יודען זענען אַוועקגעפֿאָהרען אַהין שטאַרבען. ער הערט אָבער ווייטער זיך צו און פֿיהלט, אַז עס איז גאָר אַנ'אַנדער מין דרשה.

„דער חלף ליעגט אויפֿ'ן האַלז, און זיהר וואַרט אויף משיח'ן"...

אַי, דאָס איז דאָך אַנ'אַפּיקורס! וואָס שוויינט איהם דער עולם. סטייטש? ער פֿיהלט אָבער, ווי דער עולם שטעהט צוגעשמידט צו די ערטער, און הערט צו מיט התפּעלות, מיט בעגייסטערונג.

„שטאַרבען פֿאָהרט איהר אין ארץ־ישראל — ניין, ארץ־ישראל איז פֿאַר אונז צום לעבען נעגעבען געוואָרען. לעבען ווילען מיר!"

און דער נייער מגיד רעדט אָהן משלים, אָהן פּסוקים, אָהן בן־מלך'ס און בת־מלכּה'ס, נאָר אַזוי ריכטיג, אַזוי אמת, אַז מען קען איהם ניט אָבלייקענען. און דער אַלטער מגיד פֿיהלט, ווי זיין וועלט איז אוים, ער האָט ניט די יכולת אַזאַ דרשה קיינמאָל אויסצולערנען און עס דריקט איהם דאָס האַרץ.

אַ דערשלאָגענער איז ער אויף מאָרגען־פֿריה צו פֿוס אין אַ צווייטע שטעדטיל אַוועק. דאָרט האָט ער אַפּילו קיינעם ניט געטראָפֿען, און ער וואָלט אפשר אָן דעם נייעם מגיד אין גאַנצען פֿערגעסען און וואָלט ווייטער געגלויבט אַז די וועלט איז נאָך אַ וועלט און יודען זענען נאָך אַ פֿאָלק, ווי גאָט האָט געבאָטען, זענען איהם אָבער, סאַמע מנחה־צייט, ווען ער האָט זיך מכין געווען אַ דרשה צו זאָגען, זיינע האָפֿנונגען צושלאָגען געוואָרען. צו

איהם איז צוגעגאנגען א יונגערמאן, געגעבען איהם א ברייטען שלום און געפרעגט:

— איהר זענט א ציוניסט?

— א וואס? — האט ער דערשראקען אויסגעשטעלט די אויגען.

— איך מיין, צי קענט איהר עפעס זאגען וועגען ציוניזם? — האט דער יונגערמאן שמייכלענדיג ווידער געפרעגט.

— ציוניזם...—האט ער זיך קרענקליך פערקרימט. וואס? אנ'אפיקורס בין איך? איך זאג תורה, ניט קיין אפיקורסית.

ער האט אבער אין זיינע איינענע ווערטער ניט געגלויבט. ער וואלט זעהר וועלען זאגען עפעס פון ציוניזם, מהיכא תיתי, אז עס געהט אן בעסער ווי די אלטע דרשות, פאר וואס ניט? נאר ווי אזוי לערנט מען זיך אויס. יענער יונגער מגיד האט אזוי שען געזאגט, אזוי בעהארצט... ער וועט עס קיינמאל ניט קענען! קיינמאל!

און ער האט געמוזט זאגען איינע פון זיינע אלטע דרשות, און האט זיך געטומעלט פאר שרעק. איהם האט זיך אלץ געדאכט, אז דער יונגערמאן, וואס האט איהם געפרעגט, צי ער איז א ציוניסט, שטעהט איהם אנטקעגען און לאכט פון איהם...

און וואס ווייטער זענען יודען אלץ צולאזענער געווארען און האבען אלץ מעהר זיך אנגעהויבען צו צוהערען צו די נייע מגידים, צו די ציוניסטען, און איהם דעם אלטען מגיד וויל אפילו קיינער ניט הערען. איהם האט זיך שוין געטראפען צו בלייבען אליין אויפ'ן בימה און זאגען נאר פאר'ן שמש, וועלכער האט געגענאיבער איהם געדרעמעלט, און פאר'ן רב. וועלכער האלט זיך פאר א למדן און האלט בכלל ניט פון דרשות און קוקט נאר אין א ספר אריין. אין די קערות האט מען וואס ווייטער אלץ וועניגער מטבעות געווארפען, און דעם אלטען מגיד איז פארגעשטאנען מאכען אויף זיינע זעקס דרשות אנ'אויספערקויף און לאזען זיך איבער דער וועלט מיט א טארבע.

נאר ניט אזוי גיך האט זיך דער מגיד אונטערגעגעבען. זיין לאנגע בארד מיט די שוין פיעלע ווייסע האר וואס האט איהם

צוגעגעבען דאָס אויסזעהן פון אַ תלמיד חכם, און די שוואַרצע אַטלעסענע האַטש צוהאַקטע קאַפּאָטע האָבען איהם דערפון אָבגעהאַלטען. ער האָט געזוכט אַנדערע מיטלען. דאָס ערשטע מיטעל איז געוועזען אויסלערנען זיך, עס מעג די וועלט אונטערגעהן, אַ נייע דרשה וועגען ציון. ער האָט זיך שוין עטליכע מאָל געפּרובט פאַר זיך אין דער שטיל פּראָבע מאַכען און זאָגען אַזאַ דרשה. נאָר ביי איהם איז עס ניט געגאַנגען, עס האָבען איהם, ערשטענס, די פיעל נייע ווערטער פון די נייע מגידים געפעהלט. צווייטענס, האָט ער קיין געהעריגען ניגון ניט געפונען — און דער אַלטער ניגון האָט אַהער ניט געפּאַסט. און דריטענס, האָט ער אַליין ניט געגלויבט אין דער נייער דרשה... איהם האָט זיך געדאַכט, אַז שטעלענדיג זיך אויף דער בימה און אָנהויבענדיג דרשה'נען, וועט דער עולם זיך גלייך חאַפּען, אַז ער זאָגט ליגען, אַז ער אַליין גלויבט ניט אין דעם, וואָס ער זאָגט.

און אַ פערצווייפלונג געמישט מיט אַ ברענענדיגען כעס האָט אָנגעצונדען זיין ברוסט. ווען ער וואָלט אימשטאַנד געווען, וואָלט ער די אַלע נייע מגידים, די ציוניסטען, אָבגעמעקט פון דער וועלט און וואָלט פון זיי קיין זכר ניט לאָזען. נאָר ער איז קעגען זיי אַלט, שוואַך, זיין געוועהר, די זעקס דרשות זענען טומפּ געוואָרען, און ער קען שוין מיט זיי ניט מלחמה האַלטען.

ער מוז זיך דאָך אָבער ראַטעווען, ער מוז קריגען אַ ניי געוועהר. צום גליק איז ער דערגאַנגען, אַז גאָט צו דאַנקען ניט אַלע יודען זענען נאָך פערפיהרט געוואָרען פון די שקצים, די ציוניסטען. עס זענען נאָך דאָ פיעל שטעדטליך, איבערהויפּט אין פּוילען, וואו די יודען רופען זיי אָן אַפּיקורסים און ווילען זיי מחרים זיין. און דער אַלטער מגיד האָט זיך אָן די נייע קהלות אָנגעחאַפּט, ווי אַ איינער וואָס טרינקט זיך, פאַר אַ שטרוי. די שנאה, דער כעס אויף די נייע מגידים, וואָס ווילען איהם זיין ברויט אַוועקנעהמען, האָבען איהם געהאָלפען זיך אויסלערנען אַ זיבעטע נייע דרשה, וועלכע ער האָט גענומען זאָגען אין פיעל שטעדטליך, בייזערענדיג זיך אויף די נייע מגידים, אויף די אַפּיקורסות, וואָס זיי פערשפּרייטען צווישען יודען.

אָפטמאָל האָט איהם אַפילו וועה געטהון דאָס האַרץ. ווער ווייסט, צי פערשפּיעלט ער ניט יענע וועלט מיט אַזאַ דרשה.

סטאַטש! ער רעדט קעגען ארץ-ישראל, קעגען בעזעצען יודען אין הייליגען לאַנד, וואו יעדער וועט זיצען אונטער זיין פייגענבוים און ווינשטאָק און רוהיג לעבען, ניט דאַרפען דרעהען דעם קאָפּ, ניט דאַרפען זוכען קיין נייע דרשות צו פערדינען אַ שטיקעל ברויט..: ער האָט זיך אָבער בערוהיגט מיט דעם געדאַנק, אַז פיעל רבנים זענען אויך אין כעס אויף די ציוניסטען, מסתמא ווייסען זיי דאָך פון דער גמרא, אַז יודען דאַרפען נאָך זיין אין גלות, און ער האָט זיין דרשה ווידער געהאַלטען.

ניט לאַנג האָט אָבער די זיבעטע דרשה געהאָלפען. אַריינפאַלענדיג עפּיס ערגיץ אין שטעדטיל און שטעלענדיג זיך נאָך מנחה אויף דער בימה מיט דער זיבעטער דרשה זיינע, האָט ער בעמערקט, ווי דער בית-המדרש רודערט זיך. ער האָט דערפיהלט אַז דאָ איז זיין סוף געקומען. דער עולם איז ניט צופריעדען פון זיין זיבעטער דרשה. און מיט דעם לעצטען ביסעל קוראַזש, וואָס איהם איז נאָך געבליבען, האָט ער אַ געשריי געטהון מיט אַ ניגון מיט וועלכען ער פלעגט אַלע מאָל מסביר זיין דעם גיהנם:

„די היינטיגע הולטייעס ווילען משיח'ן מיט גוואַלד אַראָבברענגען, זיי געהען אין מאַנישקעס, שערען די בערד"...

נאָר ער האָט ניט געענדיגט. דער שמש איז צו איהם צוגעגאַנגען און האָט בייז אַרויסגעזאָגט: רב מגיד! דער עולם פערלאַנגט, אַז איהר זאָלט אויפהערען זאָגען.

ער איז בלייך געוואָרען, די צונג האָט איהם ווי אָבגענומען. ער האָט מיט אַ פערקלעמט האַרץ זיך אומגעקוקט צום אָרון-קודש, אַ קוש געטהון דער פרוכת און איז אַ דערשלאָגענער אַראָפּ פון בימה, פערלאָזענדיג אויף שטענדיג די זעקס אַלטע און די זיבעטע נייע דרשה...

און מיט דער צייט איז איהם דער כעס אויך פערשוואונדען. ער האָט זיך מישב געווען, אַז צוליעב דעם, וואָס ער דאַרף האָבען ברויט, זאָלען יודען זיצען אין גלות, איז קיין יושר... אמת, ער דאַרף חתונה מאַכען די יונגסטע טאָכטער נאָך, און די ציוניסטען וואָלטען געטהון איהם אַ גרויסע טובה ווען זיי וואָלטען נאָך וואַרטען מיט די נייע דרשות עטליכע יאָהר, אָבער מסתמא וועט גאָט העלפען, און יודען זענען, חאָטש זיי הערען נייע דרשות, נאָך אַלץ אַ גאַנץ גוט פאָלק; וואו ער געהט אַריין, זאָגט מען איהם

ניט אָב, יעדער ניט א גראָשען, א קאָפּיקע · אדרבא, אין א פרט איז עס נאָך בעסער. אונטער די אויגען אין קערה פלעגט מען איהם פיעל גלאטע מטבעות אריינוואַרפען, און איצט, אז ער געהט אליין איבער די הייזער גיט ער גוט אכטונג, און וועלטען ווען מען רוקט איהם אריין א גלאַטע מטבע.

די נאשערין.

דער אנבייסען איז ביי שיינדלען געווען נישט קיין זעטיגער. אפקאכען א טעפיל קארטאפעל, האט זי קיין צייט נישט געהאט, זי איז געווען פערנומען מיט די וועש וואס זי האט געכטען געוואשען און אין דערפריה געדארפט אויסהענגען צו טריקענען. זי האט אפילו דעם אויווען נישט געהייצט און אויף מיטאג נישט געקאכט קיין ביסעל געקעכטס. אז עס איז געקומען א זייגער איינס, האט חיים, דער מאן, וואס איז כלומר׳שט א הענדלער א זאג געטהון נישט גאנץ דרייסט:

— דו ווייסט שיינדעל... מיר ציהט עפעס אין הארצען...

— שוין? אזוי גיך! — האט זיך שיינדעל אנגעחאפט — ווי לאנג, דאכט זיך. האט מען אנבייסען געגעסען, איך ווייס נישט צי עס איז פארהאן פיער שעה...

— וואס רעדסטו. נארעלע, עס וועט זיין געזונטע פיער שעה, אויב נישט טאקי די גאנצע פינפטהאלבען...—האט חיים זיך געסטארעט צו ריידען וואס ווייכער און האט גענומען רעכענען אין דער שטיל, טאמער איז נאך טאקי קיין פיער שעה נישטא, זאל זי חאטש נישט הערען.

— אנבייסען האבען מיר געגעסען פאר צעהן, איצטער איז נאך איינס... פון צעהן ביז איינס האבען מיר א „קימא לן" פיער שעה... הײנט דארט איז געווען פאר צעהן און איצט איז נאך איינס...

דער חשבון האט איהם אויפגעמונטערט און ער האט שוין כמעט ווי מיט העזה ארויסגערעדט:

— ס'איז שוין דא שיינע פיער שעה, מאקי באלד די פינפטהאלבען . . .

— און אז צעהן שעה, וואס זאל איך דיר געבען? זאל איך אזוי וויסען פון ביז . . . —האט שיינדעל בעזארגט גערעדט — אין שטוב איז א חוץ ברויט גאר נישטא . . . אויף וועטשערע וועל איך עפעס קאכען.

— אפשר א הערינגעל ... האט חיים ווי דערשראקען פארגעלעגט.

— נאך א נייעס, — האט זיך שיינדעל געקרימט — וואס איז היינט פאר א מין „קאזאטשינע”! הערינג איז איצט פלאם פייער, אכט גראשען א הערינג, א ברעקיל ...

— נו, פונדעסטוועגען איז א הערינג אויף מיטאג נישט שלעכט . . . שיק נאך א הערינג — האט חיים, קענען זיין נאטור, זיך געהאלטען פעסט אן זיין אידעע.

— איך וויל אויך עסען! — האט די עלטערע, זעכצעהניעהריגע טאכטער, זיך אנגערופען פון א ווינקעל, וואו זי איז געזעסען און שטיל געארבייט.

— און איך „שטארב” אויך עסען! — האט זיך אנגערופען די די צוועלפיעהריגע גרונע, וואס איז געזעסען ביים פענסטער און די גאנצע צייט געקוקט צום גאס.

— א הונגער איז אויף זיי אנגעפאלען! — איז שיינדעל אין כעס געווארען — פאר וואס ווילט זיך מיר נאך נישט עסען, דאכט זיך איך בין אויך אזא מענש, ווי איהר.

— דו עסט טאקי גאר נישט ... האט חיים ווייך גערעדט — ביזט טאקי א שוטה .. נארעלע, די וועלט איז אויך א וועלט.

— פון וואנען, פערדינער מיינער, זאל איך דאס אלץ נעמען? — האט זי פערדריסליך געפרעגט. וואס איך רייס נישט אפ פון זיך, דאס האב איך נישט.

— נאט וועט העלפען, נישקשה, — האט חיים גענומען טרייסטען. שיק נאך א הערינגעל, שיק! — איז ער אלץ וייטער מעהר מוטיג געווארען.

— נו, גיה, גרונע, אין קרעמיל און נעם א הערינג ... האט זיך שיינדעל, נאך א ישוב-הדעת, געווענדט צו דער אינגערער

טאָכטער. וועסט „איהר" זאָגען, אַז מיט נעכטיגען פּעפּער וועט זיין אינאיינעם 27 גראָשען.

דאָס מיידעל איז מיט שמחה אַרויסגעלאָפען פון שטוב...

— נאָר אַ גוטען! — האָט שיינדעל איהר נאָכגעשריען.

— מיט רויגען! האָט אויך חיים פון זיין זייט צוגעשריען.

נאָר דאָס איז געווען ווי אַ קול אין דער מדבר. די שליח'טע איז שוין מיט איהר שליחות וויט געווען...

באַלד איז גרונע געקומען צו לויפען פערפלאַטערט און פערסאַפּעט, אָבער אַ פרעהליכע, מיט אַ הערינג, איינגעוויקעלט נאָר אין דער מיט אין אַ שטיקעל פּאַפּיער.

— וויז, וויז, האָט שיינדעל אונגעדולדיג אַרויסגענומען איהם פון איהר האַנד און בעטראַכטענדיג איהם פון אַלע זייטען, האָט זי זיך פערקרימט און געזאָגט!

— אַ הערינג — אַ ברעט'ל... אַז מען שיקט אַ „גלאָמפּ".

— וויז נאָר, — איז שוין אויך חיים בכבודו ובעצמו צוגעגאַנגען צום הערינג... אָבער שיינדעל, אָהן אַ בעזונדער סבה און אַנ'אויפגערעגטע, האָט איהם אַוועקגעטריבען:

— געה, געה וועסט שוין זעהן פאַרטיגערהייד... — דאָך האָט חיים שוין בעוויזען דער הערינג אָנצוקוקען און האָט מיט סלינע אין מויל, וואָס די מראה אַליין פון הערינג, האָט ביי איהם אַרויסגערופען, גוטהערציג געזאָגט:

— ניין, מיר דאַכט, אַז דאָס הערינג'ל איז דוקא נישט קיין שלעכטער... אַ פעטינקער הערינג...

— אָט אַזוי ווי דו ביזט פעט! — האָט שיינדעל געמורמעלט, האָטש אין האַרצען איז זי אַליין געווען צופריעדען פון הערינג.

באַלד זענען אַריינגעלאָפען די דריי קלענערע קינדער פון הויף, וואו זיי האָבען געשפּיעלט, און האָבען זיך פרעהליך צווונגען:

— אַ הערינג! אַ הערינג!

— מיר אַ שטיקעל!

— מיר דעם עק!

— מיר דעם „קאָפּ"...

— זעהט אַביסעל, ווי זיי זענען בעפאַלען, ווי די קאָזאַקען — האָט שיינדעל זיי אָבגעשטופּט — לאָזט מיר איהם פריהער „מאַכען".

— דו וואָלסט איהם געמאַכט מיט א „ציבעלע״ — האָט חיים פאַרגעלעגט.

— עס דאַרף ביי מיר זיין ערגעץ א ציבעלע — האָט שיינ־דעל געענטפערט, און האָט גענומען זוכען אויף דער גראַטקע, וואו זי געדענקט אויף זיכער, די ציבעלע איז נאָך נעכטען אין דער פריה געלעגען.

די ציבעלע איז אָבער, ווי אין דר'ערד אריין!

— וואו איז די ציבעלע? — האָט זיך שיינדעל געווענדעט צו דער עלטערער טאָכטער.

— איך ווייס נישט — איך האָב נישט געזעהן.

— דיך זאָל איך נישט זעהן! האָט זיך שיינדעל צעקאָכט — קיין זאַך זעהט זי נישט... גרונע, אפשר ווייסט דו? האָט זי זיך געווענדעט צו גרונען.

די קליינע גרונע האָט אָנשטאָט צו ענטפערן, זיך שטאַרק פונאנ־דער געלאַכט, נאָר אין געלעכטער האָט זיך געהערט פערצווייפלונג און טרערען...

— אי, זי לאַכט! זי לאַכט! זי האָט אויפגעגעסען! — האָט זי דער געלעכטער אַרויסגעגעבען.

— א ליגען! — האָט זי רויט ווערענדיג, זיך געלייקענט.

— זי האָט אויפגעגעסען! — האָט די עלטערע טאָכטער גע־מסר'ט — מען דערקענט אָן איהר פנים.

— זאָג, וואו איז די ציבעלע? — האָט די מאַמע אויסגע־שטעלט פערבלוטיגטע אויגען...

— איך האָב נעכטען אויפגעגעסען מיט ברויט, האָט גרונע א דערשראָקענע זיך פערענטפערט.

— זאָל אויף דיר קומען א טוידט! איז אויף איהר שיינדעל, אַרויפגעפאַלען מיט די דאַרע פויסטען. משמדת'טע, ווי נאַשט מען דאָס אויף איינע אַליין א גאַנצע ציבעלע?!

— דאָס איז אַנ'אַקט אין דער וועלט און איז ווערט, אז מען זאָל זי אויף שטיקער צושניידען — אזא נאַשערין — האָט חיים פון זיין זייט צוגעלעגט,

און באַלד, אלס פאָטער און ערציהער, האָט ער אַרויס־געגעבען א פסק:

— מען זאָל איהר קיין ברעקיל הערינג נישט געבען.

דעם פסק האָט ער אויך בעגרינדעט:

— נישקשה. מיט אַ ציבעלע קען מען זיין זאַט אָהן הערינג.

און חאַטש חיים האָט נישט אַזאַ דעה אין שטוב, דאָך איז דער פסק דין ערפילט געוואָרען — עס האָט נישט געהאָלפען דער נאַשערקעס געוויין.

— אין רחמים בדין! האָט חיים זיך געשטאַרקט דאָס האַרץ, ווען איהרע טרערען האָבען אויף איהם אָנגעהויבען שטאַרק צו ווירקען און דער הערינג איז שוין געוועזען אויפגעגעסען...

מיין באָבע גליק.

(אַ שמועס)

מיין באָבע איז געווען אַ שוואַכע יודענע, אַ קליין-געוויקסיגע און גאָר צו דער עלטער האָט זי אויסגעוויזען נידריגער פֿון איהרע פֿינף-יעהריגע אייניקלעך, און פֿון דעסטוועגען איז זי שטענדיג געזונד געווען און האָט אויסגעלעבט איהרע יאָהרען — הלואי אויף אונז אַלעמען געזאָגט געוואָרען — צו 90 יאָהר איז זי געשטאָרבען, און געשטאָרבען שעהן, מיט לשון און מיט ודוי און האָט נאָך געגונג זכרון געהאַט צו געדענקען איהרע אַלע חפצים, וואָס זי האָט אָבגעזאָגט די טעכטער, און דעם האָר-באַנד — דער אַלטער זאָגערין פֿון גרויסען בית-מדרש, וואו מיין באָבע האָט געדאַווענט.

וואָס מיינט איהר, אַמאָליגער כח איז טאַקי קיין שפּאַס ניט! און איהר וועט גלויבען, עס פֿלעגט זיך מאַכען צייטען, ווען איך פֿלעג בעוואונדערען מיין באָבעס כח, — איבערהויפּט אין די גרויסע תעניתים, אין די זומערדיגע טעג.

מיין באָבע איז געווען אין אַלעם אַ בריה, וואָס איהר ווילט האָט זי געקענט! מילא פֿון „לאָקשען מאַכען” וויל איך שוין ניט שמועסען. דערמיט האָט זי געקלונגען אין גאַנץ שטעדטיל, און אַז איינער פֿלעגט ווילען אויסדריקען אַ זאַך, וואָס עס איז דינן, פֿלעגט ער נעהמען אַ משל: דינן ווי שולקעס לאָקשען (מיין באָבע האָט געהייסען שולקע). אָבער בעסער פֿאַר אַלעם האָט זי געקענט פֿאַסטען תעניתים, דעריין מעג מען זאָגען איז זי געווען אַ מושלמת. ביי מיין באָבען האָט געהאַט אַ תענית אַ ווערט ווי אַ שפּיי. — ביי מיר אַ תענית, פֿלעגט זי זיך בערימען פֿאַר איהרע אַלטע חבר'טעס, און פֿאַר די אייגענע קינדער — ביי מיר

אַ תענית איז אַ געלעכטער, דער רבונו של עולם זאָל איהם נאָר אָנ־געהמען צו גוטען!

מילא פון די „געבאָטענע" תעניתים שמועסט מען דאָך נישט: אַ שעהנע מעשה, די באָבע מיינע זאָל נישט פאַסטען אַ תשעה באב צו אפילו אַ צום גדליה! און אַז טויזענד רבנים וואָל־טען איהר זאָגען: שולקע דו ביסט אַלט און שוואַך, מיר זענען מתיר: בײם אָן, וואָלט זי ניט געהערט, אפילו דער פעטער ר' הלל, אַ גרויסער למדן וואָס פון איהם האָט די משפחה שטאַרק געהאַלטען, אַז ער וואָלט איהר מתיר זײן, וואָלט זי אויך נישט געפאָלגט; שמועסען שמועס איך דאָ פון סתם תעניתים, ווי למשל אַ בה"ב, עשרת ימי תשובה, געהויבענער מאָנטאָג און דאָנערש־טאָג, אויסער דעם ווען אַ קינד אָדער אַ אייניקעל צו אַנ'אור אייני־קעל פלעגט חלילה קראַנק ווערען און נישט האָבענדיג קיין אמונה, אין דער רפואה פון דאָקטער, וואָס פאָהרט אום שבת, פלעגט זי געבען איהרע אייגענע מיטלען: אַ תענית בשעת מעשה און אַז דער אויבערשטער וועט געבען דאָס קינד וועט געזונד ווערען, זאָגט זי צו בלי־נדר דעם רבונו של עולם פינף תעניתים!... און מײן באָבע פלעגט האַלטען וואָרט און פינקטליך אַלע תעניתים אָבפאַס־טען, און מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט שוין געהאַט אַזוי פיעל נאמנות בײם רבונו של עולם, אַז ווען זי זאָל, למשל זאָגען: רבונו של עולם: לײה מיר אַ פינף־און־צוואַנציגער, איך וועל דיר אָבגע־בען מיט תעניתים, וואָלט ער איהר אויך געטרויט...

רײדענדיג דאָ אַזוי וועגען מײן באָבעס תעניתים, זאָלען איהר בײ שטעהן, האָב איך זיך דערמאַנט אָן דאָס גליק, וואָס איהר האָט אַ מאָל געטראָפען מיט אַ תענית גאָר אין אַ מיטען מיטוואָך, אַ געוועהנליכער מיטוואָך, נישט קיין גזרה איז חלילה געווען צו הערען, נישט קיין הונגער צײט, אפילו איהר אייניקעל נחום, דער שוואַכינקער נעבעך, איז אויך נישט שוואַכער געוואָרען, און דאָך האָט זי דעם מיטוואָך אָבגעפאַסט לויט איהר מנהג בײ אַלע תעניתים און צו מנחה אפילו „עננו" געזאָגט.

די מעשה איז אַזוי געווען:

אַז זי איז אַ מאָל אַרײן צו איהר עלטערע טאָכטער, האָט זי בעמערקט ווי דער אַכט יעהריגער אינגעלע, איהר אייניקעל, איז געקומען פון חדר מיט פערפרויערנע פינגער, עס איז געווען

ווינטער. זי האָט זיך צושריִען אויף דער טאָכטער, וואָס זי לאָזט איהם אָהן העַנטשיקלעך גען אין חדר, האָט אויף איהר געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין מאַמע, נאָר אַ שטיף-מאַמע, נאָך ערגער. און האָט צוגעזאָגט, פֿערשטעהט זיך, בלי-נדר, איהם אויסצושטריקען אַ פּאָר הענטשיקלעך פֿון גוטען וואָל, וואָס זי האָט אַליין אויסגעשפּינט. נאָר אַ גאַנצע וואָך האָט זיך איהר אַלץ קיין לעדיגע צייט נישט געמאַכט, דיענסטאָג ביי נאַכט, אַז זי איז ווידער געקומען געוואָהר ווערען די טאָכטער האָט איהר שוין דער איינִיקעל דערמאַנט:

— נו, באָבע וואו איז איִערע הענטשיקלעך?

— אם ירצה השם מאָרגען, מאָרגען! האָט זי איהם פֿערזיכערט.

— אויף מאָרגען, מיטוואָך, איז זי אויפגעשטאַנען, אָפּגעדאַוועט, אָבגעזאָגט אַלע תחינות פֿון „קרבן מנחה" (מיין באָבעס קרבן מנחה איז נאָך איצטער אויך ווערט אַ גילדען צעהן ווער עס דאַרף נישט, איהר געפֿינט דאָרט פֿון פֿייגעל-מילך!) און האָט זיך נאָך דעם גלייך גענומען צו די הענטשיקלעך. זי האָט אַזוי פֿלייסיג געשטריקט עטליכע שעה ביז וואַנען איין הענטשקעלע איז פֿאַרטיג געוואָרען און זי האָט שוין געוואָלט אויפשטעהן און נעמען עפּעס אָנבייסען, און דאָס אַנדערע הענטשקעלע שפּעטער ענדיגען, נאָר זי האָט זיך בערעכענט, אַז דאָס עסען וועט נישט ענטלויפען און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — בעסער איצטער! און האָט ווידער פֿלייסיג אָפּגעאַרבייט אַ פּאָר שעה ביז דאָס צווייטע איז אויך פֿאַרטיג געוואָרען.

— נו, דאַנקען גאָט, פֿאַרטיג! האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין — איצטער דאַרף מען עפּעס עסען.

זי האָט אַ קוק געטהון אויף דעם אַלטען וואַנט-זייגער און האָט דערזעהן אַז עס איז שוין באַלד צוויי. אַ גליקליכער געדאַנק איז איהר דורכ'ען קאָפּ דורך געפֿלויגען. און זי האָט ליעב געשמייכעלט...

— נאָך צוויי שעה אין גאַנצען! האָט זי זיך מיישב געווען — דער טאָג איז איצט אַ ברעקעל! — מען דאַרף שוין גאָר פֿאַסטען!... עס וועט נישט וואו הין קומען. זאָל זיך וואַלגערען אַ תענית...

נאָך מעריב, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעביסען, איז זי גלײַך אװעק געגאַנגען צו דער עלטערע טאָכטער אָבגעבען דעם אײַני־קעל די מתנה — העַנטשיקלעך, און האָט דאָרט אַלעמען דער־צעהלט פֿון איהר הײַנטיגען גליק — אַרײַן געחאַפּט אַ תענית גאָר נישט געריכטערהייט. דערבײַ האָט איהר פּנים געשטראַהלט, ממש די שכינה האָט אויף איהר גערוהט...

די הײַזער.

יעדער בעל־הבית אין שטעטל, וואס האט געהאט עטליכע רובל, — האט געזוכט געשעפט, אבער לײזער אליה איז געווען אנ' אנדער מין יוד — ער האט געהאלטען פון הײַזער.

— הײַנטיגע געשעפטען זענען אלע אין דר'ערד! — פלעגט לײזער אליה זאגען, בדלות קאן מען ווערען, און הײַזער איז אלע מאל געלד. טאמער א שרפה, בין איך ניט קיין שוטה ווי אנדערע און פערזיכער, קאסט עטליכע רובל!

און לײזער אליה האט זיך געהאלטען שטענדיג אין בויען.

דער הויף זײַנער איז געווען א גרויסער, און דער גאנצער הויף איז געווען אנגעבויט מיט שטיבלעך. זיבען שטיבלעך אויפ'ן הויף, אויסער די שטוב צום גאס, האט לײזער אליה פערמאגט. גערופען די שטיבלעך האט ער אויך הײַזער.

— מײַנע הײַזער! — פלעגט ער אפט רעדען וועגען זיי מיט גרויס גדלות.

ער אלײן האט געוואוינט אין דעם קלענסטען שטיבעל אויפ'ן הויף. חאטש ער איז געווען א מטופל מיט קינד'ער. ער האט אבער ניט געקאנט פערנעהמען קיין אנדער דירה.

— די דירות איז מײן ברויט! — פלעגט ער זאגען, ווען אײנער פלעגט איהם מאכען דעם פארוואורף, וואס ער, א בעל־הבית פון הײַזער, וואוינט אלײן אין אזא ענגשאפט.

און שכנים האט ער געהאט א סך. אין יעדען שטיבעל א געזינדעל, אזוי אז דער הויף זײַנער איז געווען א גאנץ פרעהליכער.

— גאר אופ'ן גרויס־שטאדטיגען אופ'ן! — פלעגט זאגען א מאל אנ'אנדערער, וואס האט געוואוסט וואס א גרויסע שטאדט

בעטייט. און לייזער אליה פלעגט דאמאלס מיט גדלות ענטפערן:

— ווען איך זאל מיינע הייזער אריבערטראגען אין א שטאדט, וואלט איך שוין מיט אייך ניט גערעדט!

אבער שטארק זארגען, וואס זיינע הייזער געפינען זיך אין א קליין-שטעדטיל, פלעגט ער ניט. מיט שכנים, גאט צו דאנקען, האט ער קיין זארג ניט. מאכט חתונה א בעל-הבית א טאכטער, קומט איהם צו א שכן, און חתונות מאכט מען אין שטעדטיל ניט זעלטען.

צום גליק גיט לייזער אליה אויס זיינע קינדער אלץ אין פרעמדע שטעדט, אזוי אז אויסער איין דירה פאר זיך אליין דארף ער ניט האבען אין קאן אלע פערדינגען פרעמדע, ביי וועמען ער נעהמט דירה-געלד.

— און וואס מיינט איהר — זאגט ער א מאל, — זאל זיך מיין עלטערער טאכטער, למשל, מאכען א שידוך דא היע און זאל זי דארפען האבען א דירה, וועל איך איהר דען אבגעבען א שטיבעל? חלילה! עטליכע רובעל קאן איך איהר געבען אבער א שטיבעל — ניין! דאס איז מיין ברויט.

און זיין ברויט האט לייזער אליה געהיט. אלע אין דער פריה פלעגט ער, נאך פאר'ן דאווענען, ארויסגעהן אויפ'ן הויף, ארומקוקען די וועגד, די פריזבעס, די קוימענס, די גאניקלעך, און טאמער חלילה בעט זיך א שטיקעל רעמאנטעל, פלעגט ער ניט זשאלעווען צו לאזען זיך קאסטען עטליכע גילדען און גלייך פעררינכטען.

דערהויפט האט ער געקוקט אויף די אויוועגס. אלע טאג פלעגט ער פרעגען ביי די בעל-הבית'טעם:

— נו, ווי קאכט אייער אויווען?

און בעקומענדיג א מאל אנ'ענטפער מיט א האלבען מויל, פלעגט ער גלייך אריינגעהן, הייסען עפענען דאס ברעטיל פון אויווען, אריינרוקען דעם קאפ אינווענינ. און אויב ער פלעגט נאר געפינען די קלענסטע פגימה אין „פאר“, צי ערגיץ אנדערש וואו, פלעגט שוין אין א שעה ארום שטעהן ביי דעם דאזיגען אוי-וועו א יוד מיט א פארטוך, א מולער הייסט עס — און פלעגט שוין שמירען וואו מען דארף.

און לייזער אליה איז געווען זיכער, אַז דערפֿאַר וועט ער שכנים שטענדיג האָבען.

און ווער ווייס, צי וואָלט טאַקי לייזער אליה געדאַרפֿט וועןעס איז זאָרגען וועגען שכנים, ווען ניט די פֿער־שאָלטענע אַמעריקאַ.

פֿון אַמעריקאַ ווייס מען שוין אין שטעדטיל לאַנג. נאָר ווער פֿלעגט אַמאָל פֿאָהרען? אַ צולאָזענער שניידער, וואָס האָט פֿיינד געהאַט דאָס ווייב און פֿלעגט וועלען דאָרטען לעבען מיט אַ טייטשקע. אַ רעכטער מענש וועט דען פֿערשלאָגען דעם קאָפּ אַזוי ווייט?

לייזער אליה פֿלעגט אַלע מאָל פֿיהלען, ווי דאָס האַרץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז פֿון אַמעריקאַ וועט קיין גוטס איהם ניט אַרויס־קומען, און וואו עס האָט נאָר געפּאַסט, פֿלעגט ער עס זידלען מיט די שטאַרקסטע ווערטער.

— זאָגט מיר איך בעט אייך, — פֿלעגט ער טענה'ן אָפֿט פֿאַר זיינע שכנים, — וועלכער רעכטער מענש לאָזט זיך דאָס אַוועק אין אַזאַ העק ווי אַמעריקע איז, וואו עס איז אַפֿילו ניטאָ ווי מען זאָגט, קיין קיסר, וואו אַלץ מעג מען, וואו יעדערער טהוט וואָס ער וויל, וואו עס איז ניטאָ קיין מוראָ פֿאַר אַנ'עלטערן — גלאַט אַ הפקר־וועלט! וואו מען מוז ווערען נאָר אַ בעל מלאָכה, ווען ניט פּגר'ט מען ווי אַ הונד פֿאַר הונגער...

די שכנים פֿלעגען איהם אַלע ווי איינער געבען גערעכט, נאָר לייזער אליה'ן איז דאָס געווען ווי ווייניג, איהם האָט זיך עפּיס געוואָלט אַרויסנעהמען אַ כתב, אַז קיין אַמעריקאַ זאָל קיינער פֿון זיי ניט פֿאָהרען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז אַזוי ווייט איז ער ניט געגאַנגען, נאָר אַמאָל פֿלעגט ער אַ זאָג טהון.

— זאָל יענער ברעכען רוק און לענד ווער עס קלערט גאָר צופֿאָהרען אַ היןן!

און ניט בעקומענדיג דערויף קיין הסכמה פֿון די שכנים, פֿלעגט ער ווי צורייצטער ווערען און צוגעבען:

— אַז איך וואָלט זיין אַ רב. וואָלט איך אויף אַמעריקאַ געמאַכט אַ חרם, עלעהיי ווי אויף יענקעל טרייפֿנאַקס פֿלייש...

קיין חרם האָט אָבער דער רב ניט געמאַכט און אין איין ליכטיגען פֿריהמאָרגען בשעת לייזער אליה האָט אָבגעשטעלט אַ

יונגע שכנה און געפֿרעגט: „ווי קאַכט דער אויווען?" האָט זי אַ שמייכעל געטהון און געענטפֿערט.

— דער אויווען קאָכט נישקשה, נאָר איך וועל זיך אם ירצה השם אין גיכען ארויסציהען צו מײַן טאַטען, ווײַל „מײַנעם" האָט זיך פֿערוואָלט קײן אמעריקאַ...

די שכנה איז געווען אַ קלײנע, אַ בלאַסע און אַ שוואַכע. בשעת זי האָט גערעדט, האָט זי, דאַכט זיך, אין די הענד גאָר נישט געהאַלטען, ווײַל זיי זענען בײַ איהר געלעגען צונויפֿגעלעגט רוהיג אויפֿ'ן ברוסט, נאָר לײזער אליה וואָלט שווערען, אַז דאָס ווײַבעל האַלט אַ דובינע און קלאַפּט איהם אין קאָפּ, און ווי אַ צוטומעלטער איז ער אַרײַן אין זײַן שטיבעל.

— וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען, לײזער אליה? — האָט איהם דאָס ווײַב אַ פֿרעג געטהון:

— באַלד בלײַבט פּוסטעוועןאַ דירה! — האָט ער מיט דוגזאָ געענפֿערט, פּונקט ווי דאָס ווײַב, און ניט קאָלומבוס, וואָלט ענטדעקט אַמעריקאַ.

— וואָס איז?

— יענקעלען האָט זיך פֿערוואָלט אמעריקאַ און זי ציהט זיך אַרײַן צום טאַטען.

— נו, מילא... — האָט דאָס ווײַב געטרײַסט — וועסט קריגען אַנ'אַנדער שכן.

לײזער אליה'ן אָבער איז ניט געגאַנגען אין שכן, איהם איז געגאַנגען אין אַמעריקאַ...

— דו וועסט זעהן — האָט ער זיך פּלוצים, ניט קאָנענדיג זיך אײַנהאַלטען, ארויסגעכאַפּט — דו וועסט זעהן, אַז דאָס אַמעריקאַ וועט אונז אין דר'ערד לעגען...

— מײַנע שונאים זאָלען ליגען אין דר'ערד! וואָס הײַסט?

— אַז דו ביזט אַ יודענע, אַ בהמה! — האָט זיך לײזער אליה געקאָכט — הײַנט וואָס זאָל איך מיט דיר רײדען. דו ווײסט דען וואָס אַמעריקאַ איז. דאָס איז דאָך אַ קליפּה... עס ציהט! דו מײנסט, איך ווײס ניט. אַ זאַראַזע איז דאָס, מען נעהמט זיך אָן אײנע פֿון די אַנדערע...הײַנט פֿאָהרט אײנער אוועק און מאָרגען דער אַנדערער שכן און איבערמאָרגען דער דריטער און נאָכדעם וועסטו זעהן

די קלעצער פון די הייזער, פערשטעהסט, די קלעצער... ווארום קיין דירה־געלד וועסטו ניט האבען.

געזאגט דאס אלץ האט ער לכתחלה נאר פון צורייצטקייט. ער האט ניט געגלויבט, אז די זאך האלט טאקי אזוי שמאל, נאר ארויסזאגענדיג דאס אלץ און ניט בעקומענדיג קיין אבשלאגונג פון דעם ווייב. האט ער זיך אליין דערשראקען פאר זיינע בייזע נביאות און ער האט זיך כלומר'שט פערחאפט.

— קיין גרויסע יסורים האב איך ניט... איך וועל קריגען שכנים... אט זוכט בערעס איידעם א דירה! ער געהט ארויב באלד פון קעסט... איך מיין גלאט. אז אמעריקא — איינגעבראכען זאל זי ווערען.

— הלואי רבונו של עולם! — האט דאס ווייב פרום צוגעוואונשען, חאטש הרג'ע זי, וואלט זי ניט געוואוסט וואס האט זי צו אמעריקא.

דער שכן איז אוועקגעפאהרען. דאס ווייבעל האט זיך אריינגעקליעבען צו איהר טאטען, און דאס שטיבעל האט געפוסטעוועט...

די ליידיגקייט פון שטיבעל ביי טאג און זיינע פינסטערע שויבען ביי נאכט האט לייזער אליה'ן געשראקען מיט א בייזער אומגליקליכער נביאות... און ער פלעגט דעם קאפ אבקעהרען פון איהם.

אבער אויף די איבריגע שטיבלעך האט ער שוין אויך אויפגעהערט צו קוקען מיט אזא מין בעזארגטקייט ווי א מאל. זעלטען ווען ער האט געפרעגט ביי א בעל־הבית'טע: „ווי קאכט דער אויווען?“ עפעס האט ער געקוקט אויף אלע שכנים ווי אויף ניט היגע, ווי אויף געסט, וואס וועלען היינט־מארגען אוועקפאהרען.

און קיין טעות האט לייזער אליה ניט געהאט. דאס שטערטיל האט אנגעהויבען וואס ווייטער צו פאהרען אלץ מעהר נאך אמעריקא... אופ'ן הויף האבען זיך וואס ווייטער מעהר דירות אויסגעליידיגט און ביי נאכט פלעגען צעהנדליגער פינסטערע

שויבען פֿון די לײדיגע שטיבלעך איהם שרעקען, ווי אויגען פֿון אַ מלאך המות...

— נו, וואָס וועט איצטער זײַן? — האָט ער אַזאָג געטהון אַ מאָל צום ווײַב, אַז ער איז געבליבען מיט איין שבן אויפ'ן הויף...

— אפשר וואָלטען מיר אויך געפֿאָהרען... האָט דאָס ווײַב בלומר'שט געלאַכט...

— וואָס לאַכסטו, וואָס? — האָט לײזער אליה ווי אַנ'אָבגעענטפֿערט — איך וואָלט דער ערשטער געפֿאָהרען. נאָר מיט וואָס, אַז דאָס גאַנצע געלד ליגט אין די הײַזער... און קויפֿען וועט זיי קיינער ניט... מען שמועסט, אַז דאָס גאַנצע שטעדטיל צופֿאָהרט זיך.

און לײזער אליהאָס זיך פֿערטראַכט, אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געצופּט פֿון באָרד גראָהע האָר איינע נאָך די אנדערע... איינע נאָך די אַנדערע...

די רעוואָלוציע אין קליינעם בית-מדרש.

אין קליינעם בית-מדרש פלעגט מען שבת אָבדאַווענען שפּעטער ווי אין די איבעריגע דריי בתי מדרשים, האָטש דאָרטען האָט ניט דער רב געדאַווענט און ניט קיין חזן געזונגען. געדאַווענט האָבען אין קליינעם בית-מדרש אויך ניט קיין פרומערע יודען ווי אין די אַנדערע דריי בתי מדרשים. אַדרבא, דוקא אין קליינעם בית-מדרש האָבען געדאַווענט אויך די פּאָר משכילים פון שטעדטיל, אויף וועלכע מען האָט אונטערגעמורמעלט, אַז זיי זענען אַביסעל ניט פרום און בחור-וויַז זענען זיי גאָר געווען וויַט פון אידישקייט; די איבעריגע דאַווענער זענען געווען יודען פון אַ גאַנץ יאָהר, אמת ניט קיין בעלי מלאכות — אין קליינעם בית-מדרש האָבען קיין בעלי מלאכות ניט געדאַווענט, — נאָר יודען קרעמער און תבואה-הענדלער, אַ פּאָר מלמדים, אויך מעהר פון די היינטיגע, וואָס האָבען שוין געוואוסט פון דקדוק און פון „שפה חיה" און איינער האָט געהאַט אַ חדר גאָר אויפ'ן נייעם שטייגער — מיט בענק... און דאָך, ווי געזאָגט, פלעגט מען דוקא פון קליינעם בית-מדרש שבת אַרויסגעהן מיט אַ שעה אַנדערהאַלבען שפּעטער ווי פון די איבעריגע שולען, אַפילו שפּעטער ווי פון דער חסידישער שטיבעל, וואו עס האָבען געדאַווענט די ליבאַוויטשער, נישט קוקענדיג, וואָס צווישען די דאַווענער פון קליינעם בית-מדרש איז אַ חסיד אַפילו אויף קיין רפואה ניט געווען.

די אורזאַכע איז געווען גאָר אַן איינפאַכע: אין קליינעם בית-מדרש האָט געדאַווענט דער גביר פון שטעדטעל — חיים מאיר

טשארניאק. וועגען זיין פערמעגען איז געוועזען חלוקי־דעות, מאנכע האבען געדרונגען, אז ער פערמאגט צוויי הונדערט טויזענד, מאנכע הונדערט טויזענד קערבלעך; די פאר משכילים, וואס זענען געוועזען אפיקורסיש געשטימט, האבען איהם אר אבגענומען זעהר א גרויסע סומע און האבען איהם נאר איבערגעלאזט א 50 טויזענד קערבלעך. נאטירליך פלעגט מען ניט דערלאזען אזא'ן עולה און ענדליך פלעגען אפילו די פאר משכילים מאכען א פשרה און דער־לעגען איהם נאך א 25 טויזענד און זאל דער עולם ניט בייז זיין.

דערפאר איז אבער ביי קיינעם קיין חלוקי דעות ניט געוועזען וועגען ווארטען אויפ'ן גביר מיט'ן דאווענען, דערפון האט מען אפילו גאר ניט גערעדט. זאל זיין אפילו, אז די משכילים זענען גערעכט, אז ער פערמאגט מעהר ניט ווי 50 טויזענד — נו און 50 טויזענד וואלגערען זיך דען אין גאס? ווארטען מוז מען אויף איהם סיי ווי סיי. ס'וואלט גאר קיינעם ניט איינגעפאלען, אפילו אין א שפאס, א זאג טהון, זאל מען דאווענען אהן איהם. אין דער פראגע זענען די דאווענער פון קליינעם בית־מדרש געוועזען איינינג. ס'האט זיך אפילו אמאל געפונען איינער, חנן דער תבואה הענדלער, אנ'עזות פנים, וואס האט געזאגט, אז ביז ברוך שאמר קען מען דאווענען אהן איהם, נאר דער עולם האט דאס אנגענומען פאר א האלבען שפאס און קיינער האט אפילו ניט געפונען פאר נויטיג צו שפארען זיך אויף גיין. די זאך פערשטעהט זיך ממילא, און ביז ברוך שאמר קען מען דעם גביר לאזען אליין? מען וועט איהם דען צווינגען צו נאכיאגען דעם חזן, וועלכער וועט האלטען ווייטער? וואס הייסט! עס איז שוין, אמת. געוועזען א מאל געגוג העזה ווען מען האט, נאכדעם, ווי דער זייגער האט געשלאגען 10 און דער גביר איז אלץ ניט געקומען, געשיקט דעם שמש צו איהם אהיים פרעגען: וואס איז די מעשה? מען איז דאך ניט מעהר ווי א מענש — א גביר קען דאך אויך חלילה וחס קראנק ווערען... בפרט, אז דער גביר האט טאקי געהאט א שטיקעל פעהלער: ס'האט געהייסען: די דיקע דער, דאס הייסט ער איז געוועזען צו דיק... דער גביר איז אבער דערפאר בייז געווארען און האט געזאגט, אז ער בעט נאר ניט מען זאל אויף איהם ווארטען... ער איז מוחל דעם כבוד... דאמאלס האט דער שמש געחאפט א פסק פון די בעלי בתים:

— עס האָט ניט געפּאַסט טאַקי צוזעהן טרייבען איהם, עס איז ניט קיין דרך-ארץ פאַר א גביר...

און אז דער גביר איז דאַמאָלס געקומען ערשט אין א האַלבער שעה אַרום איז צוגעגאַנגען צו איהם טאַקי חנן דער תבואה הענדלער, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן עזות-פנים און האָט מיט אַ זיסען שמייכעל, וואָס האָט זיך צוגאָסען איבער זיין גאַנצען דאַרען פּנים ביז אַראָב באָרד, אויסגעשטאַמעלט:

— פון אונזערטוועגען, ר' חיים מאיר וואָלטען מיר נאָך געוואַרט... וואָס איז שייך!... און ר' חיים מאיר האָט האַלב אַנגעבלאָזען און האַלב גוטהערציג געענטפערט:

— רופען מיך דאַרף מען ניט... אויב ס'איז שווער צו וואַרטען — טאָ זאָל מען דאַוונען אָהן מיר... איך פּאָזוואָליע...

נאַטירליך איז געוואָרען באַלד אַ מהומה: דער גביר איז ברוגז. עס זענען צו איהם צוגעגאַנגען די שענערע בעלי-בתים, די פאָר משכילים, דער מלמד וואָס לערנט אויפ'ן היינטיגען שטייגער מיט'ן „שפה חיה" און מיט די „בּיינק" און יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, וואָס דער הויפּט געדאַנק איז בעשטאַנען אין דעם, אז פון זייער זייט וואָלטען זיי נאָך געוואַרט און געוואַרט, נאָר דער שמש...

און דער שמש — נאָר וואו שמש, ווען שמש? ס'איז געשטאַנען ביי דער בימה אַ מת ניט קיין שמש — אַ קליינינקייט — איינגעריסען מיט'ן גביר!...

קומט אָן פלוצלונג אין שטעדטעל אַ נייעס זיז מען האָט געוואָרפען אַ באָמבע אויף פּלעווען... אין מיטען וואָך נאַטירליך איז מען פעריאָגט אין פרנסה, לאָזט מען די נייעס בעשפּרעכען די ווייבער און די בחורים'לעך: זיי האָבען צייט! שבת אָבער קעהרט זיך דער קליינער בית-מדרש, איבערהויפּט די פאָר משכילים. זיי דרינגען אז איצט וועט ווערען פריי...

דערהערט דאָס וואָרט פריי, פרעגט דער שמש, וואָס הייסט פריי, מען וועט דען מעגען האַלטען שענקען, אָדער וואָהנען אין דערפער? לאַכט זיך פאַנאַנדער איין משכיל און זאָגט, אז פריי הייסט אָהן אַ קיסר, און חנן דער עזות פנים ערקלערט

די פֿרײַהײט אויף זײַן שטײַגער און זאָגט אַרויס זײַן השערה אַז פֿרײַ הײסט, אַז מען וועט אויפֿהערען וואַרטען אויפ'ן גביר מיט'ן דאַוונען...

געזאָגט געוואָרען איז עס נאַטירליך אין אַ שפּאַס, נאָר עפּעס איצט איז דער שפּאַס געפֿעלען געוואָרען און דער שמש האָט זיך אָנגערופֿען:

— איך זאָג אײַך ברידער, אַז דאָס וואָלט געווען די גרעסטע ישועה...

און חאָטש דאָס איז פֿון שמש געווען די ערשטע אַרויסטרעטונג קעגען גביר, האָט ער זיך גאָר ניט געשראָקען, אַדרבא ער האָט באַלד אַ שמעק טאַבאַק געגעבען און געזאָגט ווידער:

— ער זיצט שוין מיר אָט־אָ־דאָ־אָ!...

דעם אַנדערן־שבת, האָט מען שוין גערעדט וועגען דער גרויסער דעמאָנסטראַציע וואָס איז געווען, ווי בעלי העגלות דערצעהלען, אין דער גובערניע...

— מען זאָגט, אַז דער חיל בונטעוועט זיך אויך... האָט אײן משכיל פֿון די פּאָר מיטגעטהײלט...

גאָר באַלד איז אָנגעקומען דער גביר.

— עפּעס פֿריה זענט איהר הײַנט געקומען, ר' חיים מאיר? האָט חנן דער עזות־פּנים אַ פֿרעג געטהון, ערשט נײַן אַ זײגער...

— עס שלאָפֿט זיך עפּעס ניט... האָט דער גביר, ווי ברוגזליך, אָבער גענוג פֿײַן געענטפֿערט — בין פֿריה אויפֿגעשטאַנען...

— וואָס זאָגט איהר, וואָס טהוט זיך אַזוינס אין רוסלאַנד? עס קעהרט די וועלט! — האָט חנן געוואָלט הערען זײַן מײנונג.

דער גביר האָט מיט שטאָלץ אַ הוסט געטהון און געענטפֿערט:

— וואָס זאָל איך זאָגען? — לײַדאַקעס, יונגאַטשעס, זײ ווילען איבערמאַכען אַ וועלט...

דאָ האָט שוין דער שמש זיך אַרײַנגעמישט און, אמת, אַ ביסעל מיט האַרץ־קלאַפּעניש, אָבער דאָך גענוג קלאָר אַרויסגערעדט:

— מען זאָגט, עס זאָל ווערען פֿרײַ...

דער גביר האָט איהם קרום אָנגעקוקט און גאָר ניט געענטפֿערט...

אָבער מעהר רעש האָט אָנגעמאַכט אין בית־מדרש דער אויפשטאַנד אויף „פּאָטיאָמקינס שיף״.

— מען זאָגט, אַז מען גיט קאָנסטיטוציע... האָט איינער אַ זאָג געטהון.

— וואָס הייסט מען גיט ?— האָט דער מלמד. וואָס לערענט אויפ׳ן נייעם שטייגער געענטפערט — מען נעהמט אַליין.

— שוין דריי פיערטעל אויף 9 !— האָט חנן דער תבואה הענדלער פלוצלונג אויסגערופען, —לאָז מען זיך שטעלען דאַווענען אָהן איהם... ווי פיעל איז דער שיעור צו וואַרטען אויף איהם ?

— ווי איך בין אַ איד, ער איז געדעכט.

— קאָנסטיטוציע איז קאָנסטיטוציע !— האָט איינער פון די משכילים אויסגערופען.

— פרייהייט איז פרייהייט ! האָט אַ צווייטער משכיל אונטער־געהאַלטען !

און חנן דער תבואה הענדלער האָט זיך געשטעלט ביי׳ן עמוד און אויסגעזונגען די ברכות פון פאַרענט און דער עולם האָט מיט אַ בעהאַלטענער שמחה געמישט מיט נקמה־געפיהל הויך נאָך יעדער ברכה געענטפערט.

— אמן !

דער אַרעסטירטער קרעמער

1.

פֿאַר וואָס מען האָט איהם צוגענומען, האָט חיים בשום אופֿ'ן ניט פֿערשטאַנען. אָנהערענדיג זיך אַ סך מעשיות פֿון בלבולים, האָט איהם, אַז ער האָט דערזעהען אין האַלבער נאַכט אַ פּולע שטוב מיט פּאָליציי, אַ קלאַפּ געטהון גלייך אין קאָפּ: אַ בלבול! נאָר, אַז ער איז עטוואָס געקומען צו זיך, און האָט זיך דערמאָנט, אַז היינטיגע צייטען נעהמט מען צו גאָר פֿאַר מאָדנע חטאים, האָט ער גענומען זוכען אין קאָפּ, וועלכען חטא פֿון די נייע איז ער בעגאַנגען. אַ גאַנצען טאָג זיצט ער אין טאַבאַק-קראָם און מישט זיך ניט אין קיין זאַך. אפֿשר האָט ער זיך עפּעס אויסגערעדט אַנטקעגען דער מלוכה? ער ווייס אָבער זיכער, אַז ניט. אַז ער האַלט גאָר פֿאַר דער מלוכה. פֿערקעהרט, ער האָט די „היינטיגע" פֿיינט ווי אַ יוד חזיר. אפֿשר איז ער ביי'ם מנין, וואו ער דאַווענט, צו „הנותן תשועה" ניט אויפֿגעשטאַנען? ער ווייס אָבער זיכער, אַז ביי איהם קען דאָס ניט טרעפֿען. עהדער דער בעל תפילה הויבט נאָך אָן ארויסצוזינגען דעם „הנותן" שטעהט ער שוין גלייך אויף. אמת, אין מנין דאַווענען נאָר אייגענע מענשען. נאָר וואָס דאַרף ער זיצען, אַז ער קען שטעהן, בפֿרט אַז יעדער מלך האָט אַ שר... היינט פֿאַר וואָס? וואָס וויל מען פֿון איהם.

ער האט זיך גענומען פערענטווערן פאר'ן זשאנדארמסקקען אפיציער; געוויינט, געבעטען זיך. „איך האב א ווייב, האט ער געטענה'ט... איך טהו גאר נישט... איך בין א קרעמער... אויך האט ער אליין געהאלפען מאכען דעם „אביסק" און זעהר ווייך און עדעל דערקלערט וואס בעדייט דאס לאנג געשריעבען-ביכעל מיט ציפער און אותיות! „דאס איז חובות, וואשע וויסאקא בלא־גאראדיע, חובות!"... „אביסעל מיט חובות — ווייטער גאר נישט". און אז דער אפיציער האט ארויסגענומען א פאפיראס צו פערריי־כערען, האט ער גענומען זוכען א שוועבעלע, אויף גיך אנגעצונדען און איהם אונטערגעטראגען. און דער נאך זיך איינגעבייגט... עס האט אבער גאר נישט געהאלפען.

— עס קען זיין, עס איז א טעות! — האט דער אפיציער ענדליך איהם ערקלערט, אבער ארעסטירען דיך מוז איך...

2.

די נאכט האט ער איבערגענעכטיגט אין צירקעל. פאר איהם אין די אויגען האט מען געבראכט עפעס א גנב, וועלכען א דיקער גאראדאוואי מיט ווייסע אויגען און סארע וואנסען האט מיט אכזריות געשלאגען. חיים האט דאס צוגעקוקט און וועלענדיג זיך אונטערחנפה'נען דער גאראדאוואי, האט ער געזאגט:

— גוט אזוי! ווייטער וועט ער ניט גנבה'נען.

— און דו ווער ביזט? האט זיך צו איהם דער גאראדאוואי א לאז געטהון, מיט אנ'אויפגעהויבענער האנט.

— ניין. ניין! איז חיים אבגעשפרונגען, איך זיין על פי טעות... על פי טעות...

— איך וועל דיר ווייזען על פי טעות!—האט דער גאראדאוואי איהם געדראהט, — מיש זיך ניט.

חיים האט זיך בעהאלטען אין א ווינקעל און האט גענומען זוכען מיטלען, ווי אזוי אויסגעלייזט צו ווערען פון די גוי'שע הענט.

אין דער פריה האבען איהם צוויי גאראדאוויעס געפיהרט אין טורמע.

אויפ'ן וועג האָט ער געפּרובט מאַכען מיט זיי אַ שמועס. ער האָט געוואוסט, אַז העלפען וועט דאָס ניט, נאָר גלאַט געהן און שווייגען פּאַסט ניט. זיי קענען נאָך מיינען, אַז ער איז טאַקי אַ פערביסענער יונג... און ער האָט ביי איינעם פון זיי אַ פרעג געטהון, צי ער איז אַ געבאָרענער אַ היגער...

— גאַה, גאַה, ניט גערעדט! — האָבען זיך ביידע גאָראָדאָוויעס אויף איהם אַרויפגעוואָרפען — מיר קענען אייך!...

„נאָר קאַליע געמאַכט!“ — האָט ער זיך געמוסר'ט און געדאַנק, און האָט בעשלאָסען, אַז רעדען איז נאָך ערגער.

3.

אַריינגעפיהרט און איבערגעלאָזען האָט מען איהם אין אַ קאַמער, וואו עס זענען געזעסען אַ גאַנצע חברה.

יעדער האָט זיך צו איהם געווענדט מיט אַ פראַגע, נאָר חיים האָט ניט אויסהערענדיג גלייך אָבגעהאַקט:

— דאָס איז על פּי טעות... מען וועט מיר גלייך אַרויסלאָזען. איך בין ניט פון אייערע...

אויסערענדיג דאָס, אַלס סגולה, אַזוי ווי אַ שפּרוך פאַר מזיקים, האָט ער אָבגעזוכט אַ ווינקעל און זיך אַוועקגעזעצט.

די פּאָליטישע האָבען אויף איהם געקוקט און געשמייכעלט.

שפּעטער אָבער איז איהם גמאָס געוואָרען זיצענדיג און צו איינעם, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען מעהר „געזעצט“ ווי די איבריגע, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ שאלה: ווי איז דער דין, אַז „מען איז דאָך ניט מעהר ווי אַמענש“!..

יענער האָט איהם מיט אַ שמייכעל דערקלערט דעם דין, חיים האָט בעדאַנקט און איז ווייטער שטום געוואָרען.

עס איז אָבער איהם זעהר אומעטיג געוואָרען און פאַר לאַנגווייליגקייט האָט ער זיך גענומען צוהערען צו די שמועסען.

די שמועסען זענען איהם געווען פרעמד. אָבער פעראינטערעסירט האָבען זיי איהם מיט זייער נייקייט און דרייסטקייט. איבערהויפּט איז איהם געפעלען ווי אַזוי איינער אַנ'אַבצעהניעריג

גער בחור האט דערצעהלט ווי ער האט זיך געהאלטען ביי'ן אבּיסק.

— אויף קיין פראגע ניט געענטפערט.

— און איהר האט גאר קיין מורא ניט געהאט.? — האט זיך חיים ארויסגעכאפּט מיט א פראגע, ערשטוינט פון דעם בחור'ס גבורה.

דער בחור האט א שמייכעל געטהון און געענטפערט: אזוינע ווי איהר האבען מורא...

חיים האט זיך פערשעמט. ער האט זיך דערמאנט, ווי אזוי ער האט געוויינט פאר'ן אפיציער„ ווי אזוי ער האט גע־חנפה'ט דעם גאראדאוואי אין צערקיל, און האט אויסגעזעהן ביי זיך אין די אויגען אזוי קליין, אזוי געפאלען.

— וואס מיינט איהר — האט ער זיך גענומען פערענט־פערן — א ווייב, צוויי קינדער... א קראם...

דער יונגער בחור האט זיך פון איהם מיט עקעל אבגעקעהרט.

ער איז אין אזא לאנגע אבגעזעסען עטליכע טעג, אין די עטליכע טעג איז ער א סך ערפאהרען. די מורא פון דער ערשטע צייט איז אביסעל ביי איהם קלענער געווארען. איהם האט נאר געקרענקט, וואס די חברה לייט ווייכען פון איהם.

— מען מוז זעהן מיט זיי אנהויבען לעבען גוט! האט ער בעשלאסען. און האט דעם בעשלוס געכשר'ט מיט א פסוק: עם חסיד תתחסד.

— וואס מיינט איהר, ברידער,—האט ער זיך צו די פאליטישע געווענדט,—אז איך זיץ חלילה פאר א גנבה...

— פאר וואס דען? — האט דער בחור'ל, וואס האט דער־צעהלט ווי אזוי ער האט זיך ביי'ן אבּיסק געהאלטען, פארשענד געפרעגט.

— נישקשה, מען האט ביי מיר געגוג געפונען,—האט זיך חיים בערימט.

— וואס האט מען ביי אייך געפונען? —האבען אלע פון קאמער זיך נאהענט צוגערוקט צו איהם.

— איהר ווילט וויסען — וואס?.. ער האט זיך פערהאקט. ניט וויסענדיג וואס אזוינס צו זאגען...

— ברידער, ער איז א שפיאן! —האט איינער דעם צווייטען איינגערוימט אין אויער.

— אבער א גרויסער שוטה! — האט א דריטער שוין הויך געמאלדען.

און פון דעם שמועס אן איז חיים ווידער געבליבען אליין, ניט ווייסענדיג ווי אזוי זיך צו האלטען סיי מיט די „חברים“ און סיי מיט נאטשאלסטווע...

אברהם רייזען.

נייע ערצעהלונגען.

II.

יונגווארג.

פערלאג
"וועלט-ביבליאטעק".

ווארשא
תר"ע.

Типографіи „Гацефира" Панская 40

Типографіи „Гацефира" Панская 40

דער סוד.

ביז אכטצען יאהר האט נחום געלערנט אין א ישיבה; זייענדיג א שטיקעל מתמיד, האט ער געהאט גוטע „טעג", דער שבת איז געווען גאר א געהויבענער. איהם אבער האבען די גוטע טעג ניט אויסגעמאכט, ווען ער וואלט עס גאר ניט גע־האלטען פאר ניט פאסיג, וואלט ער מיט זיינע בעסטע „טעג" זיך געביטען מיט א צווייטען ישיבה בחור, וועלכער וואלט איהם דערפאר אפילו צוגעצאהלט, ווי עס פלעגט אמאל פאסירען אין דער ישיבה. דער עיקר האט ער געקוקט ניט אויפ׳ן „טאג" נאר אויפ׳ן בעל־הבית. נחום האט ליעב געהאט צו האבען בעלי־הבתים למדנים, מיט וועמען ער זאל קאנען ריידען וועגען א טיעף שטיקעל גמרא. און געלערנט האט נחום „טיעף". ליעב געהאט צו גריבלען זיך אין תוספות, מהרש"א, פרעגען און פערענטפערן קשיות. דער עיקר אבער — פרעגען. אוועקשטעלען דעם ראש־הישיבה מיט אנאפענעם מויל און מיט פערגאפטע אויגען, ווי ער וואלט געזאגט: וואו האסטו דאס אויסגעגראבען אזא קשיא?... אפילו אויף די „טעג", ווען דער בעל־הבית פלעגט אויך זיצען ביים עסען פלעגט נחום ליעב האבען פרעגען א קשיא דעם בעל־הבית טאקע, ניט קוקענדיג, וואס אויף אנדערע ענינים איז ער געוועזן א בושת פנים.

ווער ווייס, וואס פאר א למדן נחום וואלט ארויסגעוואקסען מיט זיין קאפ און מיט זיין התמדה, ווען ער וואלט זיך ניט בע־קענט, טאקע אויף זיינעם א „טאג", מיט א בחור׳ל מיט איהם אין איינע יאהרען, און יענער וואלט איהם ניט צוגערעדט צו נעמען זיך א ביסעל צו וועלטליכע חכמות. אנפאנגס האט אפילו נחום ניט שטארק געהאלטען דערפון: „אין די וועלטליכע חכמות, האט ער געזאגט, איז ניטא די טיעפקייט, וועלכע ער האט ליעב. יענער אבער האט איהם ערקלערט, אז עס איז דא אזא חכמה

ביי זיי, וואס פאלט ניט ארונטער פאר דער גמרא און דאס איז די פאליטישע עקאנאמיע.

ניט קאנענדיג נאך גוט לעזען רוסיש, האט נחום שוין זיך גענומען צו פאליטישער עקאנאמיע און די דאזיגע חכמה האט איהם געפאקט... „זי איז ווירקליך א סך עהנליך צו גמרא!" האט ער מיט א פרייד מודה געווען זיין נייעם רבי'ן.

און אזוי איז ביסלעכווייז נחום געווארען א'ן עקאנאמיסט.

צו צוואנציג יאהר האט שוין דער בחור פערלאזען די ישיבה אוועקגעפאהרען אין א גרויסער שטאדט און זיך גענומען שטודירען „קאפיטאל".

נאטירליך, האט ער ניט געקאנט זיך פערגראבען אין די ד' אמות פון „קאפיטאל", ווי אמאל אין דער גמרא. מארקס איז ניט געגעבען געווארען נור צו לערנען, צו מארקס'ן דארף מען עפּיס טהון אויך, און נחום איז געווארען ווילענדיג ניט ווילענדיג א חבר און אנגעהויבען נעהמען א'ן אנטהייל אין דער ארבייטער-בעוועגונג.

אמת, געקוקט האט מען אויף איהם אין דער בעוועגונג ווי נור אויף א טעארעטיקער, אבער דאך פלעגט מען איהם אויך פערטרויען פערשיעדענע קאנספיראציעס, וועלכע האבען איהם דעם אמת געזאגט ניט אזוי אינטערעסירט. צו די זאכען האט ער טאקע קיין געדולד ניט געהאט; דאס רוב איז ער געווען פערנומען צו שרייבען הגהות, אנמערקונגען ביי די זייטען פון די גראבע פאליטיש-עקאנאמישע ביכער, וואס ער האט אלץ געשטודירט און ווי אמאל אין תלמוד, ענטדעקט אין זיי גרויסע אויפטהואכטס...

זעהענדיג, אז נחום איז מעהר טעארעטיקער ווי טהוער האט מען איהם בעשטימט צו לערנען מיט א פאר גרופּעס פאליטישע עקאנאמיע. צווישען אלע גרופּעס האט זיך געפונען איין גרופּע פון מיידלעך, ענטוויקעלטע ארבייטערינען, מיט וועלכע עס פלעגט איהם אויסקומען צו לערנען בין מנחה למעריב. אז טאקע האט ער אליין די דאזיגע צייט אנגערופען.

דעם ערשטען מאל, אז ער האט די דאזיגע צייט פאר זיי בעשטימט, אנרופענדיג זי „בין מנחה למעריב", האבען זיך א פאר מיידלעך פון דעם ווארט פונאנדערגעלאכט. נחום האט זיך א ביסעל פערשעמט, אבער, אז די איבעריגע מיידלעך האבען די

צווי, וואס האבען געלאכט אויסגעווידעלט, האט ער זיך בערוי הינט אין האט זיך. ענדליך, געפיהלט מיט זיינע שילערינס, זיי מיט מאנסביל...

געלערנט האט ער די פאליטישע עקאנאמיע מיט א שטיקעל גמרא־ניגון, איבער א הארב פלעטיל זיך צוגעשאקעלט און בכלל בענוצט תלמודישע אויסדריקען, ווי „האבען מיר א קימא לן", „איז פון דאנען געדרונגען", אזוי אז זיינע שילערינס זענען טאקע שיער־שיער נים געווארען אמת'ע גמרא־קעפלעך...

נחום האט נים געקוקט אויף זיינע שילערינס פון דער זייט פון זייער אויסערליכקייט און עס איז איהם בכלל נים אנגעגאנגען, צי זענען זיי שעהן אדער אפשר מיאוס, נים וועניגער דערויף קיין שטארקער מבין; דערפאר אבער האט ער אויסגעפונען אין א צייט ארום, אז צווישען די אלע מיידלעך געפינט זיך איינע חנקע, וואס האט נאר א שארף קעפיל און איז נוט תופס א בלעטיל באגראנאוו...

דער דאזיגער חאנקע'ן האט נחום דאן געשענקט מעהר אויפמערקזאמקייט, ווי די איבעריגע, האט געלעגט אויף איהר גרויסע האפנונגען און האט ענדליך איהר בעמערקט, אז מיט איהר קאן מען שוין זיך פערנעמען צו לערנען א בלעטיל „קאפיטאל".

נאר אזוי ווי די איבעריגע מיידלעך פון דער גרופע זענען אזוי חייט נים געגאנגען, האט נחום חאנקע'ן פארגעלעגט, זי זאל קומען צו איהם אין צימער פון 9 ביז 10 אין אווענד צו לערנען „קאפיטאל" מארקס.

חאנקע האט זיך, נאטירליך, אנגעחאפט אין דער דאזיגער פארלייגונג, חאטש די איבעריגע חברטע'ס פון דער גרופע האבען איהר אבגערעדט, זאגענדיג, אז פאר א מיידעל איז גענוג, אז מען קאן באגראנאוו'ן אויך.

— קיין רבי'צין וועסטו סיי־ווי־סיי נים זיין! — האט איהר איינע גוטמוטהיג א שבאך געטהון.

און נאך איינע איהרע שוין נאר א נאהענטע חברטע, האט צוגעגעבען:

— אין דער סאציאליסטישער ארדנונג קאן זי נאך פסקע־נען ארבייטער־שאלות...

האַנקע איז אָבער געגאַנגען.

קומענדיג טהײלמאָל צו נחום'ן און ניט געפֿינענדיג איהם אין דער־הײם, פֿלעגט זי דערווײל מאַכען אָנ'אָרדנונג אין זײן אָרימען צימער'ל, וועלכעס האָט אויסגעזעהן, ווי נאָך אַ פּאָגראָם. זי פֿלעגט פֿערבעטען זײן בעט. אויסקעהרען דאָס צימער'ל און צונויפֿלעגען אין אָרדנונג זײנע ביכער. וואָס דער גרעסטער טײל פֿון זײ איז בעשטאַנען פֿון פּאָליטיש עקאָנאָמישע. די פּאָר דיקע זשורנאַל'ען זענען אויך נאָר געווען צושניטען דאָרט, וואו עס האָבען זיך בעהאַנדעלט פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פֿראַגען, די איבעריגע בלעטער, וואו עס זענען געווען געדרוקט די בעלעטריסטיק, זענען געווען בעהאַלטען, ווי אַ גרויסער סוד...

קומענדיג אַ הײם און טרעפֿענדיג אַנ'אויפֿגערוימט צימער'ל, פֿלעגט נחום זיס שמײכלען און פֿרײנדליך זיך ווענדען, ווי פֿערשעמט, ניט קוקענדיג האַנקען אין פּנים:

— איהר האָט דאָס אַזוי פֿײן צוגעקליבען...

— אַז בײ אײך איז זעהר אָנגעוואָרפֿען געווען — פֿלעגט זיך האַנקע פֿערענטפֿערן, אויך ווי פֿערשעמט...

אַזוי ביסלעכווײז איז האַנקע אַלץ נאָהענטער געוואָרען מיט נחום'ן, אַלץ אויפֿ'ן חשבון פֿון „קאַפּיטאַל"...

נחום איז געווען שטאַרק צופֿרידען, וואָס האַנקע איז אַזאַ מתמיד און איז אַזוי איבערגעגעבען דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ניט קלערענדיג און ניט חושד זײענדיג האַנקען אין אַנדערע געדאַנקען.

אײנמאָל האָט זיך נחום פֿערלערנט מיט האַנקען ביז אַ זײגער 1 בײ־נאַכט. עס איז געווען אַ שטורמדיגע נאַכט, דער ווינד האָט געריסען די דעכער און געקלאַפּט מיט אַ מין דראָהען אין די שויבען. האַנקע האָט שוואַך אַרויסגערעדט:

— אוי, ווי וועל איך געהן אַ הײם!

נחים האָט זיך אײנגעקוקט אין פֿענסטער צום דרויסען און האָט געענטפֿערט:

— אַז איהר ווילט, קאָנט איהר דאָ נעכטיגען...

האַנקע איז רויט געוואָרען, האָט זיך שטאַרק פֿערשעמט. דאָך איז זי געבליבען.

אויסגעבעטן האט זיך האנקע אויפ׳ן גרויסען קארב, וואס איז אין צימער׳ל געשטאנען, צושטעלענדיג צו איהם א שטול. נחום האט איהר אפילו פארגעלעגט זיין שטרוי־זאק, ווייל — האט ער איהר ערקלערט — ער האט ליעב צו שלאפען, וואס הארטער. חאנקע אבער האט ניט געוואלט אנגעהמען דעם דאזיגען אפפער און זי האט געזאגט, אז זי וועט זיך מאכען בעקוועמער מיט אנדערע מיטלען.

ליגענדיג שוין אין בעטיל האט נחום זיך געפיהלט זעהר גוט, דערמאהנענדיג זיך, אז אין זיין צימער געפינט זיך, אויסער די פאליטיש־עקאנאמישע ביכער, נאך א לעבעדיגער מענש. ער האט ווארים, פון בעט, זיך איבערגערעדט מיט האנקע׳ן, וואס איז געלעגען אין א ווינקעל אויפ׳ן קארב:

— איך מוז זיין אודאי הארט צו ליעגען...

— א, ניין, איך שלאף ווי א פרינצעסע.. האט חאנקע הארציג־ווייך געענטפערט...

מיט דער צייט האט חאנקע אנגעהויבען אלץ אפטער צו בלייבען ביי נחום׳ן, אונטער פערשידענע תירוצים, ביז זיי ביידע האבען ווי אין געדאנק בעשליסענדיג, ניט ארויסרייידענדיג עס מיט׳ן מויל זיך בעזעצט צוזאמען אין צימער.

שפעטער פלעגט מען זיי שוין זעהן ביידען צוזאמען אין דער ביליגער רעסטאראציע עסען א מיטאג אלע טאג, און נאך שפעטער. האבען זיי שוין פאר מענשען אין די אויגען געזאגט איינער צום אנדערן „דו“.

נחום איז געווען זעהר צופריעדען. חאנקע איז א טרייע חבר׳טע, האט דערצו א שארפען קאפ, מען קאן מיט איהר אביסעל שמועסען וועגען טעארעטישע פראגען און זי פאסט עס איך ווי א מאנסביל...

איין זאך האט נחום׳ן דאך א ביסעל בעאונרוהיגט. ער האט בשום אופן ניט געוואוסט, צי חאנקע איז א שענע מיידעל, צי ניט.

אז זי געהט אביסעל איינגעבויגען — דאס האט ער געזעהן בחוש, אבער צי האט זי א שיין פנים — וועגען דעם האט ער

בשום אופן נים געקאנט זאגען קיין מיינונג... ער אליין איז נים קיין מבין אויף שענקייט.

דאך וואלט ער זעהר זיין צופריעדען, ווען ער וואלט געוואוסט, אז חאנקע איז שען.

ווי אזוי קאן מען עס דערגעהן?

ער זאל פרעגען ביי א בעקאנטען וועט דאך איהם יעגער אויסלאכען. אליין קאן ער בשום אופן נים בענעהמען, צי איז זי שען, אדער נים, ווענינגסטענס צי איז זי חאטש חנ'עוודיג...

און וואס ווייטער האט איהם די פראגע מעהר אנגעהויבען צו בעאונרוהיגען, מילא, שענקייט וואלט ער שוין מוחל געוועזן — ווער ווייסט אבער, צי איז זי נים קיין פערזעהעניש: א קשיא אויף א מעשה! אז ער אליין פערשטעהט דערין נים, חאטש הרג'ע איהם! ער פאלט אמאל אויף א שכל און וויל ביי א בעקאנטען פון הינטען ארום דערגעהן:

— ווי געפעלט אייך מיין חאנקע?

— א, האפט זיך אן יענער, ווי בעגייסטערט — א וואויל מיידעל...

ווייסט ער ווידער נים: וואויל איז דען שען?... זאל ער פרעגען אפען: איז זי א שענע? פאסט נים, וואו זענען דען זיינע אויגען.

פרעגט ער אין א צייט ארום ביי א צווייטען: — ווי געפעלט דיר, ברודער, מיין חאנקע?

— א, האפט זיך אן יענער ווי בעגייסטערט — חאנקע איז א טייער מיידעל...

צו אלדי טייפעל! אז זי איז א וואויל און א טייער מיידעל, ווייסט ער אליין. איהר תפיסה, איהר בענעהמען "קאפיטאל" מארקס מעגען מאנספילן מקנא זיין. אבער צי איז חאנקע א שענע? אט וואס איהם מוטשעט, דאס הייסט, שענקייט איז ער מוחל. צי איז זי אבער, ווער ווייסט, נים קיין גראבע פערזעהעניש... ווער קאן עס וויסען?

און ער פרעגט ווידער ביי א דריטען:

— נו, געפעלט דיר מיין חאנקע?

— א, חאנקע, איז א זעלטענע מיידעל! בעקומט ער ווידער

אנטשפּער און בלייבט ווי אין קלעם. זאל חאטש איינער זאגן א מיינונג וועגן געהעריג איז, וואס איהם אינטערעסירט...

און ער פּאלט אויף א אידעע, ער וועט פרעגן חאנקען אליין. זי איז אנ'ערליכע ריינע נשמה, דערין איז ער זיכער — זי וועט איהם דערצעהלען דעם אמת.

— חאנקע, רופט ער זיך אב צו איהר איינמאל ביינאכט — חאנקע.

— וואס איז, נחום, הא? פרעגט זי ליעבלינק.

— איך האב דיך, חאנקע, געוואלט עפּיס פרעגען.

— עפּיס א מעארעטישע זאך? פרעגט חאנקע נאך ליעבער און בלעטערט דערווייל דעם גראבען „קאפּיטאל“, וואס ליעגט אויפ'ן טיש.

— ניין, דוקא א נארישקייט... ענטפערט נחום און דאס הארץ קלאפּט שטארק, ווער ווייסט, וואס פאר א דורכפאל ער קאן האבען מיט דער דאזיגער ווילדער פראגע.

— ווי קומסטו צו פרעגען נארישקייטען? שמייכעלט חאנקע.

— יעדער מענש האט זיינע נארישקייטען... ווערט נחום דאך מוטהיגער און געהט איבער גלייך צו דער זאך — זאג מיר, חאנקע: ווי ביזט א שענע?

חאנקע קוקט איהם אן אנפאנגס פערוואונדערט, נאכדעם פרעגט זי איבער:

— וואס איז דיר די נפקא מינה...

— יא... ענטפערט נחום געשטאמערט... יא... קיין נפקא מינה איז דאס מיר טאקע ניט... איך וואלט אבער וועלען טאקע וויסען... איך אליין קוק אויף דיר אמאל, קוק, קוק, און קאן ניט פערשטעהן... דאס הייסט, איך בין ניט קיין מבין...

— גלויב מיר — האט חאנקע געענטפערט — אז איך אליין ווייס אויך ניט...

און אזוי איז נחום דעם סוד ניט דערגאנגען...

די צווייטע ראָזע.

האָבענדיג אַ קאָפּ מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, צוויי שוואַרצע אויסדרוקספולע אויגען, אַנאַנגענעהמע שטימע און עטליכע שענע פראַזען, האָט הערמאַן געהאַט גליק ביי פרויען. זינט ער האָט זיך פערלאָזט אַ קליין בערדיל, וועלכעס האָט אַרומגעפּאַסט זיין ווייס געזיכט, האָבען פיעל בעקאַנטע מיידלעך געשוואָרען, אַז ער זעהט אויס, ווי אַן אמת'ער קריסטוס, און אַזוי ווי די מיידלעך זענען אַלע געווען פאָרטגעשריטענע איז דאָס געווען דער גרעסטער לויב פאַר אַ מאַן... פיעל מיידלעך פון די פאָרטגעשריטענע, ווי קורסיסטקעס, דאַנטיסטקעס און סתם שטודירענדע, וועלכע האָבען זיך אַלע געצויגען פון דער פּראָווינץ קיין וואַרשוי, זענען מיט הערמאַנען געווען בעקאַנט און דאָס רוב פון זיי זענען געווען אין איהם פערליעבט מיט דער סאַמע הייסער ליעבע, וואָס מען ברענגט פון דער פּראָווינץ אַראָב קיין וואַרשוי. הערמאַן אליין, האָבענדיג אַ היבשען זאַפּאַס געליעבטע, האָט דאָך געקאַרגט און פלעגט זיך פערליעבען פון צייט צו צייט נאָר אין איינער. עס שטענס, איז ער געווען אַ ביסעל בעשעפטיגט מיט לעקציעס און צווייטענס, איז ער געווען אַ מאָראַליסט... זענענדיג פערליעבט אין איינער איז ער איהר געווען שטאַרק טריי און איבערגעגעבען און פלעגט איהר שווערען הייסע ליעבע און קושענדיג זי ליידענשאַפטליך, האָט ער געהאַט אַ טבע צו רופען די געליעבטע ביים נאָמען.

און אָט די דאָזיגע געוועהנהייט האָט איהם פערשאַפט אַ ביסעל אונאַנגענעהמליכקייטען. האָבענדיג געביטען אין פערלויף פון אַ יאָהר עטליכע געליעבטע, פלעגט ער זיך טועה זיין אין די נעמען און קושענדיג בערטע'ן פלעגט ער רופען דעם נאָמען פון דער פאָריגער געליעבטע. די נייע געליעבטע פלעגט זיך אויפהאַפּען פון צייבער. אָבהאַקען איהם די קושען און פלעגט ביי און פערדרוסליך איבערפרעגען,

— ווי האסטו מיך גערופען?

— אך, מיין גאט! — פלעגט זיך הערמאן פערענטפערן, איך קאן בשום אופן ניט פערגעסען מיין שוועסטער.

— אזוי — דאס איז דיינע א שוועסטער — עפעס א אינטערעסאנטע מיידעל? פלעגט די געליעבטע פרעגען און ווידער ערלויבען זי צו קושען.

אײנע פון הערמאנ'ס לעצטע ליעבעס איז געוועזען א יונג מיידעל — ראזע. די ליעבע איז געוועזען די שטארקסטע און ערנסטסטע, און געצויגען האט זי זיך ביי א האלב יאהר צייט. איהר נאמען האט זיך איהם אזוי שטארק איינגעשניטען אין קאפ, אז די צווייטע געליעבטע נאך איהר — בערטע — האט ער נאכאנאנד ראזע גערופען און חאטש דער תירוץ, אז ראזע איז זיינע א שוועסטער, האט די ערשטע צייט געווירקט, האט אבער בערטע ענדליך אנגעהויבען שטארק חושד זיין, אז ראזע איז אודאי ראזע די דאנטיסטקע, צו וועלכער זי האט געהאט א שנאה און בערטע האט נאך יעדען קוש זיך געקוויינקעלט און אז ער פלעגט זי פארט רופען ראזע, פלעגט זי זיך אויפשטעלען און זאגען מיט א פארוואורף:

— געה צו ראזע'ן!

אלזא האט די ליעבע מיט בערטע'ן זיך געצויגען א גאנץ קורצע צייט — קנאפע פיער וואכען. און אפילו די פיער וואכען זענען אויך געוועזען אהן טעם. הערמאן איז געוועהנט געוועזען, אז די קושען זאלען געהן, ווי געשמירט, אהן אנ'איבעררייסונג, אהן ביטערע בעמערקונגען. ער האט זיך אליין בעשולדיגט אין א שוואכען זכרון, געחזר'ט נאכאנאנד: בערטע! בערטע! ס'האט אבער ניט געהאלפען. ווי אויף צו-להכעיס פלעגט זיך ארויסהאפען ביים ערשטען קוש דער נאמען פון דער פערגאנגענער געליעבטע: ראזע! און טהו זיך עפעס.

פאר גרויס עגמת-נפש האט הערמאן גאנצע צוויי וואכען געלעבט אהן ליעבע, און ווער ווייסט, ווי לאנג ער וואלט זיך אפגערוהט, ווען ער וואלט זיך אין טעאטער ניט בעקענט מיט א יונג, שען מיידעל, וועלכע א פריינד האט איהם פארגעשטעלט, ארופענדיג זי ביים לעצטען נאמען: ראבינאוויטש!

טרעפענדיג זיך מיט איהר אויף מארגען, האט ער פעסט

בעשלאָסען, אז ביי איהר וועט ער שוין קיין טעות ניט מאַ־
כען. ראָזען האָט ער שוין ערשטענס אין גאַנצען פערגעסען און
צווייטענס, וועט ער טאַקע פון היינט אָן אַ געליעבטע רופען ניט
ביי'ן נאָמען, נאָר אַזוי ליעבליך: מיין טייערע. מיין שטערען!
מיין חלום! און דעסגלייכען.

* * *

טרעפענדיג זיך מיט ראַבינאָוויטש נאָך עטליכע טעג בע־
קאַנטשאַפט און געבענדיג איהר דעם ערשטען קוש נאָך דער
ליעבעס־ערקלערונג, האָט ער, פערגעסענדיג אָן אַלץ, וואָס ער
האָט אויף זיך גענומען, ווידער ליידענשאַפטליך אויסגערופען:

— מיין ראָזע!

דאָס מיידעל האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט:

— פון וואַנען ווייסט איהר מיין פאָר נאָמען?

— וואָס הייסט? איהר הייסט טאַקע ראָזע! אַח. וואָס פאַר
אַ גליק! מיין גאָט!

דאָס מיידעל האָט איהם ניט פערשטאַנען און האָט געדריקט
מיט די פּלייצעס:

— וואָס פאַר אַ גליק?

דאַן איז הערמאַן געקומען צו זיך און האָט געענטפערט:

— ראָזע! ליעבע ראָזע! וואָס פאַר אַ הערליכער נאָמען!

— אהא, אפילו מיין נאָמען געפעלט אייך.

— יאָ, יאָ! דער נאָמען געפעלט מיר זעהר! זעהר! —
האָט הערמאַן ענטציקט געערט, קושענדיג זיין נייע געליעבטע
און טראַכטענדיג:

— נו, דאַנקען גאָט — אַבי זי הייסט אויך ראָזע, איצט
וועל איך מיך ניט דאַרפען היטען. און ענטציקט האָט ער זיך
צורופען:

— ראָזע! ראָזע! ראָזע!

און דאָס מיידעל האָט שטיל, אָבער שטימונגספאָל
געפליסטערט:

— אַך, מיין גאָט, ווי שטאַרק איהר קאָנט ליעבען!...

אונזער אננא איסאקאוונא.

(דערצעהלט פון אנ'ארבייטער).

אונזער אננא איסאקאוונא איז א פרייליין פון מיטעל'ען וואוקס מיט צוויי שווארצע אויגען און מיט א קאפ שווארצע האאר.

צי איז זי שעהן?

לויט די מבינות פון א בורזשוי איז זי אפשר ניט קיין שעהנהייט, ווי פארשטעהן עפעס אנדערש; ביי אונז אבער איז אננא איסאקאוונא די שענסטע פרוי אין דער וועלט, און מיר אלע ארבייטער זעגען אין איהר פערליעבט און זי אין אונז.

„פערליעבט" — קענט איהר אודאי מיינען, אז ווער פון אונז האט טאקע רעיונות וועגען איהר אויף חתונה האבען, ווי ביי אייך פיהרט זיך, זאגען מיר אייך, אז איהר האט ניט געטראפען דעם ארט. אונזער אננא איסאקאוונא איז ניט פון די מיידלעך, וואס רעדען און קלערען פון חתונה האבען. זי איז גאר אנ'אנדערע, און מיר ארבייטער האבען זי ליעב אויף אנ'אנדער שטייגער. איהר קענט עס ניט פערשטעהן.

וואס איז אונז אננא איסאקאוונא?

ווי זאל איך אייך זי אנרופען? מיין טאטע איז א חסיד, וואלט איך איהר ווערען אנרופען א רבי, אונזער רבי. איך וויל זי אבער ניט בעליידיגען מיט אזא פערגלייך... איך האב אמאל געלערענט תנ"ך, באמבעלט זיך מיר שטענדיג אין קאפ, אז אננא איסאקאוונא איז א נביאה, אזוי ווי דבורה, וואס אין שופטים. זי משפט אונז ארבייטער. עפעס אזוי שטעלט זי זיך מיר פאר... עס קען זיין, אז דער משל איז א נארישער, נאר מיר געפעהלט ער. אונזער אננא איסאקאוונא איז א מין דבורה הנביאה, און זי לערנט אונז, ווי צו בעגעהן זיך מיט די פלשתים.

איהר מיינט, אז דאָ איז נישטאָ קיין פלשתים? האָט איהר אַ טעות. ביי אונז אין רוסלאַנד איז דאָ אַ סך פלשתים..

קומען מיר זיך צונויף אַלע פאַר נאַכט נאָך דער אַרבייט אויפ׳ן טראָטואַר, וואו אונזער בירזשע איז, און וואו דבורה הנביאה, איך מיין אַננאַ איסאַקאָווּנאַ, וואַרט שוין אויף אונז, און מיר, אין קופּקעלעך, געהען איהר נאָך, און זי דערצעהלט אונז, לערענט אונז און וואָרענט אונז.

איך זאָג אייך, טאַקע אַ נביא׳הטע! זי ווייסט פריהער ווען אַ רעוויזיע וועט זיין. און זי האָט קיינמאָל קיין טעות ניט, און מיט איהר נביאות פערהיט זי אַ סך אונזערע אַרבייטער פון די פלשתים...

אונזער אַננאַ איסאַקאָווּנאַ איז אַ גרויסע געלערענטע, זי האָט געענדיגט גימנאַזיום און איז געוועזען אין אויסלאַנד אין אוניווערזיטעט. זי איז, דאַכט זיך, שוין אַ דאָקטאָרקע, און פון דעסטוועגען רעדט זי מיט אונז יודיש, און אַז זי רעדט יודיש, דאַכט זיך, אַז זי גלעט אונז און טרייסט אונז. איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז: מיר זענען דאָך ניט קיין ציוניסטען, און יודיש האָבען מיר מאָדנע האָלט... עס איז עפּעס אונזער לשון... איך ווייס ניט, צי מעגען מיר זיך אַזוי אויסדריקען, אָבער פאַר אייך מאַכט דאָך ניט אויס. איהר זענט דאָך ניט קיין פאַרטייער... יאָ, רעדט זי יודיש... וואָלט איהר הערען אַ יודיש! ריין ווי קריסטאַל, קיינמאָל וועט זי ניט אַריינמישען קיין רוסישען וואָרט, ווי אַנ׳אַנדערע...

ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז אונזער בירזשע אויפ׳ן טראָטואַר, אויף איינער פון די רייכסטע גאַסען. היינט שטעלט זיך פאָר, אַז מיר אָרימע אַרבייטער, פילען אָן דעם טראָטואַר אין אונזער שעהנעם הליך... פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען אַז אויף אונזער טראָטואַר איז, דאַכט זיך, יום טוב׳דיגער ווי אומעטום... ביי אונז איז פאַרהאַן נאָך אַ פאַרטיי, איך וויל אייך ניט אָנרופען איהר נאָמען, האָט זי געמאַכט איהר בירזשע — איהר ווייסט וואו? אויפ׳ן סקווער... געפעהלט אייך אַ בירזשע אויף אַ סקווער?... אונזער אַננאַ איסאַקאָווּנאַ מאַכט פון זיי חוזק! אַ בירזשע דאַרף זיין אויף אַ גאַס, דעמאָנסטראַטיוו, אַלע זאָלען זעהן די מאַכט פון אַרבייטער־קלאַס און מען זאָל מורא האָבען... און זיי, אויפ׳ן סקווער, צומישען זיך מיט דער בורזשואַזיע... אַז זיי

אליין , דאס הייסט יענע פארטיי איז אויך א בורזשואזע, אזוי ערקלערט זי אונז נים איינמאל און אננא איסאקאיונא קען דערקלערען א זאך, געלערנט איז זי גענוג, און א מויל האט זי — פערל ! און וואס זי זאגט אונז , איז ביי אונז היילינ .

מיינט איהר אפשר , אז זי איז אנ'ארימע ווי מיר , האט איהר א טעות ; איהר טאטע האט אנ'איינענעם מויער , און איז א בורזשוי מיט אלע ברעקעלעך נאר זי איז אנ'אמת'ע פראלע־טאריערקע , נעהמט ניט ביי די עלטערען וואס א האר איז ווערט און דאס מאכט קיינמאל קיין גראשען ניט , האטש אז זי וואלט וועלען , וואלטען די עלטערען איהר געגעבען ווי פיעל זי וויל , זי וויל אבער ניט . אייב איהר האט חשק זי צו זעהען, קומט א מאל אויף דער בירזשע , איהר וועט זי שוין דערקאנען . זי געהט פאמע־לעך , טריט ביי טריט , און ארום איהר א גאנצע קאמפאניע , און פון הינטען א קלענערע קאמפאניע . נאר זייט פארזיכטיג ווי איהר קוקט זיך איין . דער עולם קען אייך אננעהמען פאר א שפיאן ... עס האט שוין געטראפען אזוי נע מעשיות ! אננא איסאקאוונא'ס „אבראנע" שלאפט ניט ...

דער פרומער.

אין דער צייט, ווען דער אלטער בער איז געזעסען אין בית-מדרש א פער'חלשטער פון יום-כפור דינגען תענית, א היזעריגער פון די תפילות, און האט זיך נאר פון צייט צו צייט געמינטערט מיט א שמעק פון א פלעשעלע „שלאק-וואסער", וואס ער פלעגט נעהמען ביי זיין שכן, און מיט א שמעק טאבאק, צוליעב וואס ער פלעגט שוין דארפען ארויפגעהן אויף דער בימה צום שמש. — אין דער דאזיגער צייט איז לייבע, זיין זוהן, געזעסען אין זיין צימער, וואו ער וואהנט שוין, זינט ער האט זיך אבגעטהיילט פון פרומען טאטען, און ארום איהם איז גאנצע חברה יונגע לייט, נאהנטע און וויטערע חברים, און האט זיך עוסק געווען אין הכנסת אורחים, זיך געסטארעט, אז קיין הונגעריגער זאל קיינער פון איהם ניט ארויס.

אזוי פיהרט ער זיך שוין פון עטליכע יאהר, זינט ער איז צו זיין שכל געקומען און איז דערגאנגען, אז אלץ איז א גרויסער טעות, און סטארעט זיך דערפאר זיין טעות צו פערריכטען, אז זיינע אלטע זינד זאלען פערגעבען ווערען.

נאך ערב יום כפור, בשעת זיין טאטע איז אודאי געלעגען אין בית המדרש נעבען בימה און האט בעקומען מלקות, זאגענדיג דערביי תחנון, האט לייבע בעגעגענדיג זיך מיט חברים און בעקאנטע, יעדען אפגעשטעלט און פערבעטען:

— קום, ברודער, מארגען א זייגער צוויי, מיר וועלען צובייסען און גוט פערברענגען.

און די חברים האבען זיך נישט געלאזט בעטען און זענען געקומען.

און יום-כפור א זייגער דריי, ווען איז די בתי מדרשים און אין די קלויזען איז אויף א שעה רוה, האט זיך ביי לייבען אין צימערל אנגעהויבען די „עבודה".

און האַשט דער עולם איז געווען אַ וואָכעדיגער, דער בעל־הבית פון צימער׳ל אויך דאָס גלייבן, פון דעסטוועגן איז דאָס גאַנצע בילד אויסגעקומען יום־טוב׳דיג, וועניגסטענס ניט ווי געוויינליך. דער בעל־הבית אליין, ליבע, איז געגאַנגען אָהן אַ ראָק און האָט אַלע פינף מינוט רערגאָסען דעם טשייניק און אָנגעצונדען די טהעע מאשינקע, וועלכע האָט געברענט מיט אַ יום־טוב׳דיגען געריוש; געשטאַנען איז די דאָזיגע מאשינקעלע אין מזרח וואַנט און דאָס פייער האָט אויסגעזעהען ווי אַפּיקורסיש־הייליג... די חברה איז בעשטאַנען פון אַ מאַן 15, און צימער׳ל האָט זיך נאָר געפונען איין שטוהל און אַ בעט. אויף וועלכער מען איז געזעסען זאַלבע פינפט, די איבעריגע זענען געזעסען אויף דר׳ערד און דאָס האָט נאָך דעם בילד צוגעגעבען אַ מעהר יום־טוב׳דיגען אויסזעהן אַלענפאַלס, קיין וואָכענדיגע זאַך איז עס ניט געווען.

אז ליבע פלעגט זיך אָבפאַרטיגען מיט דעם טהעע קאָכען, פלעגט ער פערנאַנדערטראָגען יעדען צו גלאָז טהעע און הייסען שמירען ברויט מיט פוטער און שניידען וואורשט. געקויפט טאַקי האַנד ביי אַ גוי...

— שמירט, ברידער, פוטער און עסט מיט קאַלבאַס, איין מאָל יום־כפור!..

— עס פערשטעהט זיך! האָט איינער פון דער חברה, אַ דאַרער בחור, מיט אַ הונגעריגען פּנים — פּאַרטאַקעוועץ, און האָט אָנגעשמירט אַ שטיק ברויט מיט פוטער, און אַרויפגעלעגט דערויף דריי קיילעכדיגע שטיקלעך וואורשט. געדאַכט האָט זיך, אַז דער יונגער מאַן וויל שוין יוצא זיין פאַר נעכטען און אַפשר פאַר מאָרגען.

דער דאָזיגער יונגער־מאַן האָט אַביסעל געשטערט ליבעס שטימונג. ניט דאָס מיינט ער! ער איז דאָך ניט אויסען צו געבען עסען גלאַט הונגעריגע, נאָר אַזעלכע וואָס האָבען יום־כפור ניט וואו צו עסען. אויף אַ הונגעריגען פון אַ גאַנץ יאָהר איז היינט גאָר ניט אַזאַ מצוה...

אָבער קיין סך קלערט ער דעריבער ניט. ער טרייסט זיך גלייך, אַז אַפילו געבענדיג אַזאַ יונגען־מאַן היינט עסען איז אויך

עפּיס ווערט. דער אמונה איז דאָס אויך אַ פּאַטש אין פּנים, און מעהר איז ער ניט אויסען.

און אַ צופריעדענער, אַ גליקליכער פון זיין שליחות, רופט ער אויס, נאָכדעם, ווי אַלע זענען שוין אָנגעגעסען, אָנגעטרונקען און אָנגערויכערט:

— מ'האָט עפּיס געדאַרפט אַ זונג־טהון ... „דובינושקאַ" ...

און די גאַנצע חברה, חוץ דעם הונגעריגען יונגען־מאַן, וועלכער האָט זיך פלוצים מישב געווען און האָט אָבגעשניטען נאָר אויף דאָס ניי אַ שטיק ברויט און בעשמירט מיט פּוטער, בעלעגט מיט וואורשט — האָט אַ דונער געטהון „דובינושקאַ" ...

דער בעל הבית אַליין, לייבע האָט קיינשטימע ניט געהאַט, ער האָט נאָר אין דער שטיל אונטערגעזונגען, גלאָצענדיג ביי די שאַרפע ווערטער פון ליעד פרום די אויגען.

— און נאָך אַ ליעד! — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטהון.

„אָטרעטשיאַמסיאַ!" האָט איינער אָנגעוויזען.

און דאָס צימער'ל איז ווידער פול געוואָרען מיט געזאַנג, נאָך שטאַרקער ווי פריהער, ווייל דער הונגעריגער יונגער־מאַן האָט שוין געענדיגט עסען און, זייענדיג שוין זאַט אויף אַנ'אמת און צוליעב דעם — פרעהליך, האָט ער זעהר הויך געזונגען.

— אָט אַזוי, האָב איך ליעב! האָט לייבע בעגייסטערט גערעדט, בעטראַכטענדיג זיין חברה, און בלייבענדיג שוין צופריעדען אַפילו מיט דעם הונגעריגען יונגען־מאַן.

אין מיטען זינגען האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר.

— שאַ! האָט דער בעל־הבית איינגעשטילט דעם כאָר. ווער וויטער?

— טעלעגראַמאַ! האָט זיך דערהערט אַ גראָב קול.

— אַנ'אָביסק! האָט איינער פון די חברה דערשראָקען אויסגעשריען.

די טהיר האָט זיך געעפענט און עס זענען אריין מיט אַ הילכיגען געלעכטער דריי מיידליך.

— אהאַ, דערשראָקען? האָט איינער מיט אַ מאַנסבילשען קול לאַכענדיג נעפרעגט.

דער בעל־הבית איז פון די נייע געסט געוואָרען צוטומעלט.

מען האט שוין אלין אויפגעגעסען. זיי זענען אוראי הונגעריג.

— איהר ווילט דאך עסען ... הא? .. האט ער בעזארגט געפרעגט.

— נאך א מין ווילען! האט די מיידעל מיט'ן מאנסבילשען קול אויסגעשריען. מיר האבען דאך עפים א חזקה צו עסען ביי אייך אלע יום-כפור.

ליבע ניט ענטפערנדיג א ווארט, האט גלייך ארויפגעהאפט איך זיך דאס רעקיל און אבגעבענדיג א בעפעהל דעם הונגעריגען יונגען-מאן אנצינדען די מאשינקע און מאכען טהעע, איז ער ארויס געלאפען עסענווארג קויפען ...

אין עטליכע מינוט ארום איז ער געקומען מיט א פאפירענעם זאק, וועלכען ער האט ארויסגענומען פון אונטערן פאלע.

— זיך בעגעגענט מיט א פאר יודען ... האט ער לאבענדיג דערצעהלט ... סכנות נפשות ...

— נישקשה, האט דער הונגעריגער יונגער-מאן געטרייסט — שליחי מצוה אינן נזקין.

און דער עולם האט זיך גענומען ווידער צו דער עבודה. דער בעל-הבית אבער האט נאר אכטונג געגעבען, אז די פרויען זאלען עסען: אן זיי איז איצטער מעהר מצוה.

און מיט א פרום פנים, מיט שטראהלענדע אויגען האט ער זיי אלע ווילע געבעטען.

— עסט און טרינקט! באלד ווילען מיר אלע עפים זינגען ...

דער רעוואָלוציאָנער.

נים געזעהן האָב איך חיים'ען שוין אַ פּאָר יאָהר, זייט די רעאַקציע האָט זיך אָנגעהויבען, און איך האָב געמוזט פערלאָזען די שטאָדט, וואו איך האָב אָנגעפיהרט, צוזאַמען מיט איהם טאַקי, דריי סטרייקען. קומענדיג צוריק אין דער זעלבער שטאָדט אונטער אַן אַנדער נאָמען, בין איך אַריין צו זיינע עלטערען פרעגען אויף איהם.

— ווי אַזוי האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט? — איז געווען מיין ערשטע פראַגע.

— איהם האָט אָפּגעשפּיעלט אַ גליק — האָט מיר זיין פאָטער, אַ ליבעראַלער איד, געענטפערט, — נאָך איידער אַזוועקפאָהרען האָבען זיך אָנגעהויבען די שרעקליכסטע און דומסטע אַרעסטען... מען האָט אַרעסטירט קרעמער, מלמדים אפילו. עס האָט געהאַלטען מען זאָל דעם ראַבינער אַרעסטירען און פערשיקען... איהר פערשטעהט אונזער ראַבינער!... איהם אָבער, חיים'ען הייסט עס, האָט מען גראַד צו רוה געלאָזט...

— איז וואָס־זשע מאַכט ער? — האָב איך נייגיעריג געפרעגט.

דער פאָטער איז טרויעריג געוואָרען און האָט געענטפערט:

— מאַכען מאַכט ער ניט אַזוי גוט — ער איז מעלאַנכאָליש געוואָרען... בענקט נאָך דער רעוואָלוציע...

— ווער בענקט דען ניט... — האָב איך אַ זיפץ געגעבען.

— יאָ... יאָ... מיר בענקען אַלע, אָבער ביי איהם דריקט זיך עס אויס אין אַנ'אַנדער פאָרם... איבריגענס איז ער ביי זיך אין צימער. ער זיצט אַ גאַנצען טאָג אין צימער... געהט ערגעץ ניט אַרויס...

איך בין אַריין צו איהם אין צימער...

ער האָט מיך גלייך דערקענט, איז אָבער ניט נתפעל געווע

וואַרטען פֿון מײַן קומען. פּונקט ווי ער וואָלט מיך ניט בעמערקט...

— חיים, וואָס מאַכסטו, וואָס ביסטו אַזוי מוטהלאָז... דערקענסט מיך ניט?

ער האָט אויפֿגעהויבען זײַנע גרויסע שוואַרצע, ברענענדע אויגען. אַ טרײַסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ בעדעקט מיט געדיכטע לאַנגע האָר, וועלכע האָבען זיך צושאָטען אין לאָקענס אויף׳ן ווײַסען הויכען שטערן און האָט אַרויסגעמורמעלט:

איך דערקען דיך אויסערליך...

— וואָס הייסט אויסערליך? — האָב איך מיך פֿערוואונדערט און איהם מיט חשד אָנגעקוקט...

— אויסערליך זײַט איהר אַלע די זעלבע מענשען.

— און אינערליך?...

— אינערליך זײַט איהר שעפּעלעך...

— און דוא? איך בין געבליבען אַ ווילדע פֿערווירט און האָב קוים געפֿרעגט.

— איך? — האָט ער איבערגעפֿרעגט — איך בין ניט גלײַך צו אײַך...

— וואָס טהוסטו אַ גאַנצען טאָג, חיים?...

— איך? — אַ שמייכעל האָט בעדעקט זײַן שמאָלצען געזיכט — איך לעב אין אַ וועלט פֿון רעוואָלוציעס...

— וואָס הייסט?

— דו וועסט עס ניט פֿערשטעהן... האָט ער זיך מרחה געווען פֿון אַן ערקלערונג...

— לעזסטו עפּעס צײַטונגען... אינטערעסירסטו זיך מיט דער דומע?...

ער האָט אויף מיר אַ שפּאָטיש מינע אַ בליק געוואָרפֿען און געזאָגט:

— פֿאַר מיר עקזיסטירען ניט קיינע צײַטונגען און קיין דומע... איך האָב מײַנע צײַטונגען...

— וועלכע?...

— וועלכע? — האָט ער איבערגעפֿרעגט — אָט די אַלטע צײַטונגען, וואָס זײַנען ערשינען אין יענע פֿרעהליכע, פֿרייע און היסטאָרישע טעג...

— אַלטע צײַטונגען? — האָב איך אויסגעשטעלט די אויגען...

— אלטע, זאָגסטו! — האָט ער געלאַכט — פאַר מיר זענען זיי איבעריג ניי...

דערבײַ האָט ער גענומען זיך גריבלען אין אַ פּאַק צײַטונגען, אַרויסגענומען פון דאָרט איין נומער און מיט שטראַהלענדע אויגען מיר אָנגעקוקט:

— דערקענסטו אָט דעם נומער, וואו עס איז געווען גע־דרוקט דער מאַניפעסט פון די אַרבײַטער־דעפּוטאַטען. נאַ, לעז דורך... לעז! — האָט ער מיך געדרוקט די צײַטונג אין פּנים אַרײַן... דאָס זײַנען ווערטער... דאָס איז אַ פּליה!

— ס'איז דאָך אָבער אַן'אַלטער נומער... — האָב איך שוואַך און דערשראָקען געזאָגט...

— נו, טאָ לעז די הײַנטיגע צײַטונג, וואו מען בעט זיך, וואו מ'רעדט תחנונים... איך קען זיי ניט לעזען, ברודער, מיך עקעלט... איך האָב מיך אָבגעוועהנט... מײַן האַרץ דורשט נאָך אַ פרײַען, דרײַסטען וואָרט...

— און אז דו לעזט איבער די אַלטע נומערען, וואָס טהוסטו דאַן...

— דאַן? איך האָב גענוג צו לעזען... — האָט ער שטאָלץ געענטפערט — בײַ מיר אין צימער זײַנען דאָ די בעשרײַבונגען פון אַלע רעוואָלוציעס פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע צײַ־טען... די אַטענישע, די רוימישע, די פראַנצויזישע, די איטאַל־יענישע, די עסטרײַכישע, די היספּאַנישע... מײַן צימער איז אַ נעסט פון רעוואָלוציעס...

זײַנע אויגען האָבען געשטראַהלט... איך האָב אויף איהם געקוקט מיט בעוואונדערונג און נאָך אַ קלײַנער פּויזע האָב איך איהם געפרעגט:

און די רעאַקציע אין רוסלאַנד אינטערעסירט דיך ניט?...

— די רעאַקציע... — האָט ער בייז אויסגעשריען און זײַן געזיכט האָט זיך ווילד פאַרקרימט... בײַ מיר אין צימער איז ניטאָ קיין זכר פון איהר... איך לאָז איהר ניט צו... קיין קלאַנג דרינגט פון איהר ניט אַרײַן אהער... בײַ מיר אין צימער הערט זיך דער דונער פון באָמבען; מיניסטאָרען, זשאַנדאַרען ווערען צוריסען אויף שטיקער... שטערט ווערען באַמבאַרדירט פון רעוואָ

לוציאָנערען... מאַטראָזען דערשיסען זייערע קאַפּיטאַנען... לעטען רקלערען אַ רעפּובליק...

און אָבכאַפּענדיג דעם אָטהעם, האָט ער הויך זיך געבייזערט:

— ביי אייך איז אַ רעאַקציע, ביי מיר איז אָבער די רעוואָלוציע און רעכטען פייער... אָט־אָ! — האָט ער מיר ווילד אָנגעוויזען אויף אַ פּאַק ציימונגען... אָט דאָ איז עס... איך היט זיי ווי די אויג אין קאָפּ...

— ער איז קראַנק! — האָב איך אין געדאַנק אויסגעשריען. דאָך האָב איך איהם מקנא געווען...

די פרעמדע תפלה.

I.

שטיל, טרויעריג, מיט אראָבגעלאָזטע קעפּ און מיט א נאָגענדיגע בענקעניש אין הארצען זענען די מוזיקאנטען פון דאָנער פאָלק אריין אין קאזארמע, נאָכדעם ווי זיי האָבען בעלייט צום צוג דעם „זאפּאַס".

אויפהענגענדיג אויף די הילצערנע הענגערס די אינסטרומענטען, האָבען זיי אפילו, זיך נישט גענומען אָבצורייניגען די קאזיאָנע שטיוועל, ווי זייער שטייגער איז שטענדיג. שטום, אָהן ווערטער, האָט זיך ווער אויף דער נארע אויסגעצויגען, ווער אָנידערגעזעצט און געטראכט פון דערהיים, פון וועלכע זיי זענען אלע אזוי ווייט און פון וועלכער זיי דארפען נאָך אזוי לאנג זיין אָבגעריסען. ווענינגסטענס האָבען זיך אזוי געפיהלט די יודישע מוזיקאנטען, וועלכע זענען באשטאנען פון 35 מאן, די דריי קריסטען, וואָס זענען איבערגעבליבען, האָבען אויסער דאָס בענקעניש נאָך דער היים, וואָס דער אוועקגאנג פון זאפּאס האָט ביי זיי ארויסגערופען, נאָך א בעזונדער ביטער געפיהל דורכגעלעבט: דריי קריסטען, דריי פּראוואָסלאווינע צווישען אזוי פיעל „נישט געצלמ'טע"!

די אלע דריי, איוואנאָוו, יעמעליאנאָוו און סטעפּאנאָוו, האָבען זיך צוזעצט אויף איין נארע, הארט איינער נעבען דעם אנדערן און האָבען פון איוואנאָווס בייטעלע מיט מאחארקע גענומען זיך שטום אָהן ווערטער, דרעהען פּאפּיראָסען אין גראָבע גאזעטען פּאפּיער.

— נעהם נאָך א ביסעל! — האָט ענדליך איוואנאָוו, וועלכער

איז שטענדיג קאַרג געווען אויף אַנ'איבעריג קערענדיל מאַחאָרקע אָדער ברייטהערציג, אָבער מיט אַ קול פֿון אַנ'אָבל, אַרויסגעזאָגט,

— עט, געניג! — האָט יעמעליאַנאָוו, ווי געריהרט ווע־רענדיג פֿון זיין חבר'ס גוטסקייט, ווייך געענטפֿערט, און אום איהם דאָך צוליעב צו טהון, האָט ער צוגעשאָטען צו זיין פּאַ־פּיראָס, וואָס איז נאָך נישט פֿערקלעפּט געווען, נאָך אַ דריי קע־רענדלעך.

— נעהם דו אויך נאָך אַביסעל, עס איז ווענ״ג! — האָט איוואַנאָוו אויך סטעפּאַנאָוו'ן פֿאָרגעלעגט.

סטעפּאַנאָוו האָט זיך שטום ענטזאָגט.

אַז זיי האָבען שוין די צונויפֿגעדרעהטע פּאַפּיראָסען פֿעררוי־בערט איז צו זיי צוגעגאַנגען דער „דרעזשורנער“, דער יוד חיים קאַץ, און האָט זיי ווייך געמאָלדען:

— שוין פֿאַרטיג דער אוזשין!

— מיר דאַרפֿען נישט דעם אוזשין — האָט איוואַנאָוו זיך טרוקען ענטזאָגט, ווי ער וואָלט זיך וועלען נוקם זיין.

דער דרעזשורנער, אַנ'אונטער־אָפֿיצער, האָט זיך נישט קי־קענדיג אויף זיין צווייענדיגע ממשלה, וואָס ער האָט היינט, ווי פֿערלאָרען זיך, און האָט הכנעה'דיג געפֿרעגט:

— פֿאַר וואָס?

— עס וועט זיין ווענ״ג פֿאַר דיינע „ברידער“ — אָן וויפֿיעל זיי זענען! — האָט סטעפּאַנאָוו אונטערגעהאַלטען.

— אַ גאַנצע סינאַגאָגע! — האָט יעמעליאַנאָוו אַ שטאָך געטהון.

דער דרעזשורנע איז אַוועקגעגאַנגען אַוועק פֿון זיי.

— זיי זענען ברוגז! — האָט ער צוגעהענדיג צו אַ פּאָר יודישע סאָלדאַטען געשמייכעלט.

די יודישע סאָלדאַטען האָבען טרויריג געשוויגען.

II.

אין אַ שעה אַרום איז דער דניעוואַלניע, בערקע ישיף, צוגע־גאַנגען צום דרעזשורנעם און האָט איהם געמאָלדען:

— איך שטעה שוין צוויי איבעריגע שעה — שוין צייט מיך צו בייטען.

— אהא! — האָט זיך דער דזשורנער אַ חאַפּ געטהון — בּיזט, ברודער לעבען, געריכט. און נאָך אַ קליינער פּאַוזע האָט ער הויך איבּער דער קאַזאַרמע אויסגערופען:

— וועמעס „אָטשערעד" איז דעם דנעוואַלניע צו בייטען?

די יודישע מוזיקאַנטען האָבּען זיך איבּערגעקוקט און האָבּען נישט געענטפערט. אַנדערע האָבּען געקוקט אויף איוואַנאָוו'ן, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער נאַרע און האָט זיך געמאַכט ווי איהם געהט די גאַנצע פראַגע נישט אָן.

— נו, קיינער איז זיך נישט מודה! האָט דער דזשורנער גוטהערציג געשמייכעלט און געוואַרט אויף אַן ענטפער. נישט ערוואַרטענדיג זיך, האָט ער ווידער געזאָגט:

— מיר האָבּען, דאַכט זיך, ערגעץ אַ „טאַבּליצע פון אָטשערעד". עס וועט אייך שוין דער שוואַרץ־יאָהר אַלײן נישט העלפען

ער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנד, וואו עס איז געהאַנגען אַ צעטעל מיט די נעמען פון די אַלע מוזיקאַנטען, און האָט גענומען לעזען מיט די אויגען, דורכלאָזענדיג יענע נעמען, וואָס זענען בּעצייכענט געוועזען מיט אַ קרייצעלע, וועד עס האָט שוין אָבּגעפּטר'ט זיין אָטשערעד.

— איוואַנאָוו! — האָט ער פאַר זיך אַ מורמעל געטהון — זיין אָטשערעד!

דער דזשורנער האָט זיך אַ קראַץ געטהון אין קאָפּ, ווי ער וואָלט זוכען עפּעס אַן עצה. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון.

אוועקגעהענדיג פון דער טאַבּליצע האָט ער זיך מיט קליינע, אונבּעשליסענדע טריט געלאָזט צו איוואַנאָוו'ן. בּלייבּענדיג שטעהן געבּען איהם אין אַן אונבּעהאָלפענער פּאָזע.

— איוואַנאָוו! — האָט ער איהם שוואַך אַ ריהר געטהון פאַר'ן פוס

— ניע לאַפּאַי! — האָט איוואַנאָוו, ווּיסענדיג אויף וואָס ער דאַרף איהם, אויפגערעגט אויסגערופען.

דער דזשורנער האָט איהם געוואָלט זאָגען: דיין אָטשערעד, געה בּיים דעם דנעוואַלניע, ער האָט אָבער קיין מוט נישט געהאַט דאָס אַרויסצורעדען.

ער איז צוגעגאנגען צו איינעם פון די יודישע מוזיקאנטען.

— בלאהשטיין! זיי א גוטער ברודער, ביים דעם דניעוויאלנעם!

— עס איז דען מיין אטשעריער?

— ניין — איוואנאוום...

— נו. איז ער חולה?

— לאז איהם געמאך, נישט כדי צו עסק'ן מיט זיי. דריי שטיקלעך גוים... שטעל זיך דו!

שטעל זיך! שטעל זיך! — איז צוגעגאנגען נאך א יודישער מוזיקאנט. זעהסט נישט ווי בייז זיי זענען.

— זיי וועלען דאך צולאזט ווערען! — האט בלאהשטיין בעמערקט, און האט געביטען דעם דניעוואלנעם.

איוואנאוו האט זיך שטום איבערגעקוקט מיט יעמעליאנאוו, און סטעפאנאוו האט שוין הויך ארויסגערעדט:

— וואס דען? נאך דניעוויאלנע שטעהן: ווענינ זענען זיי דא,

און די דריי „איבערגעבליבענע" פראוואסלאווגע זענען מיט א בייזען שמייכעל ארוים אונטען, און בופעט, פערניסען די צרות...

III.

ניין א זייגער און אבענד איז אריין דער פעלדפעבעל, א הויכער קריסט, מיט א גלאט-געגאלטער מארדע. זיינע וואנסען זענען געווען פערדרעהט און זייערע צוויי שפיצען האבען געקוקט מיט בייזקייט ווי זיינע אויגען, אזוי, אז עס האט זיך געדאכט, אז ער האט פיער אויגען.

זענען אלע דא? האט ער געפרעגט מיט א טאן פון א גאלד-הערשער, וואָרפענדיג בליקען אין יעדער ווינקעל.

— אלע! — האבען די יודישע סאלדאטען, ווי א כאר הארמאניש אויסגערופען.

— זעהט-ושע! האט ער בייז-שמייכעלדיג זיך געווענדעט צו די יודען — זאל מיר פרובען איינער פעהלען! נא פאזיערקי — האט ער א קאמאנדעווע געטהון.

די אלע יודישע סאלדאטען האבען זיך אויסגעשטעלט באר ווייז, איוואנאוו האט זיך געשטעלט נעבען יעמעליאנאווען, סטעפאנאוו האט זיך געדריקט צו זיי.

דער פעלדפעבעל האט אנגעהויבען אויסרופען די נעמען, פריהער די יודישע. די דריי רוסישע האט ער ווי מיט א כיון געלאזט אויף צום סוף. ווי אבריינגען מיט זיי די צונג... צוקומענדיג צו די דריי רוסישע נעמען האט ער דעם טאן אומגעביטען און נאך יעדער נאמען זייערען האט ער געמאכט א קליין פאוזעלע, ווי ער וואלט זיך פאסמאקעוועט...

— נא מאליטוואו! — האט דער פעלדפעבעל א קאמאנדעווע געטהון, ווי ער וואלט ניט געוואוסט, אז עס זענען נאר געבליבען דריי פראוואסלאחנע.

אלע מוזיקאנטען האבען געמאכט א טריט לינקס, לויט מיליטערישען שטייגער, און כהרף עין זענען זיי אלע געשטאנען מיט'ן פעלדפעבעל בראש קעגען די הייליגע בילדער.

— אטשע נאש! — האט דער פעלדפעבעל, אלס חזן, אנגעהויבען מיט זיין באסאווען קול צו זינגען.

— עס האט געהערשט א שטילשווייגען.

די יודישע סאלדאטען זענען געשטאנען בלייך. אין דער שטילקייט האבען זיי געהערט הויכע שטעכעדיגע ווערטער. זיי האבען געשפירט, אז אין דעם שווייגען ליעגט פערבארגען א בייזע כונה... זיי האבען מורא געהאט א קוק צו טוהן אויפ'ן פעלד, פעבעל, אויף די דריי רוסען...

— נו, וואס ווארט מען? — האט דער פעלדפעבעל מפסיק געווען.

שטיל.

פלוצים, ווי צונויפרערענדיג זיך געהיים איינע מיט די אנדערע, האט א זעץ געטהון א גאנצער חאר הויך, הארמאניש און ערנסט. די ווערטער און דער ניגון פון דער פרעמדער תפלה האבען זיך צוגאסען איבער דער גאנצער קאזארמע. די קריסטען האבען דאס מויל נישט געעפענט. אבער שוין נישט להכעיס צו טהון, נישט צו ווייזען, אז דא זענען צו פיעל יודען, נאר פאן ערשטוינונג און איבערראשונג...

נאך דער תפלה, אז דער פעלדפעבעל איז שטום, אהן קיינע בעפעהלען, ארויסגעגאנגען, האט ווידער גענומען הערשען א שטילקייט. די יודישע מוזיקאנטען האבען, ווי בעטראכטענדיג וואס זיי האבען געטהון, געשוויגען.

די דריי קריסטען האבען זיך, אזוי ווי עצענדיג זיך אויף איין נארע, זעהר שטיל זיך געסודעט.

ענדליך האט זיך איבער דער קאזארמע דערהערט אזוי נאזו'ס שטים:

— זשידי חיטרי!

די יודען האבען זיך איבערגעקוקט און געשוויגען.

און דער קאזארמע האט געהערשט א דריקענדע שטילקייט.

די הייליגע בילדער און ווינקעל האבען געקוקט מרה־שחורה'דיג.

אַרוּהיגע דירָה.

(אַ קאָמישע פראַגמענט)

פּערזאָנען.

לאה, אַן אַלמנה.

בײלע: \
זעלדע: } איהרע טעכטער, שנײַדערקעס.

חיים איהר יונגער זוהן, שפּיעלט פידעל.

שרײַבער, אַ קוואַטיראַנט.

די סצענע קומט פאָר אין װאַרשאַ.

אַ קיך, זױבער אױפגערױמט. בײַ די װענד שטעהען צװײ צונױפגעלעגטע אײַזערנע בעטלעך, און אַ װינקעל — אַ נעה-מאַשין, איבערגעדעקט מיט אַ לײַלעך, אױף דער פערדעקטער קאַלטער פּליטע שטעהט אַ קלײנער לאָמפּ. לאה זיצט בײַם פּליטע און פערריכט אַ העמד.

לאה (צוהערענדיג צום טיר): װער קראַצט דאָרטען די טיר? שטעהט אױף און געהט עפענען).

שרײַבער (אין אָבגעטראָגענעם קורצען אַסיען-פּאַלטאָ, לאַנגע האָאר, צושראָקענע אױגען): איך האָב געטראָפען צי ניט... דאָ איז פערטער שטאָק?

לאה (אנגערוקט): פערטער, פערטער, איהר קענט ניט צעהלען?...

שרײַבער (צו זיך קומענדיג): איך האָב זיך צומומעלט צעהלענדיג... (אָטהעמט אָב) בײַ אײַך גיט זיך אָב אַ בעט פאַר אַ פּערזאָן?.

לאה (אָנקוקענדיג איהם מיט פערדעכטיגע בליקען): דאָ... דאָ... בײַ מיר...

שרײַבער. איך זעה, אַז בײַ אײַך דאַרף זײַן שטיל, רוהיג... אַזאַ דירה זוך איך טאַקי...

לאה. װאָס הײסט רוהיג... אַװדאי איז דאָ רוהיג... איהר זעהט דאָך... קײנער ניטאָ... אַ גאַנצער טאָג — קײנער ניטאָ.

שרייבער. און ביי־נאכט? —

לאה. וואס הייסט ביי נאכט? ביי נאכט שלאפט מען דאך —

שרייבער. פערשטעהט איהר מיך — ביי מיר איז דער עיקר די נאכט —

לאה. וואס הייסט דער עיקר די נאכט?

שרייבער. איך בין, פערשטעהט איהר מיך, א שרייבער —

לאה. וואס הייסט א שרייבער. איהר גיט אוראקען?.

שרייבער. ניט דאס מיין איך — ס'הייסט אוראקען גיעב איך אויך, דאס הייסט אבער א לעהרער — א שרייבער, דאס הייסט איך שרייב, איהר פערשטעהט, איך שרייב! —

לאה: וואס הייסט, איהר שרייבט? איהר שרייבט פאפירען?

שרייבער: ניין, איך שרייב, פערשטעהט איהר מיך, זאכען —

לאה (פערוואונדערט). זאכען — וואס הייסט זאכען? זאכען נייהט מען דאך — איך פערשטעה ניט, וואס דולט איהר מיר א קאפ! (קוקט אויף איהם מיט חשד).

שרייבער (שמייכעל'ט): זאכען הייסט ניט דוקא קליידער, זאכען הייסען ארטיקלען —

לאה. ארטיקלען? איך פערשטעה ניט, וואס הייסט ארטיקלען — עפעס רעדט איהר פערשטעלט — (מיט גרויס חשד) איהר זייט שוין לאנג אין ווארשא?

שרייבער. שוין צוויי יאהר —

לאה. איך פערשטעה אבער ניט, וואס איהר מהוט! זאגט פשוט, וואס מיינט איהר?

שרייבער. פערשטעהט איהר מיך, איך בין א שרייבער — איך שרייב געדאנקען, זאכען, ליעדער —

לאה (בערוהיגט). אהא. איהר מאכט גראמען — איך פערשטעה.

שרייבער (ווי בעליידיגט); וואס הייסט גראמען — איך שרייב אויך אהן גראמען — גראמען איז ניט דער עיקר — דער עיקר איז דער געדאנק — א מאל קען זיין א ליעד אהן גראמען און זי זאל זיין בעסער, ווי מיט גראמען —

לאה. מילא, וואָס געהט עס מיר אָן — איהר ווילט, הייסט עס, וואָהנען דאָ —

שרייבער. יאָ — אָבער איך זאָג דאָך אייך, דער עיקר, ציִ איז ביי אייך רוהיג?

לאה. שוין רוהיג — איהר זעהט דאָך —

שרייבער. יאָ, איצט זעה איך — דאָרט וואו איך וואוין איז איצט אויך קיינער ניטאָ. פֿון דעסטוועגען לאָז איך צוויי וואָכען בעצאָהלטע און איך ציה מיך אַרויס —

לאה. פֿאַר וואָס? —

שרייבער. ווייל דאָרט טומעלט זעהר ביי נאַכט, אַ סך קינדער און קוואַרטיראַנטען —

לאה (ביטרע). וואו זענען זיי אַלע בײ־טאָג?

שרייבער. ביי טאָג אַרבייטען זיי און ביי נאַכט, אַז זיי קומען זיך צונויף איז שרעקליך טומעלדיג — איך קען אַ וואָרט ניט שרייבען.

לאה. ביי מיר איז דאָס ניטאָ — איך לאָז ניט טומלען — אָבגעגעסען און געגאַנגען שלאָפֿען —

שרייבער. פֿאָלגט מען אייך דען? —

לאה (בייז). וואָס הייסט פֿאָלגען? מיר מוז מען פֿאָלגען — וואָס הייסט עפּעס ניט פֿאָלגען! —

שרייבער (ווי דערשראָקען). יאָ, נאַטירליך, אַלזאָ וואָס וועט קאָסטען אַ חודש?

לאה. איהר האָט דאָך געלעזען אונטען אויפֿ'ן צעטעל — דריי רובל. שוין מיט געקאָכט וואַסער אַלע אין דער פֿריה —

שרייבער. ניין, אַ דאַנק. געקאָכט וואַסער ברויך איך ניט — איך טרינק טהעע אין גאַס —

לאה. נו, איהר דאַרפֿט נישט. וועל איך אייך ניט צווינגען. איך צווינג קיינעם ניט — נאָר ס'איז אַלץ איינס צו מיט געקאָכט וואַסער, צו אָהן געקאָכט וואַסער, דריי רובל. אַ דירה — אַ מלוכה —

שרייבער (בעטראַכטענדיג פֿון דער קיך דעם צווייטען צימער): יאָ, די דירה איז אַ שענע — גאָר אַ שענע! — איך האָב אָבער מורא, אַז ביי־נאַכט וועל איך אויך דאָ ניט קענען שרייבען — ווי פֿיעל קינדער, זאָלען געזונד זיין, האָט איהר?

לאה (בעוואָרגט): אַז אַך און וועה — דריי שטיקלעך קינ־דער — צוויי מיידלעך און אַ אינגעל — זעהר אַ געראָטענער אינגעל —

שרייבער. הייסט עס, נעהם איך ביי אייך די וואוינונג — (בעטראַכט די קיך מיט דעם צימער): וואו וועט איהר מיך, למשל, לייגען? —

לאה. וואו איהר ווילט — איהר קענט אַרבייטען אין צימער און שלאָפען אין קיך מיט'ן בחור'ל צוזאַמען.

שרייבער. דאָס שלאָפען איז ביי מיר נאַרישקייט — דער עיקר די רוהיגקייט.

לאה. וועגען רוהיגקייט רעדט נישט — דאָס וועט איהר שוין זעהן —

שרייבער. דאַרף מען אייך, הייסט עס, געבען האַנד־געלד און איך ציה מיך באַלד אַריין —

לאה. פון מיינטוועגען קענט איהר שוין —

שרייבער. איך וואַלט טאַקי דאָ ניט וויסט, דאָס 5־טע הויז פון אייך — כ'האָב נאָך צוויי וואָכען צו וואוינען דאָרט, נאָר מיר אַרט ניט די אַנדערהאַלבען רובל — איך האָב דאָרט פאַר צוויי וואָכען קיין איין אות ניט געשריבען — געלד שפּילט ביי מיר קיין ראָלע ניט —

לאה (פילאָזאָפיש): געלד איז בלאָטע —

שרייבער: אַלזאָ אָט האָט איהר אַ רובל האַנד־געלד —

לאה: און די אַנדערע צוויי —

שרייבער (ווי פערהוירט): די אַנדערע צוויי בעקומט איהר אין דריי טעג אַרום — ס'איז פערשטעהט איהר מיר, שווער — איך לאָז צוויי וואָכען איינגעצאָהלטע דירה־געלד —

לאה (גוטהערציג): נו, נו — זאָל זיין אין דריי טעג אַרום — ביי מיר וועט איהר נישט דאַרפען לאָזען — איהר וועט זיין צופרידען — געקאָכט וואַסער ווי פיעל איהר ווילט —

שרייבער (געריהרט פון איהר ווייכקייט): ניין, דאַנק — קיין געקאָכט וואַסער ברויך איך ניט — איך טרינק שטענדיג טהעע אין גאַס, ס'הייסט, אין אַ קאַווארניע — איך האָב שוין מיין קאַווארניע —

לאה. נו, צווינגען וועל איך אייך ניט — איך צווינג קיינעם ניט —

שרייבער (איינגערוימט): הייסט עס, קען איך מיך טאקי גלייך איבערציהען —

לאה: פון מיינטוועגען כאטש די מינוט —

שרייבער (פרעהליך): אלזא געה איך ברענגען מיין טשע־מאדאנטשיקעל — (אב.)

לאה (אליין). רוהיגקייט וויל ער — פאר דריי רובעל א חודש וויל ער רוהיגקייט — א ליטוואק א ביסעל — אלץ קענען זיי — ליעדער שרייבען און נאך — אז ער וועט ניט שרייבען קיין ליעדער בין איך בדלות — מיינע וועהטאגען אויף זיין קאפ — פאר דריי רובל וויל ער א רוהיגע דירה (דערהערט טריט). די קינדער געהען שוין — (שטעלט זיך אויף).

(עס געהט אריין זעלדע, א מיידעל פון א יאהר 23 אויסגעפוצט אין א גרויסען הוט און אין א מאדנעם מאנטעל) —

לאה. ווייסט זעלדע, שוין דא א קווארטיראנט — א ליטוואק —

זעלדע (בייז). פארט פערדונגען! — וואו וועסטו איהם לייגען — ביי דיר צופוסען מיידען —

לאה (ווייך). אך רעד ניט קיין נארישקייטען — וואו וועל איך איהם לייגען? א שאלה אביסעל — איך וועל שוין געפינען אן ארט — אזא יקרות קוילען — דריי רובל וועט צוניץ קומען —

זעלדע: מילא, מאך א הקדש פון דער דירה, נעהם צו־נויף אלע קבצנים פון דער וועלט און לאז זיי דא אריין! מילא ס'איז ניט מיין דאגה. גיעב עפעס עסען — איך וויל מיך זעצען נעהען —

לאה. שוין! (דערלאנגט זעלדען וועטשערע, דערוויל געהט אריין די יונגערע טאכטער, ביילקע).

לאה. אט איז שוין ביילקע — ווייסט ביילקע — כ'האב שוין א קווארטיראנט —

ביילקע. פרעהליך איז מיר — עפעס א שענער בחור? —

לאה. א ליטוואק — ער מאכט ליעדער —

ביילקע, איי גוט! איך האב טאקי ליעב ליעדער (זינגט),

שען ביזטו ליובטשע, ליובטשע!
שען ווי די גאנצע וועלט.

נאָר איין חסרון איז אין דיר,
וואָס דו האָסט קיין געלד —

לאה (איראָניש). איצט קענסטו זינגען, באלד קומט ער, זועט ער ניט וועלען ליידען — ער וויל רוהיגקייט — פאר דריי רובעל א חדש וויל ער רוהיגקייט —

זעלדע (אָבעסענדיג, זעצט זיך בײַ דער מאשין נעהען ...) אָט זועט ער האָבען רוהיגקייט — איך דאַרף היינט זיצען ביז דריי אוּן נעהען — איך מוז ענדיגען דאָס קלייד.

(עס הערען זיך טריט, עס געהט אריין חיים א בחור פון א יאָהר 18).

חיים. מאַמע גיעב עסען — איך וויל אביסעל שפּיעלען אויף דעם פּיעדעל (געהט אריין אין צימער, ברענגט פון דאָרט א פּיע־דעל, שפּיעלט די גאַמע).

לאה, שפּיעל, שפּיעל, דער ליטוואַק וויל האָבען רוהיגקייט — (געהט אריין אין צווייטען צימער).

(באלד געהט אריין דער שרײַבער, די מאשין קלאַפּט, די פּיעדעל ברומט, ער בלייבט שטעהען מיט'ן טשעמאָדאַנטשיקעל אין טיר און קוקט פאראויס ...

שרײַבער. אָה, ענטשולדיגט — איך האָב א פּנים פאַר־בלאָנדושעט — איז דאָס דער פערטער שטאָק —

לאָה (צוריק, ארויסגעהענדיג). דאָ, דאָ —

שרײַבער (אויסשטעלענדיג די אויגען). איך פערשטעה גאָר ניט — אָט אַזוי נאָרט מען דאָס אָב — דאָ איז דאָך שרעקליך — איך וועל דאָך ניט קענען אַ וואָרט שרײַבען —

לאה. נו, וואָס האָט איהר געוואָלט — צוליעב אַ רײַעריגע דריי רובל זאָל מיין טאָכטער ניט נעהען און מיין זוהן ניט שפּי־לען — ניש־קשה, מען קען שרײַבען ליעדער בײַ־טאָג —

שרײַבער (אוועקשטעלענדיג דעם טשעמאָדאַנטשיק). מילא, די נאַכט וועל איך שוין בײַ אייך נעכטיגען, איך האָב ניט וואוהין צו געהן — מאָרגען וועלען מיר זעהן —

(פאָרהאַנג).

אויך אַ חֲתוּנָה .

(אַ קאָמעדיע אין איין אַקט)

פערזאָנען:

ב ר ו ך , אַנ'ענטוויקעלטער ארבייטער, 23 יאָהר אַלט.
ד י מ ו ט ע ר , אַנ'אַלטע , פרומע, אָרימע אַלמנה.
ב ײ ל ק ע , אַנ'אַרבייטערין , ברוך'ס כלה , 20 יאָהר אַלט .
געסט , יונגע אַרבייטער .

קומט פאָר די לעצטע צוויי יאָהר אין אַ גרויסע שטאָדט אין ליטאָ .

די סצענע שטעלט פאָר אַ קליין , קאַוואַליער צימעריל , רעכטס פון די קיך , אַנשטאָט טהירלעך — אַ שמוציגער פאָרהאַנג , ביי'ן שטוביגען , וועקס-שויבינגען פענסטער — אַ קליין טישעל פערדעקט מיט אידישע צייטונגען . הארט ביי'ן טישעל אַ בעט , ביי דער צווייטע זייט טישעל אַנ'אַלטע שטוהל . אויפ'ן טישעל שטעהט אַ קעסטעלע טאַבאַק , פון וועלכע ברוך שטאָפט אָן פאַפּיראָסען און רויכערט איינעם נאָך'ן צווייטען . פאַרנאַכט . נאָר וואָס אָנגעצונדען פייער . ברוך אַליין שטאָפט אָן אַ פאַפּיראָס , פערדרייט , געהט אום איבערן צימער שטאַרק פערטיעפט , שטעלט זיך ביי'ן טהיר פון צימעריל און רופט :

ערשטע סצענע.

ברוך: מאמע...

די מוטער (ארײַנגעהענדיג מיט לאַנגזאמע טריט): וואס?

ברוך: מאמע... איך וויל דיר עפּיס זאגען, נאר איך זאג דיר פריהער, אז קיין טענות פון דיר וויל איך ניט הערען, ס'וועט ניט העלפען... הײַנט בײַ נאכט האב איך מיט בײַלקען חתונה.

די מוטער: הײַנט בײַ-נאכט? מיט בײַלקע'ן?... אט מיט דער...

ברוך (האקט איבער): מאמע, איך בעט דיך, אהן טענות— הײַנט בײַ-נאכט מיט בײַלקע'ן... אזוי האב איך אבגערעדט... אזוי מוז עס זײַן.

די מוטער: נו, נו, מסתמא ווייסטו דאך וואס דו טוהסט... זאל זײַן מיט בײַלקע'ן — זאל זײַן אהן נדן, זאל זײַן אהן בעטגע-וואנט... אבער וואס עפּיס, זוהנעניו, הײַנט בײַ-נאכט?...

ברוך: און מארגען וועט זײַן בעסער? חתונה האבען מיט איהר מוז איך.

די מוטער: דו מוזט? הערסט א ביסעל — ער מוז! האסט תנאים געשריבען, צי א קנין געמאכט...

ברוך: נאך מעהר ווי תנאים, נאך מעהר ווי א קנין (פאסעגדיג זיך מוטה) - זי איז א וואויל מיידעל. איך האב צו איהר גאר נישט... כ'האב זי טאקע האלט...

די מוטער: האלט האבען קאן מען זי, דאס איז אפילו אמת, איך האב זי אויך ניט פײַנט, נאר זי איז דאך אזוי ארים.

ברוך: דאס איז א נ'אמת. ארים איז זי, נאר מיר וועלען לעבען... נישקשה, מיר וועלען לעבען!

די מוטער: נו, אז דיר איז ניחא, מוז איך שווײַגען... וואו ווילסטו אבער מאכען די חתונה און מיט וואס?

ברוך: וואו?— טאקע דא אין צימערל, און מיט וואס— אט האסטו א רובל... (נעהמט ארויס פון טאש א זילבערנעם רובל).

די מוטער (לאכט ביטערליך): מיט א רובל ווילסטו א חתונה פראווען, איי מײַן זוהן, רעדסט דאך גאר פון וועג...

ברוך: וואס מײַנסטו, מאמע, א חתונה? קיין גילדערנע יויך דארפען מיר ניט. קויף עטליכע הערינג, א ביסעל בראנפען. א

פאַר קינדלעך און די חתונה איז פאַרטיג...

ד י מ ו ט ע ר: האָסטו חאָטש דעם פעטער לייבן געבעטן?

ב ר ו ך (לאַכט): דער פעטער וויל דאָך ניט דעם שידוך...

ד י מ ו ט ע ר: פונדעסטוועגן...

ב ר ו ך. אָט לאָז די משפחה צו-רוה. קיין דרשה-געשאַנק דאַרף איך ניט און זיי וועלען ניט געבען אויך. פאָלג מיר און גיי קויף איין עפּיס פאַר'ן רובל און גענוג. מיינע מחותנים וועלען קיין פאַראיבעל ניט האָבען. אייגענע ברידער.

ד י מ ו ט ע ר: דיינע „מחותנים" — אז אָך און וועה איז מאַקע צו דיינע מחותנים.

ב ר ו ך: נו, מאַמע, ווייסט דאָך, אז דו וועסט מיר שוין ניט איבערמאַכען. נעהם דעם רובל און גיי קויף אַלץ איין: בראַנפען א קוואַרט און פאַר'ן איבעריגען געלד א פּאָר הערינג און נאָך עפּיס.

ד י מ ו ט ע ר: גאָר ביים חתן די חתונה... פאַרוואָס ניט ביי דער כלה? זאָלען איהרע עלטערן דעם נחת האָבען...

ב ר ו ך (שמייכלענדיג): איהרע עלטערן זענען אויך ניט צופריעדען מיט'ן שידוך.

ד י מ ו ט ע ר (איראָניש): אויך ניט צופריעדען! אז אָך און וועה שוין צו דיר! האָסט געקאָנט נעהמען 300 רובל מיט חתן-מתנות, ווי ביי לייטען.

ב ר ו ך: איך וועל שוין אַלץ האָבען.

ד י מ ו ט ע ר (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): יאָ, יאָ, וועסט האָבען... מיט אזא פיהרונג וועסטו אַלץ האָבען... (אָב).

ב ר ו ך (אַליין): נו, א סוף, אַבי זי ווייסט שוין.. (עס הערט זיך טרים).

צווייטע סצענע.

ב ײ ל ק ע (שטעלט זיך ביים פאָרהאַנג, חויבט איהם אויף און קוקט שטאַרק אַרײַן).

ב ר ו ך (מונטער): אָ, די כלה איז שוין דאָ. קום אַרײַן.

כּלה־לעב. קום אַריין, שעם זיך ניט פאַר'ן חתן... קענסט איהם שוין.

בּײלקע (גיעהט אַריין, אין אַ ציצען קליידעל, די שוואַרצע האָהר פערקעמט עטוואָס יום־טוב'דיג, מיט אַ ווייסען שאַל אויף די פּלייצעס):

נאָך קײנער ניטאָ?

בּרוך: ניין, די מחותּנים זענען נאָך ניט געקומען.

בּײלקע: אוי, הלואי וואָלט טאַקע קײנער ניט געקומען, איך שעם מיך עפּיס אַזוי — עפּיס אַזאַ נאַרישע צערמאָניע. צו וואָס דאַרף מען דאָס, דאַכט זיך.

בּרוך: אַט דאָס פרעג איך דאָך אויך, צו וואָס דאַרף מען דאָס טאַקע? אפשר דאַרף מען טאַקע ניט.

בּײלקע: ניין, ניין! מען דאַרף, מען דאַרף! אַזוי בּין איך קײנמאָל ניט זיכער מיט דיר.

בּרוך (ווי בּעליידיגט): מיט מיר ניט זיכער?! האַ, בּײלקע,

בּײלקע: ניין, ניט דאָס... נאָר ס'איז עפּיס אַ סימן, עפּיס — איך ווייס אויך ניט ווי צו זאָגען — פאַר דער וועלט... זאָל די וועלט שפּעטער ניט בּילען...

בּרוך: אַט אַזוי רייד — זאָל די וועלט ניט בּילען... טאַ קום אַהער. איך וועל דיר אַ קוש געבען.

בּײלקע: פּונקט פאַר דער חופּה...

בּרוך: וואָס דען, נאָך דער חופּה?

בּײלקע: און נאָך דער חופּה וועסטו מיך ניט קושען?

בּרוך (שפּאַטיש): נאָך דער חופּה קריגסטו בּיי מיר פּעטש, ווי די טוהמע רחל פון פּעטער לייבעל.

בּײלקע: רעד בּעסער ניש... איך האָב עפּיס אַזוי מורא...

בּרוך: האָסט מורא? פאַר וועמען? פאַר מיר?

בּײלקע: פאַר דער וועלט... אוי, די וועלט איז אַזאַ שלעכטע, אַזאַ בּייזע... שאַ, ווער געהט עס?

בּרוך: די מאַמע, אודאי... טאָמער וועט זי עפּיס דיר זאָגען — שווייג... ס'איז איהר טאַקע אַ רחמנות, נאָר וואָס קאָן איך איהר העלפען...

(עס געהט אַריין די מוטער, שטעלט אַוועק אויפ'ן פענסטער אַ קוואַרטינע פלעשיל בּראַנפען, לעגט אַוועק אַ פּאָר הערינג, אייער־קיכלער און נאָך קלייניגקייטען).

די מוטער: נאַ, אָט האָסטו די גאַנצע חתונה.. קיין ־עשט איז נישט געבליבען... איך גיה אוועק.

(מיט רוגזא): דעם מזל־טוב גיב איך אייך, קינדערלעך, שוין אָב.

ביילקע (שעמעוודיג): פאַרוואָס זאָלט איהר אוועקגעהן? זייט בעסער דאָ...

די מוטער: צו אַזעלכע חתונות בין איך ניט געוועהנט געוואָרען... קיין רב וועט אפילו ניט זיין, וועה איז מיר..

ברוך: על פי דין איז גענוג צוויי עדות. זיי וועלען קומען

די מוטער: דיינע עדות... מילא, טהוט, קינדערלעך ־ווי איהר פערשטעהט — מסתמא ווייסט איהר דאָך בעסער.

ברוך: יאָ, מאַמע, מיר ווייסען בעסער.

ביילקע (שטאַרק פערשעמט): פונדעסטוועגען בלייבט...

די מוטער: ניין, טאָכטערקע, איך וועל געהן צום פע־ טער לייבען זיצען אַ פאָר שעה.

ברוך: דערצעהל איהם נאָר קיין מעשיות ניט...

די מוטער: ס'איז מיר אַ חרפה צו דערצעהלען, אַ חרפה צו שווייגען (אָב).

ביילקע: אוי, מיר פערדריסט אַזוי, וואָס זי איז אַוועק.. איהר איז אַזאַ רחמנות...

ברוך (ערנסט): וואָס זאָל מען טהון?

ביילקע: מ'האָט געדאַרפט דאָס מאַכען בשתיקה און נאָכדעם אויסזאָגען.

ברוך: אַלץ איינס. מילא, זי וועט שוין מרוצה ווערען, זי איז שוין צו אַלץ געוועהנט געוואָרען (פרעהליך) נעהם בעסער, בלה־לעבען — גרייט צו די וועטשערע, באַלד וועלען דאָך קומען די פאָר מחותנים... מאַך, בלה־לעבען, די הערינג... שעם זיך ניט..

ביילקע: אוי, וועה, מיין מאַמע וואָלט דאָס געוואוסט.. (פערטראַכט זיך). וואו וועל איך טאַקע היינט נעכטיגען?...

ברוך: אָ, דו נאַרישע כלה! וואָס הייסט וואו? טאַקע דאָ ביי מיר...

ביילקע (שטאַרק פערשעמט): און וואָס וועט די מאַמע זאָגען?

ברוך: וואָס הייסט — די מאַמע? מיר ווערען דאָך עפּיס ווי דער עולם רופט עס — מאַן און ווייב.

ביילקע: פוי, מאן און ווייב — ווי גראב! רעדט ניט אזוי, ברוך.

ברוך: ווי דען ווילסטו?

ביילקע: ווי ביי אהער — אהן א נייעם נאמען.

ברוך: טא פארוואס ווילסטו חתונה האבען?

ביילקע: איך וויל דען?... איך מוז... דו ווייסט דאך, אז איך מוז (ווערט שטארק רויט, קערט זיך אום צום וואנד).

ברוך: יא, יא... (פערטויעפט זיך). הייסט עס נאך דער חופה מעג מען שוין... אוי, די משוגעים, די משוגעים...

(עס הערען זיך שטימען הינטערן טהיר).

ביילקע: אוי, מען געהט...

ברוך: אודאי, מיינע חברים...

(עס געהען אריין דריי יונגע לייט: חיים, לייביל און געציל. אלע זעהען אויס ווי אינטעליגענטע ארבייטער, א ביסעל פערפוצט).

דריטע סצענע.

לייבעל (ברייטלעך): גוט'ן אווענד! — מזל-טוב! מזל-טוב!

חיים: יא, יא, — מזל-טוב! מזל-טוב!

געציל (זינגענדיג מיט דעם בעקאנטען נגון): חתן-כלה מזל-טוב, מזל-טוב!...

ביילקע (צו געצלען): איך בעט אייך, הערט אויף.

ברוך: די כלה שעמט זיך...

ביילקע (מיט א געמאכטען כעס): איך בעט דיך רוף מיך ניט כלה...

געציל: וואס דען זענט איהר — א חתן? נו, כלה-לע-בען, קומט אהער, — איך וועל אייך בעזעצען.

חיים (לוסטיג ווערענדיג): אי, טאקע, לאמיר זי בעזעצען.

לייבעל (אויך פרעהליך): ווי דען — אודאי בעזעצען, און דו, געציל — קאנסט דאך גראמען זאגען — זיי דער בדחן.

געציל (שטעלט זיך אויף און זינגט מיט'ן סקארבאווען נגון):

כלה — קרוין,

בעטראכט זיך מיט חן.

דאָרפֿסט באַלד,
צו דער חופּה גייען,
איינע אַליין...

ביילקע (ווערט אומעטיג): איך בעט אײַך, מאַכט זיך ניט נאַריש.

ברוך: נו, ווי געפֿעלט אײַך די כּלה? איהר שטימונג איז טאַקע העכסט ערנסט, אַ מין יום הדין בײַ איהר היינט.

געציל (אין אַ קאָמישער פּאָזע):
בעטראַכט, כּלה־לעב, מיט זין.
היינט איז בײַ דיר דער יום־הדין...

ביילקע: נו, געציל, הערט אויף, איך בעט אײַך.

לייבעל: טאַקע געוווּג. חתן־כּלה האָבען אַוודאי היינט געפֿאַסט און עס חלשט זיי דאָס האַרץ — לאָמיר זיך זעצען צו דער חופּה־וועטשערע.

געציל: וואָס הייסט? פֿאַר דער חופּה?

ברוך: מאַך טאַקע, ביילקע, די הערינג מיט די פֿערבײַסען.

לייבעל: אַוודאי — ביילקע דאַרף זיך איצט לערנען זיין אַ בעל־הבית'טע.

חיים: און דער ערשטער „אוראָק" איז פֿון הערינג, אונזער ערשטע און אונזער לעצטע געריכט.

ברוך (ערנסט): נישקשה, ביילקע וועט זיין אַ בעל־הבית'טע, זי וועט מיר קאָכען גוטע וואַרעמעסען. איך האָף!

געציל (שפּאָטיש): יאָ, יאָ, בײַ היינטיגע גוטע צייטען קאָן מען האָפֿען אויף גוטע וואַרעמעסען.

ביילקע: אוי, איך בעט אײַך, רעדט ניט דערפֿון — איך קאָן ניט הערען. לאָז מען שוין מאַכען די צערעמאָניע און געוווּג.

ברוך: זאָל איך אַזוי וויסען פֿון בייז, ווי איך ווייס, ווי אַזוי מען הויבט דאָס אָן.

געציל: דו ביזט נאָך ניט געניט אַ פּנים אין חתונה האָבען.

לייבעל: איך האָב אַמאָל געלערנט „חיי אדם" ווײַס איך אַ דין... מען נעהמט...

חיים (האקט איבער): קודם כל דארף מען בעזעצען די כלה.

ברוך: וואלט האטש געווען א חבר'טע איהרע, א פרוי איהרע (צו ביילקע'ן): פארוואס האסטו ניט איינגעלאדען פון דיינע חבר'טעס ווען מ'איז?

ביילקע: טאקע, א נארישקייט — איך האב מיך געשעמט.

חיים (ערנסט): אט, צו וואס דארף מען האבען די אלע גליקען. נעהם א מטבע, עפעס א זילבערנע, און זאג „הרי את" און פארטיג א'נ'עסק.

ברוך (פערלעגען): א מטבע... (טאפט אין די טאשען): די מאמע האט מיר פון רובל קיין רעשט ניט געבראכט.

ביילקע: איך וויל נישט מיט א מטבע.

געציל: זי וויל ניט! און אז זי וויל יא — אז ער האט ניט.

ביילקע (מאכט זיך גיט הערענדיג): איך וויל מיט א פינגעריל...

ברוך: וואס דארפסטו דעם פינגעריל? — ווער האט א פינגעריל?

געציל (ווי אין א זייט): און א מטבע האט ער דען?

לייבעל: איך האב געלערנט „חיי אדם" און קאן אייך פסק'ענען נאך א שאלה: עס איז רעכט מקדש צו זיין מיט א קוש...

ביילקע (פערשעמט): נו, נו, — הערט אויף אייערע שטיק.

געציל: אוי, אויב מיט א קוש, האב איך שוין א סך ווייבער.

ביילקע: איהר זענט א גראבער מענש.

געציל: וואס זאגט מען צו איהר? — נאך פאר דער חופה איז זי שוין אזא צנועה (צו ברוך'ן). ברוך, קויף איהר א ש"ס תחינות.

ביילקע: ניט דערלעבען וועט איהר, אז איך וועל לייענען תחינות.

געציל: א, מיר קענען אייך! נו, זייט טאקע א'נ'איינגעקלערטע און זאל ער אייך מקדש זיין נאר מיט א קוש...

ברוך: נו, ביילקעלע, זיי אויף צו־להכעיס — טאקע מיט א קוש (געהט צו צו איהר און וויל זי קושען).

ביילקע (לאזט זיך ניט): לאז אב, ברוך.

געציל: זי פערשטעהט אַנ׳עסק, — אַ קוש איז גוט אונ־
טער פיער אויגען...

חיים: נו, בכן, לאָז מען שוין מאַכען די צערעמאָניע.

ביילקע: טאַקע אַזוי...

חיים: איך וויל טאַקע נעהמען אַ ביסעל בראַנפען.

לייבעל: איך אויך.

געציל: און איך אַוודאי.

ביילקע (פריינדליך): אַ ביסעל בראָנפען קאָן מען נעהמען
פאַר דער צערעמאָניע.

ברוך: איך מיין אויך אַזוי. ביילקע, דערלאַנג די בראַנ־
פען מיט׳ן צובייסען.

ביילקע (דערלאַנגט אויף איין טעלער די הערינג, אויף אַ צווייטען־
קיכלעך): אַט האָט איהר אַלץ.

געציל: די גאַנצע חופּה־וועטשערע! וואויל ווי די וועלט!
און קיין דרשה־געשאַנק דאַרף מען אייך ניט געבען.

חיים: וואָס הייסט עפּעס ניט? אַוודאי געבען. וואַרט אַ
ווײַלע, ברידער, איך קום גלייך צוגעהן.

ביילקע: וואוהין?

ברוך: וואוהין געהסטו, חיים?

חיים: אַט די מינוט קום איך (לויפט אַרויס).

געציל: ס׳אַ דאגה — זאָל ער געהן. וואַרטען אויף איהם
וועלען מיר ניט!

ביילקע: ניין, מען דאַרף טאַקע וואַרטען.

געציל: אָבער אַ קליין שטיקעלע הערינג מעג איך נעהמען.

ביילקע (ליעבליך): יאָ, דאָס מעגט איהר.

געציל (צוגעהענדיג צום טיש): נאָר אַ קליין שטיקעל.

ברוך: אפילו צוויי.

געציל (עסט): וואויל ווי די וועלט! אַזוינע הערינג קריגט
מען ניט אויף דעם גרעסטען גביר׳ס חתונה.

ביילקע. לאַכט ניט, איך בעט אייך...

(עס הערען זיך טריט, חיים געהט אַריין).

חיים (מיט אַ שטראַהלענד געזיכט): דרשה־געשאַנק גיט
מען אַפילו ביי דער וועטשערע, נאָר עס מאַכט ניט. — נאַ, ברוך,
אַט האָסטו אַ פינגעריל און זיי איהר מקדש...

בײלקע (פֿרײלעך): זײער גוט! זײער גוט!

ברוך (נעהמענדיג דאס פֿינגערל): צו װאס דאַרף מען די נאַרישקײטן?

בײלקע (שטרענג): מען דאַרף, מען דאַרף!

געציל: מילא, אז ס'איז שוין דא א פֿינגערל, זײ איהר, בחור, מקדש און פּטור א'נעסק.

ברוך (א ביסעל צוטראָגען): נו, בײלקעלע, קום אהער, גיב אהער דײן הענטעלע.

בײלקע (געהט צו נאָהנט, שטרעקט אױס דעם פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנד):

לײבעל: קאָנסטו די ברכה?

ברוך: ס'איז רעכט אָהן א ברכה.

בײלקע: נײן, איך װיל טאַקע מיט א ברכה, װי געהעריג איז...

ברוך: א פּנים אין פֿינגערל גלױבסטו מעהר װי אין מיר... זאָל זײן מיט א ברכה: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל".

געציל: װאױל װי די װעלט! מזל-טוב! מזל-טוב!

חיים: מזל-טוב! מזל-טוב!

לײבעל: מזל-טוב! מזל-טוב!

געציל (מאַכענדיג א כּוסה): איצט, חתן-כּלה, צוקושט זיך.

ברוך (מיט א שמײכעל): אז זי װיל ניט.

געציל: זי װיל, זי װיל!

בײלקע (געהט צו צו ברוך'ן): איצט יאָ (זײ נעהמען זיך אַרום און עס דערהערט זיך א לאַנגער קלינגענדער קוש).

געציל: אױ, װי זיס! פֿערזופּט מיט אביסעל בראָנפֿען.

ברוך (נעהמט א כּוס אין האַנד): לחיים, ברידער, לחיים! (טרינקט).

(געציל, לײבעל, חיים טרינקען, זײ װערען װאס װײטער פֿרעהליכער, איבערהױפּט חיים. ער געהט צו צו בײלקע'ן און װיל זי אַרומנעהמען און קושען זי).

ברוך: נײן, חיים, — דאס רינגעלע איז טאַקע דײנס, אָבער די ברכה האָב איך געמאַכט און בײלקעלע איז מײנע...

בײלקע (פרעהליך): יאָ, רײנע, רײנע!

חיים: נו, איך האָב נאָך קלײנגעלד צו קויפען אַ רינגעלע

איך װעל שוין האָבען װעמען צו קושען...

געציל (שפּיטליך): יאָ, װעסט האָבען, װעסט האָבען...

נאָר אַ רינגעלע און אַ הרבה...

(פאָרהאַנג).

גוטע ברידער.

א קאמעדיע אין אײן אקט.

פערזאנען:

גליקסמאן באם הורוויטש בערמאן	אנגעפאהרענע יונגע לײט.
בערטע א חברטע	

אײן הענדלער, צװײטער הענדלער, דריטער הענדלער, פיערטער הענדלער.

א סעפעראט צימער אין א לאנגען קארידאר אויפ'ן פערטען שטאק, אין צימער בײ'ן מזרח-װאנד שטעהט א קלײן טישעל, אהן טאװלען, אונטערן טישעל האלגערט זיך א טהע-מאשינקע. בײ'ן טישעל שטעהט א שטוהל מיט אנ'אבגעבראכענעם פארענציל, װעלכעס ליגט מאקע יתום'דיג לעבען שטוהל. בײ א צװײטער װאנד, אין צפון זײט, שטעהט אנ'אײנגעפאלען אײזען-בעטעל, ניט פערבעט. די קאלדרע הענגט האלב אראב אויף דער ערד און עס זעהט זיך ארויס א גראבליעװענטענער שטרוי-זאק, פון װעלכען עס טארטשעט ארויס א הויפען שטרוי. איבער'ן בעטעל, בײ דער װאנד, הענגט אנ'אבגע-טראגענער הוט און אנ'אלטער פידזשאק. די סצענע איז א װײלע לײדיג, הינטער דער סצענע הערען זיך שטימען פון גליקסמאן און באם, עס עפענט זיך די טהיר און זײ פאלען ארײן,

ערשטע סצענע.

גליקסמאן (אלט א יאהר 27, א הויכער און א דארער, אין אנ'אלט אבגעטראגענעם אנצוג, אין א שווארצען קראגען): נא דיר — איז ער איך נישטא אין דער היים! אז עס געהט נישט — געהט נישט!

באס (פון מיטעלען וואוקס אין א בלאה העמדעל, מיט לאנגע שווארצע האאר, טראגט ברילען, פון וועלכע עס קוקען ארויס צוויי ברוגז'דיגע שווארצע אויגען): אט דאס איז דיין גביר (קוקט אויפ'ן בעטעל), א פיינער גביר!...

גליקסמאן: פאר א גביר האב איך דיר איהם נישט אנגעגעבען. איך האב נאר געזאגט, אז צייטענווייז קומט איהם אן פון דער היים עטליכע רובעל... אפשר איז איהם די טעג אנגעקומען.

באס: אויב ס'איז איהם אפילו אנגעקומען האט ער דאס שוין אוראי לאנג גע'פטר'ט.

גליקסמאן: דו מיינסט אלע זענען אין דיר גערואטען. נאר וואס איז די פעולה. אז ער איז נישטא, קום!

באס: ניין, מעהר געה איך ערגעץ נישט... איך האב שוין קיין כח נישט. איך לעג מיך אוועק אין בעטעל און וועל ליגען ביז די נשמה וועט אויסגעהן. (ער ציהט זיך אויס אופ'ן בעטעל).

גליקסמאן: ביזט א שוטה... וואס הייסט ליגען, מען טאר זיך נישט אפלאזען. איך זאג דיר, אז מיר וועלען היינט קריגען געלד. איך פיהל אין מיר כחות...

באס: איך דארף גאר נישט... איך וועל אזוי ליגען און... א פאפיראס וואלט כאטש געווען! דו האסט גאר נישט? אפשר א שטיקעל?

גליקסמאן: ביי מיר ליגט ערגעץ א האלבער פאפיראס, איך וויל אבער אליין שטארק רויכערען — מיר וועלען זיך טהיילען. ווייז, האסט א שוועבעלע?

באס: א שוועבעלע, דאכט זיך, האב איך. (ער נעהמט ליגענדיג ארויס פון טאש א פושקעלע, עפענט זי אויף), איין שוועבעלע, נאר פארזיכטיג!

גליקסמאן (בעטראכטענדיג די שוועבעלע): די שוועבעלע

איז א נוטה למות'ע (ער רײבט אן פּאַרוּבּטיג, האַרטענדיג און טויל דעם האַלבען פּאַפּיראָס). אַט-אָט! נײן! פערלעשט זיך, נײן!

באָם: ניבער!

גליקסמאַן (טראָגט צו שנעל צום טויל דאָס שטיקעלע פּאַפּיר. באַלד בערויזט זיך א רויך פון טויל): פאַרטיג!

באָם: נו, דאַנקען גאָט, עס רויכערט זיך! רויכער און לאָז מיר עטליכע ציה.

גליקסמאַן: איך לאָז, איך לאָז (גיט א פּאָר שטאַרקע ציר און גיט איבער דאָס רעשטעל באָס'ען. באָס בעטראַכט עס מיזויש געשמײכט, פערקרימט זיך און נעמט עס אַרײן אין מויל).

באָם: אז איך װאָלט איצט געהאַט אזא זאַך, װאָס זאָל הרוב מאַכען די גאַנצע שטאָדט, װאָלט איך עס געטהון. מיר ניִשט, דיר ניִשט!

גליקסמאַן: און אז איך װאָלט געהאַט איצט װאָס צו פערקױפען אױף א גוטען מיטאָג, װאָלט איך פערקױפט. (פערטראַכט זיך), װאָס קען איך, למשל, פערקױפען? (זוכט אין די טאַשען - גענעמט אַרױס פון דאָרט אַנ'אַלטען פּאָרטמאָנע). װי מײנסטו, באָס? קען מען װאָס נעמען דערפאַר?

באָם (בעטראַכט פון דער װײטען): קענסט דאָס אַרױסװאַרפען.

גליקסמאַן: ס'האָט אַמאָל געקאָסט א האַלבען רובעל.

באָם: אַמאָל... אַמאָל ביסטו אױך מעהר װערטה געװען...

גליקסמאַן: יאָ אַמאָל... אָבער ניִשט קשה, איך פאַל נאָך ניִשט אַראָב אױך איצט... עפּעס פיהל איך, אז דאָס לעבען קומט נאָך... דאָס איז נאָר אַנ'הקדמה... װאָס אַרט מיך אז די הקדמה איז א ביסעל גאַרעש...

באָם: דײן גאַנץ לעבען װעט זײן אזא מין הקדמה; צום עיקר לעבען װעסטו קײנמאָל ניִשט צוקומען, דײן גאַנצען לעבען װעסטו זוכען לעקציעס און א מיטאָג...

גליקסמאַן: דאָס װעלען מיר נאָך זעהען... (עס דערהערט זיך פון הױף א געזאַנג פון א חענדלער: האַנדעל! האַנדעל!) ס'װאָלט געװען װאָס צו פערקױפען... (דער אױסרוף: האַנדעל! האַנדעל! הערט זיך װידער).

באַם: וואָס קענסטו פערקויפען? די נשמה! ווער וועט זי קויפען — זי איז שוין ברודיג.

גליקסמאַן (וואַרפט אַ בליק צו דער וואַנד, וואו עס הענגט דער פּידזשאַק): צו וואָס זאָל איך פערקויפען די נשמה, אַז דאָ הענגט נאָך גאָר נישט קיין שלעכט רעקעל (טאַפּט איהם) יאָ, גאָר נישט קיין שלעכט רעקעל...

באַם (פערוואונדערט): ס'איז דען דיינער?

גליקסמאַן: ביזט אַ שוטה... וואָס הייסט מיינער! דער הענדלער איז אויפ'ן הויף און מיר זיינען דאָ איז ער אונזערער...

באַם: פון אַנאַרכיזם בין איך אַפילו, ווייסטו דאָך, אַ שטיקעל אַנהענגער, אָבער נישט אויף אַזאַ'ן אַרט... עס גיבט שענערע וועגען...

(דער הענדלער זינגט נאָך אַלץ: האַנדעל! האַנדעל! גליקסמאַן לויפט אַרויס אויפ'ן הויף. באַם בלייבט אַליין און שמייכט זיך אויף. אין אַ ווײַלע אַרום געהט אַריין גליקסמאַן מיט'ן הענדלער, אַ איד פון אַ יאָהר זעכציג, אין אַ לאַנגער אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטע און גרויסע שטיוועל אויף די פיס.)

צווייטע סצענע.

דער הענדלער: נו, לאָמיר אָנזעהן אייער סחורה! וואָס האָט איהר?

גליקסמאַן (נעהמט אַראָב פון וואַנד דעם פּידזשאַק): אָט דעם פּידזשאַק וואָלט איך וועלען פערקויפען.

דער הענדלער (נעהמט דאָס רעקעל אין דער האַנד, דרעהט איהם אום אויף אַלע פיער זייטען): אַן אַלטע סחורה'לע... האָט שוין אַ פּאָר לעבער...

גליקסמאַן: וואו?

דער הענדלער: וואו — פרעגט איהר? איהר זעהט נישט? אפשר האָט איהר נאָך עפּעס? אַלטע שיך? הויזען?

גליקסמאַן: אָט דאָס וואָס איהר זעהט, מעהר האָב איך נישט. אַלזאָ, וואָס גיט איהר?

באַם (מורמעלט): וואָס אַ מענש קען!

דער הענדלער (בעטראַכט דעם אונטערשלאַג): דער אונטערשלאַג איז שוין גאר איינגעקראַכען... וואָס קען מען געבען פאר אזא רעקעל? ... ב'מיין... וואָס קען מען געבען? ... וויפיעל ווילט איהר? ...

גליקסמאַן: איהר קויפט דאָך אָפטער. ווייסט איהר דאָך בעסער.

דער הענדלער: איך מיין... וואָס הייסט איך ווייס בעסער... ס'איז דאָך אייער סחורה, דאַרפט איהר זאָגען דעם מקח.

גליקסמאַן: יאָ דאָס איז אפילו אמת: מיין סחורה...

באָס (אונגעדולדיג): נו, מאַכט עס גיכער!

גליקסמאַן (שיסט אַרויס): צוויי רובעל.

דער הענדלער (קוקט איהם אָן ווי ברוגז, נעהמט דעם זאַק אונטער'ן אָרעם און וויל אַרויסגעהן): א גוטען טאָג.

גליקסמאַן (דערשראָקען): נו. וואָס? וויפיעל גיט איהר, איהר קענט דאָך זאָגען..

דער הענדלער (ווערט ווייכער, קעהרט זיך אום): האָך פערקויף איך אליין אזוינע רעקלעך צו פינף גילדען א שטיק... האָטש הונדערט שטיק..

גליקסמאַן (בייז): איך האַנדעל נישט מיט רעקלעך, זאָגט, וואָס גיט איהר?

דער הענדלער (נעמט דאָס רעקעל ווידער אין דער האַנד).

באָס: אוי, מיר ווערט נישט גוט.

דער הענדלער: א האַלבען רובעל.

גליקסמאַן (ראַש): נעמט! ס'איז אפילו ביליג, נאָר זאָל א איד פערדינען...

באָס (שטיל): ביזט א טהייערער מענש...

גליקסמאַן (אין א זייט): שווייג!

דער הענדלער (נעמט ווידער דאָס רעקעל אין האַנד, דרעהט עס ווידער אום און אלע פיער זייטען).

גליקסמאַן (אונגעדולדיג): נו, ר' איד מאַכט עס גיכער...

באָס: דער איד האָט חרטה...

דער הענדלער: חרטה איז נישט מעשה סוחר... חרטה האָב איך נישט. נאָר נתעשר וועל איך נישט ווערען. (נעהמט אַרויס פון טאַש א בייטעלע, קראַצט דאָרט מיט די פינגער, נעהמט ענדליך אַרויס

א זילבערנעם רובעל), האט איהר רעשט א האלבען רובעל?

גליקסמאן: ניין!

באס: מיר וואלטען האבען א האלבען רובעל...

גליקסמאן (קוועטשט באס'ן פאר'ן שוך): שווייג.

דער הענדלער: וואס־זשע טהוט מען? מען מוז געהן צו טוישען.

גליקסמאן (פער'יאוש'ט): האט איהר נישט קיין קלענערע געלד?

דער הענדלער: ניין, כ'האב נאר א פאר גאנצע רובלעס...

גליקסמאן: מילא, קומט אראב אונטען, אין א קליינטעל ייעלען מיר טוישען.

באס: קום שוין צוריק...

גליקסמאן: די מינוט!

דער הענדלער (נעמט דעם זאק אויפ'ן פלייצע און דעם פידושאק אונטער'ן ארעם): קומט!

גליקסמאן (פערלעגען): לעגט אריין, איך בעט אייך, דאס רעקעל אין זאק...

דער הענדלער: איהר ווילט אין זאק, זאל זיין אין זאק... (לעגט איהם אריין אין זאק).

(הענדלער און גליקסמאן אב)

(באס בלייבט א ווײלע און געהט הין און צוריק איבער'ן צימער. עס הערען זיך טריט און א שמועס אין קארידאר, עס געהט אריין הורוויטש, נאך איהם נאך א הענדלער, הורוויטש דערזעהענדיג באס'ן בלייבט שטעהן פערוואונדערט. באס איז בלאס און דערשראקען).

דריטע סצענע.

באס (פערלעגען): אייער חבר גליקסמאן האט מיך אהער געבראכט, מיין נאמען איז באס...

הורוויטש (פערווירט): זעהר אנגענעהם... זיצט (צום הענדלער): אט שוין ווייז איך אייך... (זוכט אויפ'ן וואנט וואו איז דער פידושאק? (קוקט אויף באס'ן, באס לאכט זיך היסטעריש פונאנדער).

הורוויטש (פערווירט): וואס לאכט איהר ... הם ...

דער הענדלער: נו וואס? איך האב נישט קיין צייט. (גייט אין קארידאר הערויס זיך טריט, עס וויזט זיך גליקסמאן).

הורוויטש (צו גליקסמאנען): וואו ביזטו געוועזען?!

גליקסמאן: דא אין קלייטעל, פאפיראסען געקויפט ...

דער הענדלער: נו וואס וועט זיין? איהר גיט אנקוקען דאס רעקעל צי ניט?

הורוויטש: שוין! שוין! (צו גליקסמאנען): א מארנע זאך... איך בין אוועק, האב איך געלאזען אויפ'ן וואנד הענגען דאס רעקעל... איך האב אליין געזעהען... איצט איז ער נישטא... (קוקט אויף באס'ן).

גליקסמאן: ווער איז דיר שולדיג? אז מען געהט אוועק, פערשליסט מען א טהיר...

באס (צו גליקסמאנען): ביזט א מאוסער מענש!

דער הענדלער: בין איך הייסט עס אומזיסט געגאנגען...

הורוויטש (פערשולדיגט): זייט מוחל, ר' איד... וואס קען איך טהון? ... מען האט עס גראד געגנב'עט ... שווערע צייטען! ...

הענדלער: ס'איז א חוצפה! שלעפט מיך, שלעפט מיך אין א צווייטער גאס און וואס, ווען? גע'גנב'עט!

גליקסמאן: ר' איד — אט האט איהר א צעהנער'ל און געהט געזונטערהייד!

דער הענדלער (נעהמט צו מיט א פרעהליך פנים די מטבע): א דאנק... ס'וועט זיין אויף א פונט ברויט (וויפצט) עח—עח... שווערע צייטען (אב).

הורוויטש (זעצט זיך אוועק אויפ'ן בעטעל): נו א צייט, מען זאל נישט קריגען ערגעץ קיין קערבעל בארגען... (צו גליקסמאנען): זאג מיר דו האסט גאר נישט? האטש אויף א מיטאג...

גליקסמאן: וואס הייסט איך האב גאר נישט? איך בין יעצט אנ'עושר, איך האב גאנצע דריי גילדען אין טאש.

הורוויטש: וואס קלעקט עס פאר דריי (קוקט אויף באס'ען).

גליקסמאן: עט, ס'וועט זיין גענוג. מאכען מיר א סעודה אין דערהיים וועט עס ביליגער קאסטען. ווער געהט ברענגען גוטע זאכען?

באס: ווייז אהער געלד ברענג איך.

גליקסמאן: נא האסטו. (גיט איהם איבער עטליכע מטבעות) וועסט קויפען צוויי פונט ברויט...

באס: וואס וועט עס קלעקען?

הורוויטש: געוויס איז דאס ווייניג, איך בין הונגעריג ווי א הונד...

גליקסמאן: מילא, קויף דריי פונט, א גוטען הערינג, אבער מאכ׳ א גוטען!... טהעע און צוקער פאר עטליכע קאפי־קעס און פאפיראסען. און אויב ס׳וועט נאך עפעס בלייבען, זאלסטו נאך קויפען א גוטען שטיקעל קעז.

באס: מיר׳ן זעהן... (אב).

הורוויטש: אייגענטליך האט מיך גאט געשטראפט... כ׳האב דעם פידושאק געוואלט פערקויפען, חאטש ער איז גאר נישט מיינער, ס׳איז גאר בערמאנ׳ס.

גליקסמאן: ווי קומט צו דיר בערמאנ׳ס פידושאק?

הורוויטש: ער האט ביי מיר היינט ביינאכט געשלא־פען, ער האט קיין דירה נישט... דער פידושאק איז א שווערער און דער טאג איז א הייסער, איז ער אוועק אין א דינעם רעקעל וואס ער טראגט שטענדיג אונטען...

גליקסמאן: יא... נו נישט קשה, איצט איז ווארעם...

הורוויטש: יא... אבער דאך פערדריסט מיך, ווי אזוי האב איך דאס געוואלט פערקויפען. אין א נויט פערליערט מען דאס געפיהל פון עלעמענטארען יושר... אבער זוימט ער זיך, דער פריינד דיינער, ווי הייסט ער?

גליקסמאן: ער הייסט באס. נאר ער איז א טהייערער בן; איז א ביסעל נוטה צו אנארכיזם, ווי דער שוויגער איז פון א מענשען, וואס האט דריי טעג נישט געגעסען...

(אין קארידאר הערען זיך טריט)

הורוויטש: ער טראגט שוין... איך בין שרעקליך הונגעריג...

גליקסמאן: ניין! ס׳איז נישט ער... דאס איז נישט זיינע טריט. (עס געהט אריין בערמאן מיט א דינטען הענדלער, געקליידעט ווי דער ערשטער, נאר א ביסעל עלטער, און איין האנד האלט ער א זאק, אויף דער צווייטע הענגט ביי איהם א פאר קאמאשען).

בערמאן (צו הורוויטשען, נאך דעם ווי ער האט געקוקט א װײַלע װאָנד איבערן בעט) : האסט נישט געזעהן מײַן רעקעל?

הורוויטש: (שטאמעלט) דאס רעקעל? ... דאס רעקעל?.. איך ווייס אויך נישט, איך האב איהם אויך געזוכט.

דער הענדלער: נו מאכט עס גיכער. איך האב נישט קיין צייט.

בערמאן: באלד ... באלד...

הורוויטש: וואס דארפסטו דאס רעקעל? ...

גליקסמאן: מסתמא פערקויפען ... זעהסט נישט.

הענדלער: נו, וואס וועט זיין?

בערמאן: איך פערשטעה דאס גאר נישט (קוועטשט מיט די פלייצעס).

באס (געהט אריין, האלט אין ביידע הענד אין פאפיער איינגעוויקעלטע פעקלעך. דערזעהענדיג די פנים חדשות, פערוואונדערט ער זיך גאנץ שטארק. נאכהער שמייכעלט ער בעז צו גליקסמאנ'ען): נו, עסט!

גליקסמאן: און דו?

באס (בעז): איך וויל נישט עסען... (רופט אב גליקסמאנען אן א זייט) הער, וואו דו וועסט נישט דערצעהלען, אז דו האסט דאס רעקעל פערקויפט, עס איך נישט.

גליקסמאן (צו באס'ן): גוט (צו אלע): ברידער, דאס רעקעל האב איך פערקויפט. איהר וועט דאך קיין פעראיבעל נישט האבען...

הורוויטש: שוטה, וואס האסטו גלייך נישט געזאגט?

בערמאן: פערקויפט? ארט עס מיך נישט... אדרבא... איך האב נאר געבראכען דעם קאפ, וואו קען עס זיין?

דער הענדלער: נו, ווער וועט מיר בעצאהלען פאר מײַן גאנג?

גליקסמאן (צו באס'ען): אפשר איז געבליבען עטליכע קאפיקעס — גיב דעם יודען...

באס: א גראשען ניט...

גליקסמאן: האט קיין פעראיבעל ניט, ר' יוד! אפשר וועט אייך נוצען די הוט (נעהמט אראב פון וואנד אנ'אלטע צריסענע הוט).

הורוויטש: יא, די הוט קען ער נעמען. איך וועל זי שוין נישט טראגען...

הענדלער (נעהמט די הוט, בעטראכט זי און לעגט איהר אוועק צוריק): די הוט טויג פאר מיר נישט... זי איז גארנישט ווערט...

גליקסמאן: נו. וואס קענען מיר אייך העלפען?... נו, ברידער, לאמיר זיך זעצען עסען. באס איז א כוואט, ער האט איינגעקויפט א סך...

הורוויטש (צום הענדלער): אפשר וועט איהר א בעל'ן. ר איד, מיטצושפייזען?

דער הענדלער (אביסעל פערשעהמט): כ'מיין... וואס קען דאס שאדען? א שטיקעלע הערינג וועל איך טאקי נעמען...

גליקסמאן (צופריעדען): אך, מהיכא תיתי! זעצט זיך. ר' איד!

באס: אפשר ווילט איהר זיך וואשען?

הורוויטש: אט איך ברענג שוין וואסער. (לויפט ארויס מיט'ן בלעכענעם טשייניק אין קארידאר צום וואסער-לייטונג און ברענגט עס גלייך, דער הענדלער וואשט זיך פון טשייניק אויף דעם פאל, זאגט הויך: „שאו ידיכם" ווישט אב די הענד מיט א פאל"ע, שניידט אב מיט אנ'אמזוערעם קליינעם מעסער'ל א שטיקעל ברויט, נאכדעם א שטיקעל הערינג, מאכט אן המוציא און הויבט אן עסען. די חברה מיט איהם).

גליקסמאן (קייענדיג): נו, האב איך שלעכט געטהון?

הורוויטש: זעהר גוט — ווער האט צו דיר טענות?

בערמאן: איך אודאי נישט.

באס: איך בין איינגענטליך געגען דעם... גנב'ענען יא, אבער שנעער... איהר פערשטעהט? שנעער...

דער הענדלער (ווישט אב די וואנסען און איז זיך מבין איינעק צו געהן): א ייִשר יונגע לייט... גוטער הערינג... הערט איהר, ברידער, איך קויף דאך אלטווארג ביי רייכע לייט, איך זאג אייך, אז האנדלען זאל מען נאר מיט אזוינע ווי איהר...

גליקסמאן: נו זעהט איהר... און באס איז נאך נישט צופריעדען מיט אונז.

בערמאן: אי, אויף נאמנות ס'איז א קאמעדיע... ס'איז נאר טרויעריג. וואס איך וועל יעצט מוזען געהן אין דעם לייבטען רעקעל, ביינאכט איז אין איהם קאלטליך.

דער הענדלער: עט, ניש-קשה, יונגע לייט ווערען נישט דערפרארען. איך בין אמאל, בחור-ווייז, א ווינטער אין

א זומער־רעקל אבגעגאנגען און אז ס'איז בעשערט צו לעבען, וועט איהר דאך...

(עס הערען זיך טריט).

הורוויטש: זער געהט עס ווידער.

גליקסמאן (לויפענדיג): אודאי נאך א הענדלער,

באס: נו, א הענדלער האט שוין דא נישט וואס צו טהון, דער פערמעגען איז שוין פערקויפט.

(עס לויפט אריין חאנקע, א מיידעל פון א יאהר צוועלף און 20, מיט א מאנסבילשען פנים. א פלאך ברוסט, רעדט מיט א גראבען קול).

חאנקע: אי, ב'לעבען. זיי עסען דאך... פרעסער לאזט מיר עפעס א ביס... (חאפט זיך צום רעשט שטיקער ברויט) ע, ס'איז ווענין... (רייסט ארויס פון גליקסמאנ'ס האנד א שטיק ברויט אנגעשמירט מיט פוטער) וואס האט איהר אלין אויפגעגעסען.

הענדלער: חע־חע... דאס מיידעל וויל נעביך אויך עסען...

חאנקע: וואס איז דאס פאר א יוד... איהר אניסירט איהם אפשר...

באס: ס'איז א הענדלער, אפשר האט איהר עפעס צו פערקויפען...

חאנקע: פערקויפען... אוי, ב'לעבען... מען דארף איהם טאקי עפעס פערקויפען... א פינגעריל קויפט ער?...

דער הענדלער: אה, פאר וואס נישט... איך קויף אלץ.

גליקסמאן: ס'וועט זיין א לעבען, ווי איך בין א יוד...

חאנקע (ארונטערנעהמענדיג פון א פינגער א קליין רינגעל); וואס גיעט איהר, ר' יוד, דערפאר...

דער הענדלער (בעטראכט עס): א האלב־קערביל...

חאנקע: וויוס געלד!...

דער הענדלער (צעהלט אויס 10 קופערנע צעהנערס, בעטראכט נאך אמאל דאס פינגעריל): ס'איז אפילו נישט ווערט.

גליקסמאן: ס'איז ווערט, ר' יוד, ס'איז ווערט...

הורוויטש: א שאלה צו ס'איז ווערט—אן אמת'ער נארלין פינגעריל.

חאנקע: א מתנה פון א באבען...

דער הענדלער: זאָל זיין אַ מתנה פון אַזעלכע.

חאַנקע: איצט מאַכען מיר די סעודה אויף דאָס ניי.

גליקסמאַן: אפשר האָט ווער נאָך עפּעס צו פערקויפען? שעמט זיך נישט, ברידער.

דער הענדלער: אדרבא, זוכט עפּעס אויס.

הורוויטש: איך האָב גאָר נישט...

בערמאַן: איך אַדאַי נישט.

באַס: איך — סיידען די נשמה...

חאַנקע (לוסטיג): לומפּען פּראָלעטאַריער! (צום הענדלער) קומט צו מיר אהיים, ר' יוד! קאַלאָשען קויפט איהר?

דער הענדלער (מיט אַ מין שמייכעל) איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך קויף אַלץ...

חאַנקע: טאָ קומט. איך וואָהן דאָ אַנטקעגען... איך האָב אַ פּאָר קאַלאָשען נאָך פון דערהיים געבראַכט... ביי אונז אין דערהיים איז שטענדיג אַ בלאָטע... דאָ דאַרף איך זיי נישט... דאָ איז טרוקען.

דער הענדלער: עס פערשטעהט זיך... דאָ דאַרף מען נישט קיין קאַלאָשען... ווער טראָגט דאָ קאַלאָשען? אַ משוגענער סיידען...

באַס: אַלמאַי קויפט איהר זיי?

דער הענדלער: איך מיין... איך זאָג דאָך אייך — איך קויף אַלץ...

חאַנקע: נו, קומט...

גליקסמאַן: נאָר גלייך צוריק... דעם האַלבען קאַרב לאָזט טאַקי ביי אונז...

חאַנקע: איך קום באַלד...

(הענדלער און חאַנקע אָב)

גליקסמאַן: אַ וואָהלע זאַך, כ'לעבען... דאַרף זיך גראָד אַנטראָגען חאַנקע מיט אַ פינגעריל און קאַלאָשען...

באַס: נו, וואָס פערקויפט איהר נאָך (עס הערט זיך ווידער אַ זינגען אין הויף: האַנדעל, האַנדעל).

גליקסמאַן (מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט): אַ, מיר איז איינגעפאַלען אַ גליקליכע אידעע.

באַס: וואָס?

הורוויטש: נו, וואס.

גליקסמאן (קוקענדיג צום בעטיל): צו וואס, למשל, דארף מען האבען דאס דאזיגע בעטיל?

הורוויטש: וואס הייסט? איף שלאפען.

גליקסמאן (שפאטיש): פארוין מיינער. אנדערש ווי אין א בעט שלאפען קען ער נישט. און אויף דר'ערד ביזטו חולה.

בערמאן: ער רעדט צו דער זאך... דאס בעטיל אין ווערט א קאפיקעס זעכציג.

הורוויטש (טראכטענדיג א ווייל): פון מיינטוועגען לאז מען זי פערקויפען.

גליקסמאן: נישט אנדערש! סיי ווי סיי איז דאס בעטיל פאר דרייען ענג און אויף דר'ערד קען מען זיך אויסבעטען אין פיערען אפילו.

בערמאן: ער רעדט צו דער זאך, בילעבען...

הורוויטש (פערליערענדיג אין גאנצען דעם רצון): נו, רופט ארייז דעם הענדלער.

גליקסמאן: דאס לאזט מיר שוין. (אב)

באס: איך בעטראכט אייך פאר אומנארמאל, ברידער.

הורוויטש: די גאנצע וועלט איז אומנארמאל.

באס: יא... יא... (א פויזע)

(גליקסמאנס שטים אויף די טרעפ): איהר וועט אנקוקען א בעטעל...

א גראבע שטים פון א הענדלער: א בעטיל זאל זיין א בעטיל, אלץ איז א סחורה...

גליקסמאן (ארייגנעהענדיג): אט דאס איז דאס בעטיל.

דער הענדלער (א גאנץ אלטער יוד, אין ברילען בעטראכט דאס בעטיל): דאס בעטיל איז גאר נישט ווערט...

(אלע ווערען שטארק ארויבגעפאלען)

הענדלער: מעהר האט איהר גאר נישט צו פערקויפען?

גליקסמאן: מעהר גאר נישט...

(הענדלער אב)

פארהאנג

די שפּיזערין.

אז לאה, א יונג מיידיל, מיט בליהענדע באקען און מיט שווארצע קארשען־אויגען איז אויפגעשטאנען, האט זי זיך אווארף געטהון צום איינציגען פענסטער וואס האט זיך געפונען אין א קליין צימעריל. די העלע זון, וואס האט שוין בעגאסען דאס צי־מעריל מיט שטראהלען האט זי דערשראקען.

— שוין אודאי צעהן דער זייגער, שוין ווידער פערשפע־טיגט, — האט זי די הענד געבראכען.

— ער איז אוועקגעגאנגען! — האט זי מיט כעס פאר זיך געברומט, מיינענדיג דעם טאטען, וואס זיצט שוין עטליכע יאהר אהן א געשעפט.

און דערמאנענדיג זיך אן טאטענס לאגע, אן דעם, ווי עס איז ניטא קיין ארויסגאנג פון דער ארימקייט, האט זי די הענד אראבגעלאזען און האט געקוקט שטארק אין פענסטער אריין, ווי זי וואלט וועלען דערזעהן עפּעס אין דער וויטעניש איין ארויס־גאנג... שטעהענדיג אזוי פערטראכט, האט זי זיך פלוצים דער־מאנט, אז נעכטען האט זי זיך געלעגט אהן א קאפּיקע אין קע־שענע, און אז די קרעמערין האט נאך עהערנעכטען אבגעזאגט צו בארגען, און אז היינט איז אין שטוב גאר נישט ניטא... פוסט!...

זי האט זיך פערצווייפעלט גענומען אנטהון און האט ווי־געקרעכצט ביי יעדער בעוועגונג.

— אבער וואוהין איז ער אוועקגעגאנגען? — איז זי אלץ מעהר אין כעס אריינגעקומען, וואס דער טאטע איז ניטא, איהר

האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז מיט אַ כּיוון אַוועק און איבערגע־לאָזען דאָס גאַנצע אומגליק פאַר איהר אַליין.

זי האָט בעטראַכט דאָס צימעריל און איהר איז נאָך ערגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. דער דורכגאַנג איז געווען פערשטעלט מיט אַ „געמאַכטעס בעט” וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי קאַסטענס, אויף וועלכע עס זענען געלעגען די צוויי טהירליך פון צימעריל. דאָ שלאָפען די צוויי ברידערליך, און אַלע ביי דער נאַכט פאַר'ן שלאָף נעמט מען אַראָב די טהירליך אויף אַ בעט מאַכען.

לאה פּרובט זיך נעהמען די טהירליך און אויפהענגען זיי, נאָר פאַר כּעס איז זי אָבגעשוואַכט, און עס בלייבט ביי איהר צו וואַרטען אויפ'ן טאַטען.

נאָר אויסער דעם האָט זי נאָך אַ סך אַרבייט — אומעטום איז אָנגעשטעלט: אויפ'ן פענסטער שטעהען עטליכע גלעזער ניט קיין אויסגעוואַשענע, געפעס מיט פערטריקענטע גרויפען, עס ליגען — אַ העלפט פערגאָסען מיט טינט, צובראָכענע שרייבפע־דער'ס. אַ בילד אין אַ צעק־אָכענער ראַהם; אויפ'ן טיש ליגען ביכער אָרן טאָוולען און מיט טאָוולען. צוויי ביכער ליגען אונטער'ן טיש און ווייזען אויס ווי דערשאָסענע פייגעליך... לאה קוקט מיט שרעק אויף די ווילדע אונאָרדענונג און ווייס ניט צו וואָס זי זאָל זיך פרי־חער חאַפּען... און באַלד דאַרף זי שוין געהן נעהען.

— גוואַלד, גאָט מיינער! — ברומט זי, מעהר פאַר אַלץ רייצען זי די צוויי טהירליך, וואָס ליגען רוהיג אויף די קאַסטענס, און פאַר כּעס גיט זי זיי אַ שטופּ מיט די פיס.

נאָר דער קלאַפּ זייערער צוררייצט זי נאָך מעהר, זי פאַלט אָהן כּחות אויף איהר געלעגער און קרעכצט פאַר וועהטאָג: — געוואַלד, וואו איז ער?

זי פיהלט, אַז זי איז אומזיסט אין כּעס אויפ'ן אָרימען טאַ־טען, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג און וואָס קען איהר דאָ גאָרניסט העלפען, נאָר זי וויל האָבען קענען זיך אַ מענשען צו טהיילען זיך מיט'ן אומגליק, זי קען עס אַליין ניט פערטראָגען... זי איז נאָך אַזוי יונג, זי וויל נאָך אַזוי לעבען, אויפ'ן גאַס איז אַזוי ליכטיג, אַזוי גוט... אַז מען זאָל האָבען אַ ריין פערציגער אין קעשענע און אַ מאַמען אין שטוב, אַז מען זאָל ניט דאַרפען האָ־

רעווען אויף א געווינדעל, קען מען דאך אזוי גליקליך זיין... גוואלד, רבונו של עולם!...

— וואו איז ער, וואו איז ער?

זי דערהערט טריט אויף די טרעפ און זי ווערט רוהיגער. ער געהט שוין אפשר.

עס עפענט זיך די טהיר און עס געהט אריין א פרוי מיט צוויי גרויסע בלעכען מילך אין די הענד.

— מילך דארפט איהר? — פרעגט זי סאפענדיג.

— מילך? — פרעגט איבער לאה און דערמאנט זיך, אז זי האט א גראשען ניט.

— גוטע מילך! נעמט, פרוילין, א קווארט — אכט גראשען.

— ניין! איך דארף ניט, איך דארף ניט! — ענטפערט לאה ווי בייז, וואס זי קען ניט קויפען...

און דעם טאטענס ליעבליך, שוואך קול און די בעמערקונג, וואס פאסט עפעס, נאך איהר מיינונג, פאר איין אנדער מין טאטען, צורייצען זי עפעס, זי ווייס אליין ניט פאר וואס.

איהר פאלט איין צו בארגען א קווארט מילך, נאר איידער זי קלויבט זיך צו עס ארויסצורעדען, רוקט זיך שוין די יודינע ארוים.

דאס ברענגט זיך נאך מעהר אריין אין כעס, און זי לאזט ארוים איהר גאנץ גאל אויפ'ן טאטען, וואס ער איז נאך אלץ ניטא...

— פערדיענט ניט א גראשען... טהוט גארנישט, ער וארט נאר אויף מיינע אכט רובעל א חודש פון נעהער... וואס טראכט ער זיך, רבונו של עולם!!

ברומענדיג אזוי פאר כעס, דערהערט זי טריט, זי הערט א בעקענטען הוסטען פאר'ן טהיר און דער כעס געהט איהר אפ.

— ער געהט!

עס געהט אריין א נידריג-געבויגען-יודיל אין א צובויגענעם הוט, אין א קראגען אהן א האלדזטוך מיט א פאפיראס אין מויל. ער רויכערט מיט גרויס אפעטיט און לאזענדיג שטיקער רויך פון מויל, זאגט ער שוואך, מיט פעטערליכער ליעבשאפט:

— דו האסט נאך, מיין טאכטער, גארניט צוגערוימט? פארוואס, מיין טאכטער?

— זעהסט דאך, אז ניט — ענטפערט זי טרוקען.

— שא, מיין קינד, וואס ביזט דו אין כעס, איך טהו דאך דיר דעריפאר גארנישט.

לאה'ן דריקט דאס הארץ פאר רחמנות אויפ'ן טאטען. זי גיט א קוק אויף זיין ארימען אויסזעהן, אויף זיינע טיעף איינגעגראבענע אויגען און טראכט:

— וואס פון א מענשען קען ווערען, ווי שטאלץ ער איז א מאל געוועזען.

זי בעמיהט זיך צו שמייכלען און ענטפערט:

— איך בין גארניט אין כעס, העלף מיר אויפהענגען די טהירליך.

דער טאטע בויגט זיך איין און הויבט די טהירליך. לאה זעהט, ווי ער שטרענגט אן זיינע לעצטע קרעפטען, ווי ער ווערט רויט און בלאס... זי קען עס ניט צוזעהן און זי האט שוין חרטה, וואס זי האט אויף איהם געוואַרט.

— לאז, טאטע, איך וועל אליין נעהמען!

— נעה שוין, נעה! — ענטפערט דער טאטע פערשעמט, — אויך א געשעפט די טהירליך אויפצוהענגען.

ער הויבט אויף איין טהיריל און וויל זי אויפהענגען אויף די זאוויעסעס, נאר דאס טהיריל וויעגט זיך אין זיינע הענד. ער פערלירט די כחות... אט־אט־פאלט דאס טהיריל...

— אי! — ניט לאה א געשריי, — עפעס מאדנע האנט שיער ניט געהרג'ט מיך...

— אוי וועה איז מיר, לאה'נקע, ניט געטראפען, הא? טהוט וועה, זאג, מיין טאכטער איי, וועה איז מיר.

„גוואלד, וואס וויל ער פון מיר האבען“? — וויינט לאה'ס הארץ — זי קען דעם טאטענס געפאלענעם טהון, זיין שוואכקייט ניט פערטראגען.

— ניין, עס טהוט ניט וועה! בעמיהט זי זיך צו שמייכלען.

נאר דער טאטע קרעכצט אליין: אז אך און וועה איז מיר... איך האב זיך גארניט ארומגעזעהן, ווי אזוי עס איז געפאלען.

און דעם טאטענס קרעכצען און זיין שרעקעדיגער טאן טהוען לאה'ן מעהר וועה ווי דער קלאפ פון דער טהיר, פער-

קרימענדיג ווילד איהר שען-יונגען פנים, לאזט זי ארויס ווי דורך די ציינער:

— אבער, טאטענקע, האב רחמנות אויף מיר, לאז מיך צו רוה. עס טהוט מיר ניט וועה...

— ביזט אין כעס מיין טאכטער, טענה'ט דער טאטע, ווי פערשולדיגט — ביזט מאקי גערעכט. איך וויים גארניט, ווי אזוי דאס איז געפאלען. זיי מוחל, לאה'נקע, — ענדיגט ער מיט א געבראכענער שטים.

לאה געהט ארויס פון געדולד:

— ס'א'רא מאדנער מענש דו ביזט! שרייט זי אויס, איך וויים דאך, אז דו ביזט ניט שולדיג.

דער טאטע ווערט שטיל, ער שטעהט אין מיטען צימער-דיל, גלעט פערצווייפעלט דאס בערדיל און וויים ניט, צו וואס צו חאפען זיך. ער האט חרטה, וואס ער איז גאר געקומען פון גאס. בעסער וואלט ער זיך אומשלעפען נאך עטליכע גאסען. — וואס האט ער זיך געאיילט? ער איז דאך אזוי איבעריג...

איהם ווילט זיך אבער פארט ניט זיין איבעריג און פאסטנ-דיג זיך מוטה ווענדעט ער זיך ווידער צו דער טאכטער:

— נו, העלף מיר, מיין טאכטער, וועלען מיר שוין ביידע אויפהענגען די טהירליך.

זיי נעהמען אהן ווערטער די טהירליך און סאפענדיג הענ-גען זיי זיי אויף.

— ביזט, מיין טאכטער, א בריה! — קען ער זיך ניט איינהאלטען ניט אויסצודריקען איהר זיין פאטערליך געפיהל, זיין ליעבשאפט צו איהר.

נאר לאה'ן, זי וויסט אליין ניט פאר וואס, שטעכען די ווערטער, זיי שניידען איהר דאס הארץ, זי קען זיי ניט פער-טראגען. דעם פאטער'ס ווייכקייט, וואס שטאמט פון זיין נעפא-לענקייט, רופט ביי איהר ארויס א געפיהל פון רחמנות פערמישט מיט פעראכטונג.

— וואס פון א מענשען קען ווערען? — קלאנט שטיל איהר הארץ, און די הענד לאזען זיך אראב און זי וויים ניט צו וואס זיך צו נעהמען.

— ער וואָלט אָוועקגעגאַנגען, וואָלט איך צוגעקליבען און געגאַנגען אַרבּייטען, — טראַכט זי.

זי דערמאָנט זיך אָבּער, אַז ער האָט נאָך ניט געגעסען און אין שטוב איז גאָר נישט ניטאָ.

דאָך פרעגט זי ווי ניט ווילענדיג:

— ווילסט שוין עסען, האַ, טאַטע?

— עסען? האַ? — פרעגט דער טאַטע איבּער, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקען פאַר אַזאַ פראַגע—עסען? ניין! עס איז נאָך פריה!

— איך וויל נאָך אויך ניט עסען! — זאָגט זי אַרויס פעסט, איך וועל שוין עסען בּיי דער אַרבּייט.

— אוודאי! — זאָגט דער טאַטע און זיין שטימע ציטערט.

— און וואו איז חיים׳קע מיט לייזערקען? — פרעגט זי.

— שפּילען זיך אויפ׳ן הויף..

— לאָזען זיי זיך שפּילען — ... ענטפערט לאה און קעהרט זיך אום צום פענסטער, ווי זי וואָלט וועלען בּעהאַלטען דער ליבּטינגער זון איהר טרעהר, וואָס האָט זיך איהר אין אויג געשטעלט...

אַ שאַפּ-מיידעל.

(סקיצע פון אמעריקאנער לעבען).

דבורה איז שוין אַכט יאָהר אין אמעריקא. געקומען איז זי, אַז זי איז אלט געווען 20 יאָהר. אזוי האט זי דאמאלס אַליין געזאָגט. איצט זאָגט זי, אַז זי איז געקומען, איז זי אלט געווען זיעבצעהן יאָהר. דריי יאָהר וויל זי אַראָבנעהמען, ווי זי וואלט וועלען דערמיט גרינגער מאַכען די משא פון די יאָהרען. מענשען אָבער געדענקען גוט יענעמס יאָהרען און די פּאָר חברטעס און בעקאנטע, וואס דבורה האָט זיך דאָ אין פערשיעדענע שעפּער 1) און וואָהנונגען ערוואָרבען, שמייכלען איינעוועניג, ווען זיי הערען, ווי דבורה כאַפּט אַראָב דריי קיילעכדיגע יאָהר, פּונקט ווי דריי יאָהר לעבען אין ניו-יאָרק וואָלט געגאַנגען בארפעס...

דבורה אַליין לאַכט אַמאָל אויך פון זיך, וואס זי וויל פערלייקענען דריי יאָהר. „וואס איז די נפקא מינה — רייצט זי זיך מיט זיך אַליין — ווי פיעל דו ביזט אַלט: 25 יאָהר, צו 28. צו 25 יאָהר האסטו אויסגעזעהען ניט בעסער ווי יעצט און ניט גליקליכער ווי יעצט, און קיין נאָהנטען מענשען ווי יעצט ניט געהאַט... און אזוי וועט זיין אין דריי יאָהר אַרום, אין פינף יאָהר אַרום, אויב דו וועסט לעבען"...

„אויב דו וועסט לעבען" — דערמיט מיינט זי צו זאָגען זיך אַליין, אַז דער טויט שרעקט איהר ניט. כאָטש אויב שטאַרבען — וואָלט בעסער געווען אין דער היים... ליגען אויפ'ן ניו-יאָרקער בית-עולם מוז זיין אַ גוואַלד, ווי אומעטיג...

---

1) פאַבריקען.

אַ הײם אָבער וועט זי ניט פֿאָהרען. זי שעהמט זיך צו קומען אהײן. פֿאַר'ן אַלטען טאַטען־מאַמען ניט — פֿאַר שכנים אָבער יאָ! אַט הערט זי שוין ווי זײ וואונדערן זיך: אוי, וואָס פֿון ברכה'לען איז געוואָרען!...

וואָס וואונדערן זיך די נאַראָנים! זײ מײנען, אַז אַבּי יאָהר אָבּאַרבּײטען און שפּעטער איז פֿון די גרינגע זאַכען און דערצו נאָך אָנגעזאַמעלען דערפֿון פֿיער הונדערט דאָלער...

די פֿיער הונדערט דאָלער ציהט זיך דורך ווי אַ ווײסליבּעם פֿאַסעלע אויף דעם שוואַרצען פֿאָהן פֿון איהר לעבען...

באַלד אָבער דערטרינקט עס זיך אין די שוואַרצקײט. און ס'איז ווידער דורכאויס שוואַרץ...

וואָס דאַרף זי זײ, די פֿיער הונדערט דאָלער? אַמאָל האָט זי זײ געהאַלטען פֿאַר אַ חתן, איצטער: טאָמער ווערט זי קראַנק און וועט ניט קענען אַרבּײטען...

ס'איז געווען אַ נאַרישקײט; וואָס זי האָט געזאַמעלט פֿאַר אַ חתן, איצט זעהט זי ערשט, ווי זי האָט געלעבּט אין טעות! פֿאַר געלד קען מען קײן חתן ניט קויפֿען — אַ ליגען די מעשה, וואָס האָט זי טאָקי יענע וואָך געלײענט, ווי אײנער האָט זיך געשאָסען פֿאַר אַ מײדעל. ער האָט זי ליעב געהאַט און זי איהם ניט. נעמט ער און שיסט זיך... די מײדעל האָט קײן נדן געוויס ניט געהאַט. ווער דאַרף האָבען איהר נדן? דער עיקר איז מען פֿערליעבט זיך...

דאָס פֿערליעבען זיך איז בּײ איהר אַ רעטעניש: צוויי חבר'טעס, בּײדע זענען שען: אײן חבר'טע האָט אַרום זיך אַפֿשר צעהן בּאָיעס 2) וואָס געהען אויס נאָך איהר, און די אַנדערע געהט אום שטענדיג אַלײן און בּעזוכט אַלע פֿערזאַמלונגען, ליטעראַרישע אָבענדען און אַלץ אַלײן...

זי געהט אויך אויף פֿערזאַמלונגען. מען פֿערגעסט זיך אַ בּיסעל... אויף די פֿערזאַמלונגען איז אָבער אויך ניט גוט... איז לעדיג, איז זעהר אומעטיג — זיצט אַלײן אויף אַ בּאַנק און קוק אויף די ווענד... איז פֿיל, שטויסט מען דיך און מען איז דיך אין גאַנצען מבטל, ווי אַן איבּעריגע...

2) בּחורים.

מענשען זענען עפעס מאָדנע, אז זיי איז גוט פערגעסען זיי גאָר אָן דעם צווייטען. פאר וואָס זענען מענשען אזוינע שלעכטע?

ווייסען ווייס זי אפילו יאָ דעם סוד נאָר זי האָט מורא זיך אליין עס צו ענטפלעקען! בגנבה זאָגט זי זיך אליין אויס. מענשען האָבען ליעב פרעהליכע, שענע, געזונדטע...

וואָס דארף זי מעהר? זי האָט דאָ א קרובה, האָט די קרובה א זוהן, איז ער א מענש א דימענט, וועגען שענקייט רעדט זי שוין ניט. אמאָל קומט זי צו געהן, רעדט ער מיט איהר גאַנץ פריינדליך. זי זעהט בעשיינפערליך, אז ער האָט אויף איהר רחמנות... פון דעסטוועגען, אז עס קומט אריין צו איהם די יונגע שענע בעלא, טהוט ער זיך גלייך אָן, כער זעהט אויס דאמאָלס ווי א מאָנארכע!) און געהט מיט יענער אוועק... אמת, פאָרן אוועקגעהן גיעט ער איהר, דבורה'ן, די האנד און זאָגט איהר מיט א ליעבען שמייכעל: איהר וועט דאָ נאָך זיצען. איך וועל באלד קומען... קומט אריין אָפט...

אָבער איינלאַדען זי אויך געהן מיט איהם — דאָס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געטהון, און א נאָהנטער קרוב!...

אמת, די מוטער ווינע, די קרובה, נעהמט איהר אויף פיין. נאָכדעם ווי דער זוהן געהט אוועק ניט זי איהר טהיי און לעגט אוועק אויפ'ן טיש צוויי פאָמעראַנצען... דעם טהיי טרינקט זי נאָך אויס ווי עס איז א האלבע גלאָז, אָבער צו די פאָמעראַנצען האָט זי שוין קיין מוטה ניט צו־צושטעקען זיך: עס קריכט איהר ניט אין האלז...

— עס, דבורה, א פאָמעראַנץ, בעט פריינדליך די קרובה.

— איך דאַנק אייך זעהר — ענטפערט דבורה שטארק גע־ריהרט, און זי ציטערט זי זאָל זיך ניט פונאנדערוויינען — איך מוז שוין געהן...

— וואָס איילסטו זיך? — פרעגט די קרובה און ניט א געגענץ...

— איך מוז מאָרגען פריה אויפשטעהן צו דער ארבייט...

— ארבייטסט נאָך אלץ אין דעם זעלביגען שאָפ? — פרעגט די קרובה און לעגט ארויף די האנד אויפ'ן מויל, כדי ניט צו גענעצען..

— אלץ אין זעלביגען שאפ — ענטפערט דבורה אין זע־גענט זיך אב אהײם צו געהן — אלץ אין זעלביגען שאפ...

— און אראבגעהענדיג פון די שטיגען, בלײבט זי שטעהן אין רעדט ארוים װידער, װי זי װאלט אימיצען געענטפערט:

— אלץ אין זעלביגען שאפ...

דֶער דַלוּת.

(סקיצע).

פון דער „קאנדיציע", וואס ענטין האט געקריגען ביי א רייכען, און ווי עס זעהט אוים, אנ'שטענדיגען ישוב'ניק, איז ער שטארק צופריעדען. עס געהט צו זומער, ער וועט האבען א „דאטשע". פאר וואס רייכע צאהלען געלד, און די דאטשע, וועג־ליג דער ישובניק האט איהם אבגעמאלט איז זעהר א גוטע, פיער טריט פון שטוב איז דער וואלד, זעקס טריט — דער טייך, וועגען עסען רעדט מען ניט, אין א דארף איז פארהאן וואס צו עסען. און שמארט איז אייגענטליך אויך דא וואס צו עסען. אז מען זאל האבען לעקציעס. וואו געהמט מען אבער די לעקציעס, אז אויף יעדען טריט און שריט איז דא א גימנאזיסט, א רעאליסט, אני עקסטערנער! און אין מיטען טראגט אן דער גוטער יאהר גאר א סטודענט, וואס מען האט איהם אויסגעשלאסען פאר עפיס זעהר שווערע חטאים און ער נעהמט אויך לעקציעס. אין דארף אבער איז קיין קאנקורענציע ניטא, — ער איינער אין איין הויז, מיט איינע תלמידים, עס איז ווירקליך א גליק.

דאך האט ער צווי זארגען. איינע א קליינע און איינע א גרויסע. די קליינע זארג בעשטעהט אין דעם, וואס לויט דעם וואס דער נייער „בעל הבית" האט איהם געזאגט האלט שוין דאס עלטערע מיידעל, פון א יאהר דרייצעהן, ביי'ן ענדיגען אריפמעטיקע. ער אבער, ענטין, האט מעהר ניט געלערנט ביז פראצענט רעכענונג! היינט וואס וועט ער מיט איהר טהון? — אויב זי איז ניט קלאר אין אריפמעטיקע איז נאך א האלבע צרה, הייסט ער איהר איבערחזר'ן פון אנהייב אן, און חזר'ט מיט איהר א גאנצ־

זומער? טאמער וועט עס זיין פערדאכטליך, וועט ער נישקשה, זאגען, אז דער עיקר איז וויסען קלאר די כללים פון תשבורת, און אז מען ווייס דאס קלאר, העדט שוין דאס איבריגע, ווי געשמירט. אזא מעשה האט איהם שוין אויסגעטראפען אין שטאדט, און גאט האט איהם געהאלפען, איז ער שוין מיט דער ערשטער זארג רוהיג...

די אנדערע זארג אבער לאזט זיך ניט אזוי גיך אבשטופען, צו איהר איז גאר קיין עצה ניטא.

ער האט מיט דעם נייעם בעל הבית אבגערעדט, אז אין גאנץ שעה ארום פאר נאכט, קומט ער מיט זיינע „זאכען", און ער קאן ניט קומען. ער קאן ניט!

— אלמאי האב איך איהם געדארפט גאר דערמאנען זאכען — מאכט ער זיך אליין פארווירפע — וועלכע ציג, וועלכע זאכען? איך האב דען זאכען! א חרפה און א שאנד!

ער וואלט האטש זיין גראבען ווערטער-בוך ניט פערקויפט וואלט געווען, וואס ארייננצולעגען אין קעסטעלע, יעצט איז דאס קעסטעל א לעריגע, אין שווארץ העמד וואלגערט זיך דארט אום אין א בויגען פערשמירט פאפיער... ווייטער האט ער פאר דעם ווינטער אלין פערקויפט.

ער האט אפילו אנ'עצה: ער וועט צו דעם קעסטעל קויפען א ביליג שלעסעלע פאר וואסערע 5 קאפקעס און וועט די ארימקייט, דעם דלות פערשליסען. היינט ווי אזוי וועט מען דארטען וויסען אז אין קעסטעל איז גאר נישט דא.

א פלאן איז דאס אפילו. דאס איז אבער א רזיקאלער פלאן. טאמער גיעט דארט יעדער א הייב דאס קעסטעלע און זעהט אז זי איז אזוי גרינג, וועט מען גלייך פערשטעהן, אז עס איז א דלות, אז ער האט גאר נישט...

דער געדאנק ווארפט אויף איהם אן א פחד, ער ווייס שוין צו גוט, ווי אזוי מען קוקט אויף א מענשען, וואס האט גאר נישט, בפרט נאך א זעלבע בעלי-בתים, ווי זיינע יעצט, וואס ווייזען אויס צו זיין זעהר רייך. מען קאן איהם נאך צוריק אבשיקען אין שטאדט ארין. היינט דער בזיון!

ניין! דעם ערשטען אריינפאהר צום בעל הבית מוז ער זיך ניט ארויסווייזען מיט זיין גרויסען דלות, ער מוז איהם זעהן מיט

וואָס עס איז צופֿעדרעקען, צו בעהאַלטען. זיין קעסטעל מוז ער מיט עפּעס אָנפֿילען און פֿערשליסען, אז אפילו דער טייוועל אליין זאָל ניט דערגעהן וואָס דאָרט איגוועניג טהוט זיך.

מיט וואָס אָבער פֿילט מען עס אָן?

„מיט זאמד!" פֿאַלט איהם איין אין קאָפּ — יאָ ווי איך בין אַ יוד — מיט זאמד! און ער ווערט מלא שמחה. אויפֿ'ן גרויסען הויף וואו ער וואָהנט יעצט, גראָבט מען גראַד אַ ברונען, זאמד איז דאָרט לרוב. טהייערער, ווייסער זאמד, און דער בעל הבית פֿון הויז, אפילו אַ האַרטער מענש — נאָר דעם זאמד לאָזט ער יעדען נעהמען און ווייבער נעהמען טאַקי ווי פֿיעל זיי ווילען אליין, — גאַנצע קאָשיקעס. ער וועט שטילערהייט, אז קיינער וועט ניט זעהן, עס איז דאָך אַ חרפּה — אַרויסטראָגען דאָס קעסטעל אויפֿ'ן הויף, אָנשיטען עס פֿול ווי איין אויג, און ער איז נעראַטעוועט — ער האָט אַ שווערען קאַסטען, אַ מענשט מיט לייטען גלייך!...

בעגייסטערט פֿון דער אידעע, לאָזט ער זיך אין אַנ' אייזענגעוועלב קויפֿען אַ שלעסעל און אָנשטאָט אַ ביליגען איז ער זיך מישב און קויפֿט אַ טייערערען, אַ שטאַרקערען, אזא מין עשירות ווי זאמד, מוז מען גוט בעוואָרענען. וויצעלט ער אין געדאַנק. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר קאָן דאָרט אין דאָרף אין מיטען אַ גנב זיך מישב זיין איהם בעגנב'נען...

דער שלאָס איז געקויפֿט. עס ווערט פֿינסטערליך. מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען לאָזט ער זיך צום הויף, וואו ער וואָהנט. געהט אַריין אין זיין צימער, וואו צום גליק איז דער צווייטער חבר זיינער ניטאָ, טראָגט אַרויס מיט ציטערנדע הענד, ווי אַ גנבה, זיין קעסטעל, שטעלט עס אַוועק אויף אַ גרויסע קופּע זאמד און הויבט אָן עס פֿול צו מאַכען. קוקענדיג הינטערווייַלעכס, צי זעהט איהם קיינער ניט ביי דער דאָזיגער מאָדנער אַרבייט.

און גאָט האָט איהם געהאָלפֿען. דאָס קעסטעל איז שוין פֿול און קיינער האָט איהם ניט געחאַפּט. ער פֿערשליסט עס אין דער גיך, הייבט עס אויף און געפֿינט, אז עס איז גענוג שווער און מיט אַנ' אמת'ער שמחה טראָגט ער עס אָב ביז צום מויער.

ביי'ן טויער הייבט ער דאָס קעסטעל אויף נאָך אַ מאָל, שווער איז גענוג, אָבער איין אונגליק: דאָס קעסטעל „רינט".

גיב שיטען זיך גאַנצע זײַלעלעך זאַמד דורך די שפּאַלטען פֿון דעק.

ער בלײַבט דערשראָקען אויף טויט. אָבער אַ נגיק, וואָס ער האָט זיך געחאַפּט נאָך צו דער צײַט! „עס וואָלט געווען אַ שיינע מעשה, טראַכט ענטין, ווען דאָס זאָל טרעפֿען אין די אויגען פֿאַר'ן בעל-הבית...”

עס וואָלט ניט געווען אַזוי אײַלענדיג, וואָלט ער אפשר אַן עצה געפֿונען דערצו; ער וואָלט די שפּאַלטען מיט פּאַפּיער פֿערשטעקט. יעצט איז שוין אָבער אויף אַזוינע אָפּעראַציעס קורץ די צײַט, שוין באַלד אַכט דער זייגער. ער מוז שוין באַלד געהן. וואָס-זשע טהוט מען?

אָבער אידעען ווערען געבוירען און ענטוויקלען זיך איינע פֿון דער אַנדערער. פֿון דער אידעע פֿון זאַמד, וואַקסט אַרויס אַ נײַע אידעע: שטײַנער.

וואָס דאַרף ער זיך עסק'ען מיט'ן זאַמד? אַט ליגען אַ באַרג שטײַנער! טײַערע שטײַנער בנאמנות.

ער שיט שנעל אויס צוריק דעם זאַמד, וואַרפֿט אײַלענדיג אַרײַן אין קעסטעל עטליכע שטײַנער און וויל שוין פֿערשליסען.

— יונגער מענש, וואָס גנב'ט איהר, האַ! דערהערט ער הינטער זיך דעם הויף-בעל-הבית'ס גראָבע שטימע.

— גאָרנישט... דאָס דאַרף איך... חע-חע-חע... עס זאָל זײַן שווער... ס'איז גאָרנישט...

ענטינ'ען בעגיסט אַ קאַלטער שווייס און ער איז צוטומעלט.

— שיט שוין אויס די שטײַנער! דונערט דער בעל-הבית — פֿאַר אײַך געקויפֿט?!... פֿאַרך אײנער!

— גוט — גוט! מורמעלט ענטין תמעוואַטע, דאַנקענדיג גאָט, וואָס עס איז „בשלום” אַראָב און ער לאָזט זיך געהן מיט דעם גרינגען קעסטעל צו זײַן בעל-הבית.

אָהן די שטײַנער איז איהם אָבער דאָס קעסטעל זעהר שווער געווען; עס האָט איהם צו דער ערד דעם קאָפּ געבויגען און הענד און פֿיס האָבען איהם געציטערט.

יאָ, דאָס איז ווירקליך אַ שווער קעסטעל געווען. אין איהם איז געלעגען ענטינ'ס דלות...

דעם באַרבער'ס ווײבעל.

(סקיצע).

שבת, עלף אַ זײגער אין דער פריה, הײמאן דער באַרבער שטעהט איבער אַ יונגען ארבײטער, וועלכער ליעגט אויסגעצויגען איבער'ן טשער אַ שלאָפעדיגער און ער, הײמאן, מאַכט איהם צו־רעכט. שאַבט איהם די באַקען מיט גרויס פלײס, ווי ער וואָלט איהם וועלען כשר'ן צו אַ הײליגע זאך. די ארבײט געהט בײ הײמאן'ען, ווי געשמירט, ער איז שוין 15 יאָהר אַ באַרבער, 10 יאָהר אין יוראָפּ און שוין 5 יאָהר אין ניו־יאָרק, אין יודישען קוואַרטאַל, ער וואָלט יעצט פערמאָגט אַ הונדערט חלק ווי פיעל מאָל 10 סענטען ער האָט שוין בעקומען, וואָלט ער קײן באַרבער ניט געדאַרפט שוין זײן. ער וואָלט שוין דאָ נעהמט הײזער און וואָלט אויף זײ אַ סענט אפילו ניט שולדיג געווען. אויסער דעם האָט ער גלאַט אַ פלינקע האנד, און דאָך פיהלט ער, אז ער וואָלט פיעל פלינקער און בעסער געשײוט, ווען הינטער איהם וואָלטען ניט געזעסען פיער יונגע לײט, ארבײטער, און וואָלטען ניט געווארט. מילא זײער ווארטען וואָלט איהם שוין ניט געאַרט, ער איז זיכער, אז ער וועט זײ אַלעמען אָבשײווען. זענען זײ אָבער אַלע אַזוי אונגעדולדיג, אז ער קען בשום אויפן זײ ניט בערוהיגען, און אַלע ווײלע רײסט זיך יעמאַנד פון די וואַרטענדע אוועקצוגעהן. אמת, ער האָט דערפאַר קײן מורא ניט — אוועקגעהן וועלען זײ ניט. ערשטענס זענען זײ אַלע לאַנדס־לײט און צווײטענס — וואוהין וועלען זײ דען געהן? בײ אַ צווײטען באַרבער וועלען זײ דאָך ווײדער דאַרפען וואַרטען. אָבער נאָך אַלעם דעם איז איהם ניט אַנגענעהם.

— איך זאָג דיר, הײמאן, קלאָגט זיך אויפשטעהענדיג אין

אַרבייטער פון די וואַרטענדע, אַז דו פערשטערסט מיר דעם שבת. אַ גאַנצע וואָך אין שאָפּ, קומט דער שבת, וויל מען אַ ביסעל אַרויסגעהן, מוז מען ביי דיר זיצען און וואַרטען „אָמשערעד". נעהם, צו אַלדי טייוועל, אַ האַנד.

— ניין, ברודער, צוליעב אַ פּאָר שעה אין וואָך קען איך קיין האַנד ניט נעהמען — ענטפערט היימאַן, פערענדיגענדיג שאָבען די באַקען פון דעם קאַסטימער, וואָס איז שוין ליגענדיג אויפ'ן טשער גוט איינגעשלאָפען און חלום'ט אודאי פון דעם שאָפּ — אין מיטען וואָך איז סלעק, קיין מענשען האַלטען קען איך ניט ניקשה, דיר וועט נאָך בלייבען צייט צו אַרומגעהן. און וואָס געהט מען גלאַט אַרום? — פאַלט היימאַן אַריין אין אַ מין מוסר־טאָן. איך אַפּילו, אַז איך בין פריי — און פריי בין איך אַ גאַנצע וואָך, זיץ דאָס וויב אין שטוב. אָט נעהם ליינען אַ פּייפּער.

— איך האָב שוין דריי פּייפּערס דורכגעלייענט, — ענטפערט מיט רוגזאַ דער אַרבייטער — צו אַלדי טייוועל, נאָך דעם מיסטער מוזטו מיר שייווען.

דערהערענדיג די דזייגע פּאָרלעגונג, שטעלט זיך אויף נאָך אַנ'אַרבייטער פון די וואַרטענדע און שרייט אויס:

— ניין, מיסטער. איך בין געקומען פריהער פאַר אייך.

— איך וועל אייך אַלעמען אָבשייווען — בערוהיגט היימאַן די קאַסטימער.

ער האָט אַפּילו קיין מורא ניט. אַוועקגעהן וועלען זיי ניט, גאָרישקייט, ערשטענס לאַנדס־לייט, און צווייטענס, וואוהין וועלען זיי געהן? אָבער אָנגענעהם איז עס איהם ניט און ער איילט וואָס גיכער צו פערענדיגען דעם קאַסטימער, וועלכען ער וואַשט שוין דעם קאָפּ, פון וואָס יענער כאַפּט זיך אויף.

— אָט שוין געענדיגט — טרייסט היימאַן דעם ווידער־שפּענסטיגען קאַסטימער, זיין לאַנדסמאַן. דו ביסט דער דריטער אַ האַלבע שעה און דו ביזט אַ געשייווטער.

דער אַרבייטער לאָזט זיך בערוהיגען, נאָר ניט אין גאַנצען, ער מורמעלט אַליין:

— האָסט כאָטש אויף שבת אַליין געדאַרפט נעהמען אַ מענשען, צו אַלדי טייוועל!

היימאַן שייווט שוין אַ צווייטען, וועלכער שלאָפט שוין אויך,

און פליהענדיג מיט דעם ראזיר-מעסער איבער דעם צווייטען קאסטימער'ס באקען, ענטפערט ער:

— אויף שבת אליין, זאגסטו, און אבצאהלען איהם צוויי דא-לאר און וואס וועט מיר בלייבען? אט נעהם לעז א פייפער. באלד, באלד קומט דיין אטשערעד, נאך א האלבע שעה'לע...

דער ארבייטער פערלאזט זיך אויף גאט'ס בעראט און נעהמט אויף זיך צו זיין געדולדיג, זיצען אבער קען ער שוין ניט, עס הויבט איהם פון טשער. נעהמט דעם „פארווערטס" און לעזט די אדווערטייזמענטס פון אידישען טהעאטער.

— ביזטו געווען אויף „לייזער'ס בלינצעס?" — פרעגט ער, בעמערקענדיג די אדווערטייזמענטס.

— ווער האט געלד צו געהן? — ענטפערט הימאן — מען זאגט, אז עס איז א זעלטענע שאו.

— איך בין שוין געוועזען צוויי מאל און היינט געה איך מאטינעע. נאר ווער וועט שוין געהן, פערכאפט ער זיך צוריק; ביז דו וועסט פערטיג ווער'ן וועט מען שוין אבשפיעלען;

— ביזטו בדלות! — ענטפערט הימאן, — וועסט ניט פערשפעטיגען. געה בעסער אויף „א מענש זאלסטו זיין" — וועס-טו זעהען ווי האלב נאקעטע נקבות הוידען זיך און זינגען... אויך זעהר א שענע זאך...

דער ארבייטער לאזט זיך אבער ניט טרייסטען. ערשטענס האט ער שוין „א מענש זא'סטו זיין" געזעהען 20 מאל און טאקע א דאנק די האלב נאקעטע נקבות, וואס הוידען זיך אויף דער סצענע, און זיי זענען איהם שוין נמאס געווארען און ער הויבט זיך אן ווידער צו בונטעווען. באלד אבער ווענדט ער זיך מיט א פראגע:

— זאג מיר הימאן, וואס זעהט מען עפעס ניט דיין ווייבעל?

— דו האסט זיך פערביינקט נאך איהר — ענטפערט הי-מאן איגנארירענדיג — איך בענק נאך איהר ניט אזוי שטארק.

פון הינטערן צימערעל, וואס איז פערהאנגען מיט א פאר-האנג, דערהערט זיך א שטים און באלד ווייזט זיך א קאפ פון א יונג-חן'עווידיג ווייבעל.

— דו בענקסט ניט, איז ווי דו ווילסט זיך, איך בענק

אויך ניט נאָך דיר. וואָס מאַכט איהר זיסעל? וועגדעט זי זיך צום אַרבײַטער.

— אָט אַזוי, שמועס אַ ביסעל מיט מײַן ווײַבעל, — זאָגט הײַמאַן צו זיסלען — זי קען גאָט צו דאַנקען אַ ביסעל שמועסען, וואָלט זי אַזוי אַנדערע זאַכען געקענט.

— איהר קריעגט זיך נאָך אַלײן! — פרעגט זיסקע.

— איך האָב שטאַרק מורא פאַר איהם! — לאַכט בײַז דאָס ווײַבעל.

— זאָג מיר, הײַמאַן, פאַר וואָס זאָל גאָר דײַן ווײַבעל ניט מאַכען אַ מאָל אַ שײַוו, צו אַלדי טײַוועל — חולה איז זי! מיך האָט שוין אַמאָל, נאָך אין יוראָפ, אַ נקבה געשײַווט, ס'איז זעהר אַנגענעהם, עס קיצעלט — האָט ער זיך ציניש צולאַכט.

די איבעריגע אַרבײַטער, וואָס זענען פאַר לאַנגווײַליגען וואַרטען שיער ניט אײַנגעשלאָפען, האָבען זיך אויך צולאַכט און דאָס ווײַבעל האָט זיך אָנגערופען, וואַרפענדיג אויגלעך צו זיסקען:

— נו, זעצט זיך, זיסקע איך וועל אײַך מאַכען אַ שײַוו.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — האָט זיך זיסקע אָנגעכאַפט און האָט זיך איועקגעזעצט אויפ'ן שײַוו-טשער.

— נו, נו, מען בעט דיך ניט — האָט הײַמאַן בײַז אויסגערופען — איך בין שוין באַלד פאַרטיג.

— וואָס אַרט עס דיר — האָט זיסקע זיך געווענדעט צו הײַמאַן'ען ווי מיט געבעט, — זי וויל מיר מאַכען אַ שײַוו, זאָל זי מאַכען, און יוראָפ זענען דאָ לײַדיס, וואָס שײַווען.

— דאָ אויך, — האָט בעשטעטיגט אײַנער פון די וואַרטענדע און עס איז געווען קענטיג, אַז ער וואָלט אויך ניט געווען דאַגעגען אַז דאָס חן'עוודיגע ווײַבעל זאָל איהם מאַכען אַ שײַוו. ער האָט אויף איהר געקוקט און געקוקט. ווי ער וואָלט זיך געבעטען: מיך אויך...

— זעצט זיך! — האָט דאָס ווײַבעל פאַרגעלײַגט, ווינקענדיג צו זיסקען.

— זי וועט דיר צוקראַצען דאָס פנים, אַז דו וועסט אין גאַנצען ניט קענען אַרויסגעהן — האָט הײַמאַן געוואָרענט און געקוקט בײַז אויף זײַן ווײַבעל.

— זאָל זי צוקראַצען, עס מאַכט ניט — איך קען שוין,

ווי איך בין אַ יור, מעהר ניט ווארטען — האָט זיסקע געענטפערט אוועקזעצענדיג זיך אויפ'ן שטוהל-טשער.

— אָט איך ענדיג שוין! — האָט היימאַן איהם בערוהיגט, נאָך דעם קוםסט דו.

— ניין, איך בין פריהער געקומען — האָט זיך אָנגעכאַפּט איינער פון די ווארטענדע.

— לאָזט איהם היינטיגעם מאָל איבער — האָט זיך היימאַן ווי געבעטען, און צום ווייבעל האָט ער זיך געווענדעט, ווארפענדיג בייזע בליקען אין איהר זייט.

— דו געהסט אוועק, צי ניט?

דאָס ווייבעל איז אַ ברוגז'ע אריין צוריק אין הינטער-צימער, היימאַן איז רוהיגער געוואָרען און האָט פערענדיגענדיג דעם צווייטען קאָסטימער זיך געווענדעט צו זיסקע'ן:

— אָט באַלד, זיסקע, באַלד, נעהם ליינען אַ פּייפּער... אַ בעלנות פון אַ מענשען. לאָזען זיך שייווען פון אַ פרוי, זי וואָלט דיך אזוי צוקראַצט, אַז דו וואָלסט זיך אויפ'ן סטריט ניט געקענט ווייזען.

זיסקע, וועלכער האָט טאַקע באמת געוואָלט פערזוכען אַ ווייבערשען שייוו, האָט בייז געענטפערט:

— דו צוקראַצט אַ מאָל. ברודער-לעבען אזוי, אַז ערגער קען שוין ניט זיין... זאָג בעסער—האָט ער איראָניש צוגעגעבען— אַז דו ביזט „פּעפּערזיכטיג". אי איך האָב דאָס פיינט!

היימאַן האָט זיך ווי בעליידיגט און ער האָט אויך ביי געענטפערט:

— נו, ברודער, אויב דו ווילסט אַז דוקא מיין ווייבעל זאָל דיר מאַכען אַ שייוו, קען איך דיר ניט העלפען. דאָס ווייבעל ברויך איך פאַר זיך... איך בין נאָך אַ יונגערמאַן...

— איך וואָלט זי ניט אָבגעביסען! האָט זיסקע אַ מורמעל געטהון...

— פאַר אָבבייסען האָב איך שוין קיין מורא ניט, נאָר קיין באַרבער'ס וויל איך ניט זי זאָל זיין, איך וועל מיך אומ-פראַווען אליין.

זיסקע האָט גאָר נישט געענטפערט. היימאַן האָט אין זיין שווייגען געפיהלט אַ בייזקייט. ווער ווייס, אפשר וועט ער שוין

אַ צווייטען מאָל נישט קומען. אַ קאָסטימער איז אַ שאָד, דאָס ווייבעל איז איהם אָבער אויך אַ שאָד און אַ פיעל גרעסערער, ווי אַ קאָסטימער...

און, אַז זיסקע האָט ווידער זיך גענומען בונטעווען און שרייען, אַז ער קען ניט וואַרטען, האָט היימאַן איהם שוין ניט פערהאַלטען, קיין פייפער לעזען ניט פאַרגעלייגט, נאָר טרוקען און לאַקאָניש אַרויסגעמורמעלט.

— מילא, אַז דו יאָגסט אַזוי, טאָ גיי געזונטערהייט...

זיסקע האָט נישט געענטפערט, איז אָבער ניט אַוועק און אין דעם ענגען באַרבער־רום האָט געהערשט אַ דריקענדע שטילקייט...

אִינְהאַלְט:

דער סוד .

די צווייטע ראָזע .

אונזער אַננאַ איסאַקאָווונא ,

דער פרימער .

דער רעוואָליוציאָנער .

די פרעמדע תפילה .

אַ רוהיגע דירה .

אויף אַ חתונה (איינאַקטער) .

גוטע ברודער (איינאַקטער) .

די שפּיזערין .

אַ שאָפּ-מיידעל (אַן אַמעריקאַנער סקיצע) .

דער דלות .

דעם באַרבערס ווייבעל (אַמערקאַנער ערצעהלונג) .

יונה ראזענפעלד.

אין די שמאלע געסלעך.

ערצעהלונגען.

פערלאג
„וועלט־ביבליאטעק".

ווארשא
תר"ע.

ПЕРЕУЛКА.

Типо-Лит. Х. Кельтера, улица Новолипье № 11, въ Варшавѣ.

I

א פאר פאלק.

מען מאכט חוזק פון זיי, אז זיי האבען חתונה געהאט פון ליעבע: ער האט זיך פערליעבט אין איהרע קליינע רויט=פערגאַ=סענע אויגעלעך, און זי — אין זיין הויקער, ווי א פויסט די גרויס, וועלכער שפּאַרט=אָן נעבען האלז=און=נאַקען.

פאר דער חתונה זענען זיי צוזאמען זעקס יאהר אין איין שטוב געווען ביי רייכע קרובים. ער פון זיין צד און זי — פון איהר צד. ער איז געווען ביי איהם אין געשעפט און האט געפאָלגט א גאַנג. זי — אין שטוב האט געקאָכט מיטאָג און געוואַשען די פאָדלאָגעס און איז דאָך זיין דיענסט ניט געווען. פרעמדע מענשען, וועלכע זענען אהין צו די קרובים אריינגעגאַנגען, האָבען זי גערופען „באַרישניע" און האט ווער ניט געוואוסט, אז זי איז א קרובה און זי געהאַלטען אזוי ווי א דיענסט, האט זי זיך שרעקליך בעליידיגט און האט געשאָלטען מיט טויטע קללות. זיי האָבען געגעסען צוזאמען מיט די קרובים ביי איין טיש, און דאָס איז דאָך דער בעסטער סימן געווען, אז מען האַלט זיי פאר אייגענע, אנדערש וואָלטען זיי אין קיך געגעסען, און ווער איז צו איהר דעמאָלט, ווען זי איז ביים טיש געזעסען, גלייך געווען? זי האט נאָר געוואָלט, אז אין דער מינוט זאָל אריינקומען פונ'ם שכן די דיענסט און זי טרעפען ביים טיש, דעמאָלט וואָלט שוין יענע געוואוסט, אז זי איז מיט איהר קיין „פאַן=בראַט" נישט, אז זי איז א בעל=בת'יש קינד און חלילה ניט קיין דיענסט..

זי האט אזוי ליעב געהאט דעם טיש, אז אפילו א גלאָז

טהײַ, אַ ביִם ברױט האָט זי ניט אױסגעטרונקען און ניט אױפגעגעסען אין קיך, נאָר אַלץ בײַם טיש.

חתונה געמאַכט האָבען זײַ די קרובים זײַערע, און טאַקע װי עס דאַרף צו זײַן: מיט כלי=זמר, און מיט אַ בדחן. אױף דער חתונה זענען געקומען איהרע עלטערען און זײַנע. בײַדע צדדים זענען, אפילו, ניט צופרידען געװען אײנס פון דעם אַנדערען, נאָר װאָס האָבען זײ געקאָנט מאַכען, אז „די קינדער װילען זיך"? זײַן מאַמע האָט אפילו געפּרובט שמועסען מכח נדן, נאָר דער טאַטע זײַנער, איהר מאַן, האָט איהר געגעבען אַ שטורכע, זי זאָל שװײַגען. אױף דער חתונה זענען געװען אַ סך רײַכע מענשען מיט גלאַנצענדיגע הױכע צילינדערס און מיט גאָלדענע קײטען. עס איז אַרײַנגעפאַלען אַ קערבלעך דרײַסיג דרשה=געשאַנק, אַחוץ אַ פּאָר בעטען מיט אַ טישעל און שטוהלען, און אַ פּאָר פּראַזשעטענע לײַכטערלעך האָט עמיצער געשענקט, און אַ װעק=זײַגער, און אַ פּאָרטאַבאַק מיט אַ פּערדישען קאָפּ און נאָך פּערשידענע חפצים, — געמאַכט זײַ פּאַר גאַנצע בעלי=בתים.

אױף מאָרגען נאָך דער חתונה האָט דער קרוב אײַנגעלאַדען דעם יונגען=מאַן אין געשעפט, איהם געגעבען מאַנופאַקטור=סחורה פּאַר עטליכע און אַכציג רובל און אַנ'אײַזערנעם אַרשין אין די הענד, און האָט איהם צוגעװינשעװעט, ער זאָל װערען רײַך, װי ראָטשילד.

ער האָט אָנגעהױבען צו האַנדלען, איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב מיט'ן פּאַק סחורה אױף די אַקסעל און מיט'ן אײַזערנעם אַרשין אין דער רעכטער האַנד און האָט אומעטום אױסגערעכענט זײַן קראָם סחורה, װאָס ער פּערמאָגט, האָט פּערדיענט פיער גילדען אַ טאָג און אַמאָל אַ רובל.

אַ טאָג פּאַר דער חתונה, האָבען זײ זיך אין די שמאָלע געסלעך אַ דירה געדונגען; אַ שײן פּרעהליך בױדעם=שטיבעל מיט צװײ קלײַנע זעקס=שױבענדיגע פּענסטער און מיט אַ שמאָל טהיר'ל, און אױף מאָרגען נאָך דער חתונה האָט זיך דאָס פּאָר=פאָלק אַהין אַרײַנגעצױגען, און װער װײסט, פאַר װאָס איז פּלוצלונג די קלײנע, באָרפוסע חברה מיט די היטלען אָהן דאַשיקעס געפעלען געװאָרען, צו מאַכען פון זײ אַ „הוראַ".

דאָס פּאָר=פאָלק איז געװען אינגאַנצען אונטערען אײַנדרוק

פון די רײַכע קרובים און דעם ערשטען טאָג נאָך דער חתונה האָבען זײ צווישען זיך אַ שמועס פערפיהרט, אַז זײ װעלען זיך פיהרען, װי זײערע קרובים, פונקט אַזוי, ניט אַנדערש. דאָס הײסט: ניט שוין, נאָר שפּעטער, אַז גאָט װעט העלפען און זײ װעלען װערען גבירים. אין דעם, אַז זײ װעלען װערען גבירים, האָבען בײדע ניט געצװײפעלט. דער קרוב איז דאָך אויך נאָך דער חתונה אָרים געװען, איז אויך אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּאַק אויף די פּלײצעס, אַזוי װי ער, און איז רײַך געװאָרען, נו, װעט ער אויך רײַך װערען. און אַז זײ װעלען רײַך װערען, װעלען זײ אויך אויסשרײַבען צװײ אָרימע קרובים, װעלען זײ אויך אָבהאַלטען זעקס יאָהר און װעלען זײ אויך חתונה מאַכען. זײערע רײַכע קרובים האָבען אײן=און=אײנציגען זוהן (זײ װעלען אויך מסתּמא מעהר ניט האָבען), אַ גימנאַזיסט, ענדיגט שוין די גימנאַזיע און מ׳שיקט איהם קײַן אויסלאַנד, דאָרט װעט ער שטודירען אויף דאָקטאָר — זײ װעלען מיט זײער זוהן אויך אַזוי טהון.

װען ער איז געקומען אין אָבענד פון גאַס, האָט זי, די קינפטיגע גביר׳טע, איהם אויסגעצויגען אַ הענטעל און ער האָט עס געגעבען אַ קוש — אַזוי פיהרט מען זיך דאָרט בײַ די גבירים. דאָס ערשטע מאָל, װען זי האָט איהם דאָס הענטעל אויסגעצויגען, האָט ער איהר װילד אָנגעקוקט, ניט געװאוסט, װאָס זי װיל פון איהם; איצט װײסט ער שוין און טהוט עס זעהר לעבעדיג. נאָכדעם, װען זי האַפּט דעם קוש אין איהר גראָב רויט הענטעל, חאַפּט זי בײַ איהם פון קאָפּ אַראָב דאָס היטעל. דאָס װיל ער אפילו ניט לײַדען, װײַל מ׳טאָר דאָך ניט זיצען אָהן אַ היטעל, נאָר יענער, דער קרוב, געהט קײנמאָל אין קײַן היטעל ניט אַרום... װיל ער אויסטהון דאָס רעקעל אויך, לאָזט זי איהם שוין ניט; דערפאַר װערט ער שוין אין כעס, איהם איז הײס צום חלש׳ן און דאָ אין שטיבעל איז דושנע, עס פיהלט זיך די היץ פונ׳ם אָנגעברענטען דאָך.

נאָך װעטשערע געהט זיך דאָס פּאָר׳ל אַרויס שפּאַצירען. זי נעהמט איהם אונטער׳ן אָרעם און זײ דרעהען זיך אַרום, געסעל אײַן, געסעל אויס, און װערען פון צײַט צו צײַט בעגעגענט מיט אַ געלעכטער און אויסגעשרײען: „דאָס פּאָר=פאָלק געהט, דאָס פּאָר=פאָלק געהט!“ זי פרעגט בײַ איהם אַלע מאָל, צי האָט מען

פון זײַערע קרובים אויך אַזוי אַמאָל געלאַכט, און חאָטש ער האָט ניט געוואוסט, יאָ, צי ניין, האָט ער זיך דאָך משער געווען, אַז יאָ, און געענטפערט:

— וואָס דען, מען האָט ניט חוזק געמאַכט?

— און געשריִען „הורא״?

— וואָס דען, ניט?

— מ׳איז זיי נאָכגעלאָפען, אַזוי ווי אונז?

— וואָס דען? מ׳איז זיי ניט נאָכגעלאָפען? — איז ער שוין געוואָרען בייז.

— מ׳האָט זיי אויך גערופען „דאָס פּאָר־פּאָלק״?

איהם האָבען שוין דערעסען איהרע פראַגעס און ער האָט זיך געגעבען אַ ריס־אויס פון איהר, האָט זיך געלאָזט מיט גיכע טריט און שטאַרק וואַרפענדיג מיט די לאַנגע הענד; זי נאָך איהם.

— הורר־אַ!! — האָבען נאָכגעשריִען קליינע חברה.

יעדען שבת האָט דאָס פּאָר־פּאָלק געמאַכט אַ וויזיט ביי די רייכע קרובים. זי האָט זיך פּערפּוצט אין איהר ווייס חופּה־קלייד, ער — אין שוואַרצען ראָק, וואָס דער קרוב האָט איהם געמאַכט צו דער חתונה, און אויפ׳ן קאָפּ דעם האַלבען־צילינדער, וואָס דער קרוב האָט איהם צו דער חתונה געשענקט. אין טאַש האָט ער, ניט קוקענדיג, וואָס עס איז געווען שבת, אַריינגעלעגט דעם פּאַרטאַ־באַק מיט׳ן פערדישען קאָפּ, נאָר אָהן פּאַפּיראָסען. וועגען די פּאַ־פּיראָסען איז אַפילו צווישען דעם פּאָר־פּאָלק פאָרגעקומען אַ סכסוך. זי האָט געזאגט, אַז מען האַלט ניט אין קעשענע קיין פּאַרטאַבאַק אָהן פּאַפּיראָסען, און ער האָט געזאָגט, אַז ס׳מאַכט ניט אויס: ס׳דאַרף נאָר ליגען אַ פּאָרטאַבאַק אין קעשענע איז שוין יוצא.

דאָרט, ביי די רייכע קרובים, זענען פאַרהאַן צוויי טהירען אויף אַריינצוגעהן אין שטוב, איינע אין פראָנט און די צווייטע אַ הינטערשטע. מיט דער פראָנט־טהיר בענוצען זיך אַפילו די בעלי־בתים אַליין זעהר זעלטען, ווייל זי איז ניט בעקוועם צום אַריינגאַנג. און היימישע געסט געהען אויך דורך דער הינטערשטער טהיר. נאָר דאָס פּאָר־פּאָלק וויל ניט אַנדערש, נאָר דורכ׳ן

פראָנט־טהיר אַרײַנגעהן. ער שלעפּט זי אַפילו אַלע מאָל: — קום מיט יענער טהיר! נאָר זי וויל באַין אופן ניט אָבטרעטען פון דער טהיר און רײַסט מורא'דיג דאָס גלעקעל, און אַזוי ווי די פראָנט־טהיר איז ווײַט פון דער קיך און פון דער עס־שטוב, הערט קיינער ניט דאָס קלינגען, פערדריסט עס איהר: זי מײנט, אַז מען הערט, נאָר מען מאַכט זיך ניט הערענדיג.

ענדליך עפענט זײ די דיענסט די טהיר, און ניט ער, ניט זי זאָגען איהר קיינמאָל ניט קײַן „גוט־שבת". ער טהוט־אויס אין פאָדער־הויז דעם הוט און לאָזט זיך פריהער, נאָר פלוצים ווערט ער אָבגעהאַלטען בײַ אַנ'עק פון ראָק: ער ווײסט שוין, וואָס דאָס בעדײַט: ער טאָר ניט געהן פריהער פאַר דער דאַמע. בלײַבט ער שוין שטעהן און זי גיט זיך אַ שנײַד־אַרײַן, ווי אַנ'אָנגעבלאָזענער אינדיק, גיט ווי אַ פערד אַ גרויסען שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זאָגט: „גוט־שבת". ער דאָס זעלבע.

די קרובים און דער זוהן, דער גימנאַזיסט, בעגעגענען זײ פרײַנדליך, מיט אײַנגעהאַלטענע שמײכלען אויף די פּנים'ער, און זײ ווערען באַלד פערבעטען צום טיש, ניט אין גאַסט־שטוב, נאָר אין עס־שטוב. דעם פאָר־פאָלק פערדריסט עס שטאַרק, זיצען זײ בײדע אָנגעבלאָזען, האַפען פון צײַט צו צײַט אַ קוק אײנס אויף דאָס אַנדערע און דער גימנאַזיסט שיסט ענדליך אויס מיט אַ גרויס געלעכטער. זײ וואָלטען זיך בעדאַרפט בעלײדיגען פון דעם געלעכטער, נאָר פערקעהרט, עס טהוט זײ, דאַכט זיך, עפּעס ווי הנאה. זײ וועלען דאָך אויך האָבען אַזאַ זוהן, און ער וועט אויך לאַכען פון זײערע קרובים, וועלכע וועלען צו זײ קומען נאָך דער חתונה. זײ האָבען זיך ניט אײנמאָל אַזוי פערטיעפט אין דעם געדאַנק, אַז זײ האָט זיך געדאַכט, דאָס דער לאַכער איז זײער זוהן און ער לאַכט עס פון יענע קרובים.

מ'האָט זיך צורעדט און יעדעס מאָל פון אײן און דעם זעלבען: די מאַנסבילען פון מסחר: „ווי אַזוי געהען די געשעפטען" און די ווײַבער פון שטוב־זאַכען. די רײַכע קרובה האָט זיך פאַר דער אָרימער בעקלאָגט, אַז זי האָט זעהר אַ שלעכטע דיענסט. די לעצטע האָט אויפגעלעבט, האָט פערגעסען איהר גאַנצע ראָלע, אַז זי וועט אַמאָל זײַן אַ מאַדאַם און איז גאָר קיינמאָל, ווי זי האָט געזאָגט, קײַן דיענסט ניט געוועזען, און האָט אָנגעהויבען שלעכטס

צו רעדען אויף דער דינסט און זיך געלויבט, וואָס פאַר אַ טהוערין זי איז געווען.

— טאַקי אמת — האָט די רייכע קרובה אונטערגעהאַלטען — ביי דיר איז דאָך געהען גאָלד און זילבער אין יעדען ווינקעלע.

— איהר וועט שוין אַזעלכע, ווי איך, ניט האָבען! — האָט זי פרעהליך געזאָגט.

— דו ביזט דאָך אַ גאָלד אַנטקעגען איהר, דיין מאַן מעג זיך מיט דיר טאַקי איבערנעהמען.

זי האָט אַ וואָרף געגעבען די רויטע איינגעלעך אויפ'ן מאַן און געזאָגט:

— הערסט, וואָס מען זאָגט אויף מיר?

אויף לעצט האָבען זיך ביידע קרובות אויפגעהויבען און אַריינגעגאַנגען בעטראַכטען די קיך, און די געוועזענע „באַרישניע" האָט אין קיך אַלע מאָל אַנדערע חסרונות געפונען.

מיט דעם האָט זיך יעדער שבת דער וויזיט געענדיגט.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס פּאָר־פאָלק האָט אָבגעלעבט אַ יאָהר צייט אין עלענד און דחקות און די פערדינסטען זענען ניט געוואָרען גרעסער, ווי נאָך דער חתונה, האָבען זיי דאָך ניט אויפגעהערט צו גלויבען, אַז זיי וועלען זיין גבירים. זי האָט אפילו אַ ביסעל דאָס געדולד פערלאָרען איבער איין זאַך: איהר האָט זיך שטאַרק געוואָלט האָבען אַ דינסט. צו האָבען אַ דינסט האָט זי נאָך מעהר געגאַרט, ווי צו ווערען אַ גביר'טע; חאָטש זי האָט זי אייגענטליך ניט בעדאַרפט, פאַר דער „מאַדאַם" אַליין האָט אויף איין שעה קיין אַרבייט ניט געקלעקט; אָבער ניט צוליעב דער אַרבייט האָט זי געגאַרט אַ דינסט צו האָבען, נאָר זי האָט געוואָלט זיין אַ מאַדאַם איבער אַ דינסט. פאַר איהר וואָלט אפילו רעכט געווען, די דינסט זאָל גאָר ניט טהון. אַבי אַ מאַדאַם צו זיין, נאָר געוועהנליך, יענע זאָל איהר אַנדערש ניט רופען, ווי „מאַדאַם", זאָל לאָזען אָנשרייען אויף זיך און חאָטש איין מאָל אין וואָך רייסען ביי די האָר. איבער דעם, וואָס זי

וועט אזוי גיך קיין דיענסט ניט האבען, האט זיך די „מאדאם“ זעהר אפט אנגעהויבען זארגען... אויב ניט קיין גאנצע דיענסט, זאל חאטש זיין א קליין שיקסעלע... זי וואלט פון איהר מויל אבגעריסען און וואלט איהר געגעבען עסען. חאטש אויף א קורצע צייט, חאטש אויף איין חודש, פערזוכען דעם טעם פון האלטען א דיענסט, און בעזונדער האט זיך עס איהר שטארק געוואלט דערפאר, וואס זי וואלט געווען איינע אין די שמאלע געסלעך, וואס האלט א דיענסט.

ער האט פערלארען דאס געדולד גאר איבער אן׳אנדער זאך. עס איז שוין אריבער א יאהר און דאס ווייב ווערט נאך ניט קיין מוטער. ער האט געגארט, עס זאל וואס גיכער געבוירען ווערען דער זוהן, וועלכען מ׳וועט דארפען אבגעבען אין גימנאזיע און דערנאך אוועקשיקען איהם קיין אויסלאנד ענדיגען אויף דאקטאר; ער האט דאס שוין געוואלט וואס גיכער דערלעבען, און דא האט זי נאך אפילו ניט אין זינען צו פערגעהן מיט דעם זוהן אין טראָ-גען, און איהם האט זיך געדאכט, אז זי האלט-אב דאס מזל...

איינמאל איז ער ארויפגעקומען מיט׳ן פאק סחורה, א פער-פרווירענער, א בייזער, האט ארוואגעווארפען דעם פאק אויף דער פאדלאגע מיט אזא אימפעט, אז עס האבען א ציטער געטהון די שויבען. ער איז גלייך צו צו איהר מיט אזא טענה:

— הער נאר, פארוואס ווערסטו נאך ניט קיין מאמע, פאר-וואס?

זי האט זיך באלד געאיילט צו ענטפערן, אז די קרובה זייערע האט ערשט דריי יאהר נאך דער חתונה געהאט דעם זוהן...

ער איז אפילו מיט דעם ענטפער ניט געבליבען גאנץ צו-פריעדען, נאר דערפאר האט זיך צו איהם צוריקגעקעהרט די גאנצע האפנונג און ביידע האבען צופריעדענע אבגעגעסען וועטשע-רע און זיך געלעגט שלאפען מיט׳ן פולען גלויבען, אז אין צוויי יאהר ארום וועלען זיי האבען א זוהן און דאמאלס וועט זיך עס אנהויבען דאס גליק...

II

אויף זיין אָרט.

אַ נידעריג קויטיג יודעל מיט אַ קליין בערדיל. אַ ברייטער שטערן און אַ שמאָלע, שפּיציגע געמבע. אויגען שאַרפע, שרעקליך טרויעריגע און שרעקליכער, דאַכט זיך, איז דאָרט עפּים אונטער די אויגען. דאָרט, אונטער די אויגען, ליעגט עפּים טיעף בעהאַלטען אַזאַ כעס, וואָס ער וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט אַרויסרעדען. אויערן האָט ער גרויסע, אָבגעשטאַנענע, און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט אַנ׳אויסזעהן פון אַ בייזען קלוגען הונד, וואָס בילט קיינמאָל ניט, נאָר שטיל, בגנבה לויפט ער אונטער און גיט אַ ביס...

אַז מ׳רעדט צו איהם, האַלט ער די אויגען אַראָבגעלאָזען, און ווערט מען אַנטשוויגען, הויבט ער זיי אויף און גיט דיך אַ שנייד אַריין מיט אַ בייזען בליק אין די אויגען אַריין. אינגאַנצען זיין אויסזעהן: אַ בעוועגליך שטיק טרויעריגע שטילקייט...

דאָס ווייבעל זיינס: קליין געוואַקסען אַזוי ווי ער. דאָס פּנים קיילעכדיג ווי אַ ברוקווע, מיט אונגעוועהנליך קליינע אויערלעך, און גרויסע שעפּסען-אויגען...

דאָס פּאָר-פאָלק זעהט אויס ווי קיינמאָל ניט דערשלאָפענע. איינס מיט דעם צווייטען ריידען זעלטען, חאָטש זיי זענען נאָך קיינמאָל ברוגז ניט געווען, און עס דאַכט זיך, אַז עס דרעהען זיך איינער נעבען אַנדערן צוויי פרעמדע מענשען אַרום. ער, ווען מ׳זאָל איהם זעהן: זומער צי ווינטער, ביי-טאָג צי ביי-נאַכט, אין שטוב צי אין דרויסען, געהט תמיד אָנגעטהון דעם גראָבען

פאלטא זיינעם, וועלכער גרייכט איהם ביז די קניע. די פאלעס הינטען, שטעהען קיילעכדיג אב, און וואס איז דארטען ניטא אין די פאלעס! אלץ, וואס א מענש ברויכט: ברעקלעך פון ברויט, טשוועקלעך, שטריקלעך און שטיקלעך ציגאר. ער לאזט אמאל אראב די הענד אהינצו, ווען איהם פעהלט אוים צו רויכערן, און שלעפט ארוים עטליכע שטיקלעך און פערדרויכערט איינם אן דאס אנדערע.

די וואוינונג זייערע בעשטעהט פון איין שטיבעל מיט א קיך. דאס שטיבעל איז קליין, פיער-עקעכיג מיט איינעם א גרויסען פענסטער — דריי שויבען אין דער ברייט, און דאך איז אין שטיבעל פינסטער, ווייל אנטקעגען, אנ׳ארשין אנדערטהאלבען, שטעהט א הויכע געמויערטע „פייער-וואנד“.

דאס פאר-פאלק איז ארים. נישט איינמאל פעהלט אוים אויף ברויט.

דריי יאהר נאך זייער התונה איז ביי זיי א קינד געבארען געווארען. ניט דער טאטע און ניט די מאמע האבען זיך שטארק געפרעהט. דוכט זיך, עס וואלט זיי ביידען ניט געארט, אז עס וואלט נישט געקומען אויף דער וועלט. ווען דאס קינד איז אלט געווארען א פאר וואכען, האט די מאמע דערזעהן, אז עס איז אינגאנצען אין טאטען געראטען. זי האט עס איהם געוויזען, מיינענדיג, אז איהם וועט עס הנאה טהון, נאר פונקט פערקעהרט: זיין אומעטיג פנים איז נאך טרויעריגער געווארען; ער האט א קוק אויפ׳ן קינד געגעבען און האט זיך אבגעדרעהט, איז צוגעגאנגען צום פענסטער און געקוקט אין שמאלען געסיל אריין, און אין א פאר מינוט ארום איז ער אבגעגאנגען פון פענסטער און האט זיך געהייסען וויזען דאס קינד און האט געקוקט אויף דעם א פאר מינוט מיט א שטיל שווייגעניש. און ווען די מאמע פונ׳ם קינד האט געהייסען דעם טאטען עס א קוש געבען, האט ער אויף איהר א שטרענגען קוק געטהון, האט זיך אויסגעדרעהט און אויסגעשפיגען...

אין א חודש ארום האט זיך אלץ בולט׳ער און בולט׳ער בעוויזען, אז דאס קינד איז אינגאנצען דער פאטער: די זעלבע אויגען, די גרויסע אבגעשטאנענע אויערן און די שמאלע הינדטישע געמבע. און ווען עס איז אלט געווארען א יאהר אנדערטהאלבען,

האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אינערליך איז עס אויך אַזוי ווי דער טאַטע. דאָסזעלבע אומעטיגע שאַרפע קוקען, און די שטילקייט. עס האָט זעלטען-ווען געוויינט, און דאָס אויך נור איין מינוט און — שאַ! נאָר פֿערפאַר איז דאָס קורצע געוויין געווען אַזוי טרויעריג, אַז עס האָט אויפגעריהרט די טיעפסטע וועהטאָגען אין האַרצען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וויינט דער גאַנצער מענשליכער צער, דאָס גאַנצע אונזיניגע מאוס'ע לעבען. דער פאָטער, הערענדיג דאָס געוויין, האָט זיך מאוס, עקעלהאַפט פערקרימט און געביסען די ליפ.

ער האָט פיינט געהאַט דאָס קינד. ער האָט אין דעם קינד זיך געזעהן, זיין אייגענעם פּרצוף, וועלכען ער האָט אַזוי פיינד געהאַט. איהם איז עס פאָרגעקומען, ווי מען וואָלט איהם אַזאַ צו-להכעיס אָבגעטהון, עפּיס אַ מין פערבאָרגען שפּיצעל.

אַז דאָס קינד איז אויסגעוואַקסען, איז אין שטוב געוואָרען נאָך איינגער. ווען דער טאַטע מיט'ן קינד האָבען זיך מיט די אויגען בעגעגענט, איז פאָרגעקומען עפּיס אַזוינס, וואָס איז שווער איבערצוגעבען. דאָס קינד האָט אַ געשריי אַרויסגעלאָזט און איז צו דער מוטער אַנטלאָפען און האָט זיך געגראָבען מיט'ן קעפּיל אין איהר קליידעל, געוואָלט זיך בעהאַלטען אין געצאַפּעלט. האָט די מוטער געוואָלט ערגיץ אַוועקגעהן, האָט דאָס קינד שרעקליכע געוואַלדען געמאַכט, באין-אופן ניט געוואָלט בלייבען אַליין מיט'ן פאָטער.

— נעהם איהם מיט... פלעגט ער אַם ענדע אַרויסזאָגען בייז.

פונקט אַזוי ווי דאָס קינד האָט מורא געהאַט צו בלייבען מיט איהם אַליין, האָט ער אויך מורא געהאַט דערמיט צו בלייבען. איהם האָט געשראָקען דאָס קליינע מענשעלע, וואָס איז אינגאַנצען ער. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל דעם מענשעלע עפּיס ניט טהון... און אַזעלכע געפיהלען, ווי צו טהון שלעכטס דעם קינד, האָבען זיך ביי איהם ניט איינמאָל דערוועקט. חאָטש דאָס שלעכטס, וואָס איהם האָט זיך געגלוסט טהון מיט'ן קינד, האָט ניט געהאַט קיין דייטליכע פאָרם — עפּיס ניט שלאָגען און ניט שמייסען דעם קינד האָט זיך איהם געוואָלט, נאָר עפּיס אַנדערש,

אַזעלכעס, וואָס האָט איִהם געשראָקען און שרעקליך געזויגען.

אין זײַנע אויגען איז דאָס קינד געווען אַ נאָכקרימעניש פֿון איהם. עס איז געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט, אום חוזק צו מאַכען פֿון איהם. זײַן פֿינסטער מזל האָט עס איהם אָבגעטהון. דעם קלײַנעם מענשעלע האָט נור געפֿעהלט אַ באָרד מיט וואָנסען, וואָלט עס שוין געווען אינגאַנצען „ער“, און ווען ער האָט דערפֿון אַ טראַכט געטהון, איז איהם אַ שוידער איבערגעגאַנגען איבער׳ן גאַנצען קערפּער.

שפּעטער האָט זיך בײַ איהם אָנגעהויבען וועבען אַ געדאַנק, אַז צוויי אײַנע און די זעלביגע מענשען קאָנען און טאָרען אין איין שטוב ניט זײַן. צוויי אײַנע און די זעלבע נעמען, ווייסט ער, שאַדט אויך אין אַ שטוב. און איהם איהם איז אײַנגעפֿאַלען, אַז ער מוז שטאַרבען, — בלײַבען וועט דאָס קינד... דאָס האָט מען איהם אומישנע אַזאַ קינד צוגעשיקט, עס זאָל בלײַבען אויף זײַן אָרט. אײַנער אַזעלכער, אַזוי ווי ער, מוז זײַן אויף דער וועלט, נאָר באַין אופֿן ניט — ... צוויי

ער האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו האַסען. ער האָט געזעהן ווי ווײַט מעגליך, וואָס ווינציגער אין שטוב צו זײַן.

שפּעט בײַ־נאַכט. אויף׳ן טישעל איז דאָס קלײַנע לעמפּעלע געשטאַנען. דאָס פֿײַער טיעף אַראָבגעדרעהט אויף אַזוי פֿיעל, אַז עס שפּירט זיך ניט קײַן ליכטיגקײַט אין שטיבעל. ליכטיג איז נור אין דער מאַשינקע און אין בײַדע זײַטען גלעזיל איז קוים צו בעמערקען צוויי העלע לאַנג־ראָזע פּאַסען, וואָס שלאָגען פֿון שוואַרצען קאָלפּאַק׳ל. אויבען אויף׳ן סופֿיט אַנטקעגען לעמפּיל איז יאָ געווען צו בעמערקען אַ קײַלעכדיגע העלע שטיק, און דאָס האָט גיכער אויסגעזעהן, ווי אַ ליסענע אויף דער פֿינסטערניש. עס איז שטיל. פֿון צײַט צו צײַט הערט זיך אַ קוויטשערײַ פֿון מײַז און אַ געלויף. עס איז נור שווער אונטערצושײַדען, צי קומט עס פֿאַר אונטער דער פּאָדלאָגע, צי אויף דער פּאָדלאָגע...

ער שלאָפֿט ניט און עס פֿערדריסט איהם שטאַרק אויף די

מײַז. די קאַץ, די פֿוילע נבלה, פֿוילט זיך אויפֿצושטעהן, און אפשר האָט זי גאָר מורא פֿאַר זײַ — גרויסע שטשורעס. ער האָט אויך געהערט דעם ווײַב'ס עטעמען און קינד'ס, וועלכע זענען אַנטקעגען אין בעט געלעגען. ער האָט זיך אײַנגעהערט צום קינד'ס עטעמען און צו זײַנעם, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ביידע עטעמען טיט איין און דעמזעלבען אָטעם, און געטראַכט האָט ער שוין, אַז געבען דעם ווײַב ליעגט ניט דאָס קינד, נאָר „ער", און ער אַליין איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, חוי ארומער „ניטאָ", איז איהם אין דער מינוט ניט אינטערעסאַנט געווען, ווײַל איהם האָט גאָר פּלוצים אָנגעהויבען צו געפֿעלען דאָס גאַנצע שפּיצעל וואָס, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, דאָס פֿינסטערע מזל האָט איהם אָבגעטהון — געגעבען איהם אַ מענשעל אַזעלכען, וואָס איז שוין איינמאָל דאָ, אַזעלכען, ווי ער איז אַליין. און וואָלט ער זיך ליעב געהאַט, וואָלט ער אָהן צווײַפֿעל אויך דאָס קינד ליעב געהאַט, נאָר ער האָט זיך שרעקליך פֿײַנד געהאַט... עפּיס אַ שטענדיגע פֿײַנדשאַפֿט, וועלכע האָט אַמאָל אפילו דערגרייכט ביז אַ ברענענדיגען האַס צו זיך, איז ערגיץ תמיד בײַ איהם אין האַרצען געלעגען און דערצו — די אָרימקייט! די ביידע האָבען זיך בײַ איהם אין איין שוואַרצען, מאוס'ן שטיק צונויפֿגעגאָסען און דאָס איז געווען — ער... טראַכטענדיג פֿונ'ם קינד, וועלכעס איז נעבען ווײַב געלעגען, האָט ער ניט ווילענדיג אויך אָנגעהויבען צו טראַכטען פֿון איהר, און זיך דאָס ערשטע מאָל, זינט ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט, געפֿרעגט: צי איז זי אַ שענע, צי אַ מאוס'ע, און נאָך אַ פּאָר מינוט קלערען איז בײַ איהם געבליבען — ניט קיין מאוס'ע. און ס'האָט איהם שטאַרק פֿערדראָסען, פֿאַרוואָס דאָס קינד איז בעסער אין איהר ניט געראָטען. וואָס עפּיס פּונקט אין איהם?...

אין שטיבעל האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, ווען אין דרויסען איז שוין לאַנג גרויסער טאָג געווען. פֿויל און פֿאַמעליך האָט זיך דער גרויער ווינטער־טאָג פֿון דער הויכער „פֿײַער־וואַנד" געגליטשט. אין שטיבעל האָט אַלץ אויסגעזעהן אומעטיג, פֿערזאָרגט און אײַנגעהילט אין אַ גרויער טונקעלקייט.

פֿון ערגיץ־וואו האָט זיך די קאַץ אין מיטען שטוב בעווי־

זען. אַ שוואַרצע קאַץ מיט העלע פלעקען, מיט שטילע קעציִשע טריט. צו־שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, האָט זי זיך פּאַמעליך אונטער׳ן טיש געלאָזט און דאָרט האָט זי אָנגעהויבען צו שמעקען, און ניט געפינענדיג גאָרנישט, איז זי פון אונטער׳ן טיש אַפּער, האָט אַ קוק געחאַפּט אויף די דריי קעפּ אין די בעטען, האָט אַ ברייטען געניץ געטהון, בעוויזענדיג די שיטערע שפּיציגע צייהן. נאָכדעם האָט זי געגעבען אַ ציה אויס די פאָדערשטע לאַפּעס מיט אַרויס־געלאָזטע נעגעל, האָט זיך אויסגעהאָרבעט ווי אַ קעמעל, און נאָכדעם אַ שטילען, גלאַנצענדיגען קוק איבער דער שטוב געוואָר־פען, און איז זיך צוריק אויף איהר אָרט אַוועק.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעחאַפּט מיט אַ געוויין. די מוטער האָט עס באַלד דערהערט און מיט אַ פערשלאָפענעם ש־ש־ש און מיט אַ קוש אין בעקיל האָט זי עס איינגעשטילט. דעם פאָטער האָט דער קוש עפּיס ווי אויפגערייצט. ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט געקושט און איהם אויך קיינער ניט. אפשר ווען ער איז נאָך גאָר אַ פּיצעלע געווען, האָט איהם די מאַמע געקושט. ער גע־דענקט זי ניט. דעם פאָטער — אודאי ניט. די מוטער האָט מיט איהם געטראָגען, ווען דער פאָטער איז געשטאָרבען. מסתמא האָט דער פאָטער אויך אַזאַ פּנים, געהאַט ווי ער. פרעמדע מענשען האָבען איהם אויסגעהאָדעוועט. ערגיץ אינווייניג האָט זיך ביי איהם אַ קנאה צום קינד דערוועקט. ער האָט געוואָלט, עמיץ זאָל איהם אויך אַ קוש געבען. אַ קלעמענדיגער וועהטאָג האָט זיין האַרץ אַרומגענומען, ער האָט אַ גרויען אומעטיגען קוק אין שטוב גע־וואָרפען און אויפ׳ן טיש און האָט זיך דערמאָהנט, אַז אין שטוב איז קיין פּיצעל ברויט ניטאָ, קיין קלעציל צוקער, קיין ברעקיל האָלץ — קאַלט! ער דאַרף אַרויסגעהן אין גאַס אַ ניכטערער, אַרומדרעהן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אויפ׳ן וואָקזאַל, פּאַקען אַ פּאַסאַזשיר, חאַפּען ביי איהם דאָס פּעקיל און פאַר עטליכע קאָ־פּיקעס טראָגען ווער ווייסט וואוהין. עס טרעפט, אַז ער האָט דאָס אויך ניט...

ער האָט זיך אָנגעטהון, אפילו זיך ניט אַרומגעוואַשען און זיך געלאָזט צו דער טהיר. נאָר ער איז פּלוצים שטעהן געבלי־בען, ווי עפּיס געהיימעס, שרעקענדעס וואָלט איהם פערהאַלטען. ער איז געשטאַנען אַ מינוט צייט, האָט מיט אַ פערקלעמט האַרץ

געקוקט אויף די צוויי קעפּ אין בעט, איז ענדליך אויטאָמאַטיש צו זיי צוגעגאַנגען, האָט זיי ביידע צו קושען געגעבען און איז פון שטוב אַרויס...

שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה האָט מען איהם אַ היים געבראַכט אויף צווייען אַנ׳איבערגעשניטענעם.

III

ווינטער

די בוידעמער, ביז מען מאכט די פאר בוידעם־שטיבלעך, שטעהען דערווייל ניט לעדיג. יעדער שמאל־געסעלדיגער, אויף וויפיעל ער איז ארעם, קאן זיך דאך זיין ביסעל ארימקייט אין שטוב ניט אויסשטעלען און מוז א סך בעל־הבית׳ישקייט ארויפשטעלען אויפ׳ן בוידעם. ווער שמועסט, ווען ס׳פאלט אהין אריין א געפאלענער גביר, ביי וועלכען עס איז נאך געבליבען א ביסעל מעבעל, שטעהט עס אין גאנצען אויפ׳ן בוידעם אויסגעשטעלט, פונקט ווי עס איז א מאל געשטאנען אין שענעם סאלאן; נאר אויפ׳ן בוידעם זעהט עס אויס אזוי טרויעריג, מאכט אזא שלעכטען איינדרוק, אז ווען ס׳קומט עמיצער פון דער פאמיליע ארויף, מוז ער ארויסלאזען א פאר טרערען פאר׳ן מעבעל, וואס שטעהט נעביך איצט אזוי פערלאזט, בעדעקט מיט א געדיכטען גרויען שטויב. און ניט נאר אזעלכע זאכען שטעהען דארט, וואס מ׳קען זיך אהן זיי בעגעהן, נאר אויך אנדערע, וואס מ׳דארף זעהר אפט צום ניצען, ווי א שטייגער, א זאלץ־ברעטעל, א לאקשען־ברעט, א מולטער און נאך אזעלכע זאכען, און די ווייבער מוזען נעביך אלע מאל קריכען אויפ׳ן בוידעם און פערשעלטען זיך, ביי יעדעם מאל, דאס געביין. וואלטען חאטש טרעפ געוועזן! נאר דא קומט אויס צו קריכען אויף פראסטע לייטערס, אויף דינע שטאפלען און עס פאלט זיי די נשמות ארויס: אט ברעכט זיך אונטער א שטאפעל און זיי פליהען אראב. נאך שרעקליכער זענען די לייטערס פאר מעוברת׳ע ווייבער, זיי בעגיסען זיך מיט שווייס ביז זיי דערלאנ־

נען צום בוידעם. עס האָט שוין אַמאָל געטראָפען, אַז ס'איז אַראָב געפאַלען אַ מעוברת'ע יודינע און איז אויפ'ן אָרט גע'הרג'ט געוואָרען. זי האָט נאָר איין געשריי געטהון. און ווען מ'איז אַרײַנגעלאָפען, איז זי שוין געלעגען מיט איבערגעקעהרטע ווײַסלען...

פאַר יום־טובים בעזעצט מען דאָרט עופות אויף כפרות. דעמאָלט ווערען די בוידעמער גאָר אויפגעלעבט. עס קרעהען העהנער און קלײנע העהנדעלעך ווילען נאָכקרעהען, מאַטערען זיי זיך מיט אַלע כוחות, ווי זיי וואָלטען וועלען ווײַזען זייערע יונגעלעך, וועלכע דאַרפען מיט זיי כפרות שלאָגען, אַז זיי קאָנען אויך דאָס זעלבע, וואָס די גרויסע העהנער. חוץ די העהנער מיט די הינער, זיצען נאָך קאַטשקעס מיט קאַטשערס אויך. אַמאָל געפעלט ווערען מיט אַ קאַטשקע צו שלאָגען כפרות; די העהנער קרעהען, נאָר די קאַטשקעס שווײַגען אויך ניט און רײַסען זיך אויף זייערע געזונדטע הייזעריגע קולות. טרעפט ערגעץ וואו אַ בוידעם, וואו ס'איז נאָך דאָ אַ אינדיק אויך, חלילה ניט אויף צו שלאָגען מיט איהם כפרות — צו שווער — נאָר גלאַט אַזוי זיך אויף פלייש, ערגעץ אויסגעבעטעלט ביי אַ פריץ, שווײַגט דער אינדיק אויך ניט און רוליגעט אַלע מאָל פון אַ בוידעם אַראָב נאָך יעדען געשריי און נאָך יעדען פײַף, וואָס אַ יונגעל גיט דאָרטען דורכגעהענדיג. מיט דעם ענדיגט זיך דער רוישענדער קאָכעדיגער זומער.

נאָך יום־טובים הויבט אָן ווערען שטיל אין די שמאָלע געסלעך. מ' פיהלט, ווי דער רעש הויבט אָן צוביסלעכווייז אָבצופאַלען, אָבפאַלען, ווי אַנ'אָנגקומען גרוים וואַסער. פון צייט צו צײַט הייבען זיך אָן גרויע פערחמאַרעטע הימלען צו בעווײַזען און עס הויבט־אָן צו רעגענען, ס'ווערט אַ שוואַרצע געדיכטע בלאָטע און די בלאָטע ווערט אַרײַנגעטראָגען אין די שטיבער און די פאָדלאָגעס ווערען שוואַרץ, פונקט ווי אין דרויסען די ברוקען. פון די בוידעמער ווערען אַראָבגעטראָגען די דאָפעלטע פענסטער, פערשטויבטע, פער'חושכ'טע, מיט שפינוועבס; ס'ווערען פערקלאַפט און פערשטעקט די טהירען און וואו עס געפינען זיך צוויי טהירען, ווערט איינע אינגאַנצען אַרומגעשלאָגען מיט ברעטלעך און מיט צוועקעס, ווי אויף אייביג, ווי ווען עס וואָלט שוין גאָר קיינמאָל קיין זומער ניט זיין.

אַלע לאָזען די קעפּ אַראָב. אַ טרויער פערציהט זיך אום איבער

די שמאָלע געסלעך. דער ווינטער — אַזוי פרעמד, אַזוי ניט צום האַרצען — קומט אַלע מאָל אומגעריכטערהייד: קינדער געהען נאָך באָרוועס, די פיסלעך זענען נאָך אַפילו שוואַרץ און צוטראָסקעט ביי זיי פונ׳ם אַרומלויפען. די ווייבער אין אײנע סיצענע קליידלעך, די מאַנסבילען אין קאָרטענע חאַלאַטלעך, אָבגעקראָכענע פון דער זון. נאָר זומער האָט מען דאָס נאָך געקאָנט טראָגען; איצט מוז מען שוין טראַכטען וועגען אַ וואַרימען מלבוש, וועגען שיך פאַר די קינדער,—דאַכט זיך, גאָר אַן׳איבעריגע הוצאה.

דער ווינטער רוקט זיך, און פאַר די ערד-שטיבלעך איז עס נאָך ערגער פון אַ „ווינטער"; פאַר די ערד-שטיבלך איז עס אַ גרויסע זעקס-חדשים׳דיגע קאַלטע נאַכט, וועלכע עסט זיך דאָרטען איין אין די ווענד און מאַכט זיי נאַס און טונקעל. און די טעג? דאָס זענען קיין טעג ניט, נאָר גרויע פלעקען אויף דער נאַכט, וועלכע גיעבען זיך אַ וויי און בלייבען ניט.

אין די קעלערס קלייבט זיך די נאַכט אַריין, די גרויסע, קאַלטע, גרוי-געפלעקטע נאַכט, און שטיל שווייגענדיג הויבט אָן צו צווילען דאָס אַלטוואַרג, וואָס געפינט זיך אונטער די בעטען, אָדער אונטער אַ קאַסטען, ביי אַ וואַנד. ליגען ערגעץ אַ פּאָר אַלטע צוריסענע שטיוועל, ווערען זיי אינגאַנצען וויים, ניט וויים, נאָר גרוויליך-וויים, און עס דאַכט זיך, אַז דער ווינטער וויל דעם זומער נאָכקרימען און גיט פון זיך אויך עפּעס אַ מין בליהונג אַרויס, אַזאַ מין פייכטע, אַזאַ מין העסליך ג[illegible]שיגע מיט אַזאַ מאוס׳ען פערשטיקטען ריח, וואָס רייסט אַזש אין האַרצען.

וואו-ניט-וואו געהט ערגעץ פון אַ ווינקעל צווישען צוויי ווענד עפּעס אַ מין געוויקס אַרויס, עהנליך צו אַ שוואָם, אַ טונקעל-גרינגע שוואָם, ניט פאַר מענשען צו עסען, נאָר פאַר׳ן טייוועל, און ס׳דאַכט זיך, אַז ער וואָלט זיך אויך מיט איהם געע׳סס׳ט. דער שוואָם איז פונקט צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער שטימונג אין שטוב, און מאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק. עס דאַכט זיך, אַז דער אומעט, וואָס ליגט איבער דער גאַנצער שטוב און איבער די ווענד צוגאָסען, האָט פון אַ ווינקעל אַ שטיקעל פנים אַרויסגעשטעקט... און שטיל, טרויעריג, שטעהען די ווענד, פון וואַנען דער פנים קוקט אַרויס. עס דאַכט זיך, אַז זיי

לײַדען אַ שרעקליכען װעהטאָג פון דעם צרעת, װאָס האָט זיך אין זײַ אײַנגעפרעסען און װיל פון דאָרטען ניט אָבטרעטען.

אַ װײַסען שנײַ איז זעלטען װען צו זעהען אין די שמאָלע געסלעך, סײַדען װען ער פאַלט אוים בײַ נאַכט, װי בגנבה, פאַר די שמאָל־געסעלדיגע, װעלכע זענען גאָרניט קײַן אָנהענגער פון װײַסקײַט און רײַנקײַט, און װען עס פאַלט בײַנאַכט אוים אַ שנײַ, זעהען אוים די געסלעך אַזוי יום־טוב׳דיג און אין דעם שטילען װײַ־סען יום־טוב, פיהלט זיך אַזאַ טרויעריגע בענקשאַפט, װי עמיצער װאָלט אויף עמיצען געװאַרט. און דער שנײַ צולעגט זיך אומעדיג, װאו ער קאָן נאָר צוטרעטען — אויף די דעכער, אויף די בריק־לעך, אויף די פאָרענטשעס פון די בריקלעך, פערשיט אפילו אַ מאָל שטיקער טהירען אויך, און װאָס װײַטער אין דער נאַכט אַרײַן, װערט אַלץ װײַסער און שטילער, שטילער און װײַסער, און עס דאַכט זיך, אַז די שטילקײַט שפּרײַט דעם שנײַ, אָדער דער שנײַ אַלײן זעהט אוים װי אַ װײַסע, קאַלטע, טרויעריג־בענקענדיגע שטילקײַט, װאָסס פאַלט פונ׳ם שטילען טרויעריגען הימעל אַראָב...

נאָר גאַנץ פריה, װען עס עפענט זיך נאָר אַ טהיר, װערט שוין אַ גרויסער געלער פלעק און נאָכדעם אַ צװײַטער און אַ דריטער, אַזוי װײַטער און װײַטער, און שפּעטער, װערען פון די געלע פלעקען גאַנצע בערגלעך מיסט; דער שנײַ װערט שװאַרץ, פון ערגעץ װײַזען זיך חזרים און הינט, װעלכע הויבען אָן צו זו־כען און צו שמעקען. גיט אַ מאָל אַ הונד אַ ביס דעם חזיר בײַ׳ם אויער, לאָזט זיך דער קול װײַט הערען, געפינט דער הונד אַ ביין, זעצט ער זיך רוהיג אַװעק און נעהמט זיך צו דער „אַר־בײַט“, און דײַטליך הערט זיך דאָס קנאַקען פונ׳ם ביין. װי פונ׳ם הימעל אַרוים, װײַזען זיך שװאַרצע ראָבען, אײַניגע פון זײַ שטעלען זיך בײַ די חזרים אויף די רוקענס און שטעהען לאַנג, אַזוי װי דאָס װאָלט זײַער אײַנציגער ציעל געװען.

און װאָס דער טאָג װערט גרעסער, װערט אין די שמאָלע געסלעך אַלץ קויטיגער און קויטיגער, און פון דעם װײַסען פינ־קלענדיגען שנײַ בלײַבט אפילו קײַן זכר ניט...

קאזאקען.

אין אַ ערד=שטיבעל מיט דריי=קאַנטיגע פענסטער, וועלכע קוקען זיך אָן מיט דער שוואַרצער, פייכטער ערד, וואָס ליגט זיי תמיד ענטקעגען, ווי אַ שטיק פערגליווערטע נאַכט, וואוינט אַ גרויסע פאַמיליע, וועלכע מען רופט אין די שמאָלע געסלעך „קאָזאַקען".

די אמת'ע נעמען זייערע ווייס קיינער נישט, סיידען גאָר די נאָהענטע שכנים, וועלכע וואוינען מיט זיי אַ טהיר נעבען אַ טהיר. די „קאָזאַקען" זענען שוין פון לאַנג בעוואוסט אין די שמאָלע געסלעך, חאָטש תחלת זענען נאָך קיין סך קאָזאַקען ניט געווען, נאָר איין קאָזאַק מיט איין קאָזאַטשקע; נאָכדעם האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען קאָזאַקלעך און קאָזאַטשקעלעך, און ווען די צאָהל זייערע האָט דערגרייכט ביז'ן האַלבען טוץ, האָבען זיי אָנגעהויבען אַוועקמאַרשירען אויף יענער וועלט, נאָר אויף זייער אָרט זענען אָבער באַלד אָנגעקומען אַנדערע. געמאַכט האָט זיך אפילו איינמאָל, ווען די קאָזאַטשקע איז געלעגען אין קימפעט און נעבען איהר איז געלעגען אַ קליין קאָזאַטשקעלע און געגוואַלדעוועט, איז אויף דער ערד געלעגען מיט שוואַרצען איבערגעדעקט אַ קליין קאָזאַקעל און געשוויגען... נאָר אַז עטליכע יאָהר כסדר האָט זיך כמעט יעהרליך געמאַכט אַ לויה מיט אַ ברית, איז שוין גאָר קיין נייעס ניט געווען. נישט קוקענדיג אויף דעם איז דאָך דאָס פאָר=פאָלק געזונד

און שטאַרק. מעהר ווי דריי טאָג איז די קאָזאַטשקע אין קימפעט נישט געלעגען, אויפ׳ן פיערטען טאָג איז זי שוין אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און געטהון אַלע אַרבייטען און גאָר נישט — ווי זי וואָלט ניט קיין קינד געהאַט, נאָר אַנ׳איי געלעגט.

א באָבע האָט מען נאָר צו די ערשטע פּאָר קינדער גערופען, נאָכדעם האָט זיך דער קאָזאַק, וועלכער איז תמי׳ד געשטאַנען ביי׳ם „האָבען״, אויסגעלערנט די מלאכה און האָט אַליין מיט זיינע גרויסע, שוואַרצע לאַפּעס דאָס קינד ביי איהר גענומען, און ווען ער איז שוין געווען פאַרטיג מיט דער אַרבייט, האָט ער איהר אַ וואַיז געגעבען דאָס קינד, זאָגענדיג דערביי: „נאַ!״

געהאַט האָבען זיי 15 קינדער, אַ חוץ צוויי מפּיל׳עך און אַ פּאָרעל, וועלכע זי האָט ניט אויסגעטראָגען די גאַנצע ניין חדשים און געבוירען צוויי נאַסע, וואַרימע מתים׳לעך. פון די 15 קינדער זענען אינגאַנצען צוויי געבליבען, אַ מיידעל מיט אַ יונגעל, אויך אַזעלכע געזונדטע, ריעזיגע, ווי טאַטע-מאַמע. די ביידע — דאָס מיידעל מיט׳ן יונגעל — האָבען שוין אויך חתונה געהאַט און האָבען צוזאַמען, אַ חוץ געשטאָרבענע, זעקס קינדערלעך.

דער טאָכטער׳ס מאַן איז טאַקע דעם קאָזאַק׳ס אַ יונגסטער ברודער, וועלכער פערדינט אויך כשר דעם נאָמען קאָזאַק, און צונויפגעפיהרט דעם שידוך האָט טאַקי דער אַלטער קאָזאַק אַליין, און דאָס פּשוט און פּראָסט „פּאַ קאָזאַצקאָמו״:

דער יונגער קאָזאַק איז צוריק מיט אַ יאָהר צעהן געקומען פון סלוזשבע, אַ הויכער דראַגון מיט צוויי געזונדע באַקען און מיט אַ ברייטער פּלייצע. שרה, דעם קאָזאַק׳ס טאָכטער, איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, חאָטש זי האָט שוין אויסגעזעהען, ווי אַ פרוי פון דרייסיג, — אַ הויכע, אַ גראָבע מיט אַ גרויסען, צונויפגעגאָסענעם ביוסט, וועלכער האָט פערנומען כמעט אַ האַלבען פּעדערשטען טייל קערפּער.

באַלד ווי דער דראַגון האָט זי דערזעהן, האָט ער געכאַפּט אַ „קנס״ אויף איהר... אַזוי, „פּאַ דראַגונסקאָמו״... און זי אויף איהם אויך, און איז רויט געוואָרען, ווי אַ לונג.

ביי׳ם מיטאָג, ווען אַלע זענען געזעסען ביי׳ם טיש, און דער אַלטער קאָזאַק האָט נאָך גענומען מעהר אַ ביסעלע, ווי

ער נעהמט געוועהנליך פאר'ן עסען, און האט דאס מאל מכבד געוועז איך דער קאזאטשקע זיינער מיט א האלב גלעזעלע, האט ער עפעס אזוי נעכאפט א קוק און האט בעמערקט, ווי דער ברו־דער זיינער קוקט אויף דער טאכטער, און איהם איז באלד איינ־געפאלען א געדאנק, אז דאס וואלט געוועז א פאר.

— ווי געפעלט דיר עפעס די מויד, א? — האט ער פלו־צים א פרעג געגעבען דעם ברודער.

און די ביידע, דער טאטע מיט'ן פעטער, האבען זיך אנ־געהויבען צו חכמה'נען, שיטען מאוס'ע ווערטלעך אויף איהר חשבון, ווי דאס וואלט נישט געוועז קיין אייגענע נאר א פרעמדע מויד. ענדליך האט דער פאטער געזאגט צום פעטער:

— יואל! דו וואלסט א קונה געוועז אויף אזא מויד? —

און, נישט בעקומענדיג באלד קיין ענטפער, האט ער טרויעריג צוגעגעבען:

— דו ווייסט דאך, אז זי איז ביי מיר איין איינציגע... און איך, ווי דו זעהסט מיך א יודען, פערגין זי ניט א פרעמ־דען... ווער ווייס צו וועמען זי קאן אריינפאלען... און דו ביסט מיין ברודער, וויל איך דיך האבען פאר אנ'איידעם, דו וועסט מיך נישט שעלטען.

די כלה האט זיך אפילו פערשעמט און איז אבגעשפרונגען, ווי א באל פון טיש אוועק. און אט אזוי איז געווארען דער שידוך.

דער זוהן, וועלכער איז עלטער נישט מעהר ווי מיט איין יאהר פון דער טאכטער, איז שטארק ברוגז געווארען, פארוואס מ'וויל דער שוועסטער פריהער חתונה מאכען פאר איהם, און ער האט אנדערש ניט געוואלט, נאר מען זאל איהם חתונה מאכען פריהער, און ווי פון דער ערד האט ער ערגעץ א מיידעל בעקו־מען, האט זי אריינגעפיהרט אין שטוב אריין און געזאגט: „אט איז מיין כלה!” און עס איז קיין ברירה נישט געוועז — דעם זוהן מיט דער טאכטער האט מען אונטער איין חופה געפיהרט.

אלע וואוינען צוזאמען, די מאנסבילען לעבען צווישען זיך זעהר גוט, נאר די קאזאטשקעס פיהרען אפטע מלחמות צווישען זיך, און אם מיינסטען איז אין דעם שולדיג די אלטע קאזאטשקע. זי וויל איבער אלעמען געוועלטיגען. די מאנסבילען, וועלכע פיה־

לען זיך אַ סך שטאַרקער פון איהר, פערשוויגען גאָר. זי זידעלט זיי, און זיי לאַכען, און אַמאָל פערגינט זי זיך אַ צופּ טהון ביי׳ם בערדעל אויך, מאַכען זיי דערפון אויך אַ געלעכטער. נאָר די צוויי ווייבלעך ווילען זיך נישט לאָזען שפּייען אין דער קאַשע, און זעהר אָפט קומט פאַר אַ געשלעג. אויך דאָס געשלעג הויבט פריהער אָן די אַלטע קאָזאַטשקע. זי האָט פיינד, אַזוי ווי אַנדערע ווייבער, צו שילטען. זי פערפאָהרט גלייך אין פּיסק אַריין מיט איהר גראָ=בער, געזונדטער האַנד. קיין אונטערשיעד, ווי דער שנור, אַזוי דער טאָכטער. הויבען זיך אָן די דריי ווייבער צו טשובען, ווערט אַ מין קוויטשעריי, אַ ברוקעריי, ווי להבדיל, צווישען חזרים. די ערשטע צייטען פלעגען זיך די מאַנען זייערע אַריינמישען, און דאָס אַריינמישען האָט געבראַכט צו אַן׳אַלגעמיין געשלעג, טאַקי ווי קאָ=זאַקען שלאָגען זיך. הענד זענען געפאַלען אויף רעכטס און אויף לינקס, און וואו אַ קלאַפּ איז געפאַלען, האָט ניט אויסגעמאַכט, ווייל יעדער איינציגער האָט געוואָלט שלאָגען אַלעמען.

נאָכ׳ן געשלעג איז שטיל געוואָרען, ווי נאָך כפּרות. שאַ, שטיל, ברוגז. די מאַנסבילען, וועלכע אַרבייטען צוזאַמען שוס=טערייַ ביי איין וואַרשטאַטעל, האָבען זיך צוריקגעזעצט צו דער אַרבייט, און די דריי ווייבער האָבען זיך ברוגז׳ע אַרומגעדרעהט איבער דער שטוב, ווי דריי גרויסע גאַלאַגאַן=הינער. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס סקריפּען פון זייערע שיך און אַ קלאַפּען פון האַמערם.

נאָר דער ברוגז האָט לאַנג ניט געהאַלטען. איז דאָס גע=שלעג פאָרגעקומען פאַר מיטאָג, האָט מען זיך נאָך ביי׳ם מיטאָג איבערגעבעטען. און דאָס ניט אויף טרוקען — מען האָט גענומען צו „ביסלעך״, און די ווייבער האָט מען אויך געגעבען צו האַלבע גלעזעלעך. ביי׳ם טרינקען האָט נאָך קיינער נישט גערעדט, נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז עמיצער אַרויס מיט אַ וואָרט, האָט אַ צווייטער געענטפערט, און פאַרטיג — אַזוי ווי עס וואָלט גאָר=נישט פאָרגעקומען, איינס דאָס אַנדערע טרייבט שוין אונטער, מען זאָל עסען; שלום ושלוה! און אַז שלום, איז שלום; איינס פאַר דאָס אַנדערע וועלען זיך לאָזען די נעז שניידען. איז ביי וועמען אַ קינד פערשלאָפט געוואָרען, זענען אַלע דריי ווייבער געזע=סען, און מען איז פון איהם נישט אָבגעטרעטען טאָג און נאַכט,

ביז עס איז געזונד געוואָרען, אָדער געשטאָרבען. און אַז געשטאָרבען, האָט מען וויפיעל לייכטער עס איז דאָ אין שטוב אַרומגעשטעלט אַרום מת׳ל, און געווען איז ליכטיג, ווי פרייטאָג צונאַכטס, און דאָס שוואַרצע בערגעל — האָט זיך געדאַכט — איז גאָר קיין מת׳ל נישט, נאָר אַ פערגליווערטע פינסטערניש, וואָס די ליכטיגקייט האָט פון אַלע ווינקעלעך אַרויסגעטריבען, צונויפגעזאַמעלט אויף איין אָרט און געמאַכט דערפון איין געדיכט, שוואַרץ בערגעל. און די לייכטער מיט די ליכט זענען דעם מת׳ל צוקאָפּען געשטאַנען און געהיט, ווי די וועכטער, עס זאָל ניט ענטלויפען. אַלע קאָזאַקען זענען אַרום דעם בערגעל פינסטערניש געזעסען, און וואָס שטאַרקער זיי האָבען געשריען — האָט זיך געדאַכט — ווערט דאָס מת׳ל אַלץ טיעפער אַנטשוויגען, און ווי זיי וואָלטען עס געפיהלט, האָבען זיי נאָך שטאַרקער אָנגעהויבען צו גוואַלדעווען, און דאָס מת׳ל איז ווי אַ שוואַרץ שטיק שטילקייט געלעגען און האָט זיי געשראָקען מיט אַ מין געהיימען שוואַרצען שרעק. נישט דאָס מת׳ל האָט געשראָקען, נאָר עפּעס אפשר נאָך שרעקליכערס, עפּעס יענץ אונבעוואוסטעס, געהיימעס, וואָס האָט אין שטוב גערוהט, וואָס איז אין די שוואַרצע, נאַסע ווינקעלעך געזעסען פערבעהאַלטען; אָט יענץ, וואָס האָט שוין אַזוי פיעל קינדער צוגענומען... אַלע האָבען געוואוסט, און נאָך מעהרער, געפיהלט, אַז עפּעס די שטוב איז דערצו גורם... עפּעס אַ פערשאָלטענע שטוב, וואו דער מלאך המות האָט אויף עביג צושפּרייט זיינע פליגעל, און זיי ליגען ווי שוואַרצע שאָטענס אויף די נאַסע, קאַלטע ווענד.

אַ שטיק צייט נאָכדעם, נאָכ׳ן קינד׳ס טויט, האָבען זיך מאַן און ווייב געקריגט, איינס דאָס אַנדערע האָט בעשולדיגט אין דעם, וואָס מען וואוינט אין דער שטוב, וואָס מען ציהט זיך נישט אַרויס; נאָר זיי זענען פּאָרט געבליבען. דאָ האָט זיי קיין דירה־געלד נישט געקאָסט: דעם אַלטען׳ס אַנ׳אייגענע שטוב. נאָר צו ביסלעך האָט מען אין דעם קינד פערגעסען, און די קאָזאַקען האָבען ווי פריהער אָנגעהויבען פיהרען זייער רעגעלמעסיג לעבען.

סיי זומער, סיי ווינטער זענען זיי אויפגעשטאַנען 7 אַזייגער אָנגעטהון טלית און תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען. נאָכ׳ן

דאַווענען האָט מען גענומען צו ביסלעך בראָנפען און צוגעביסען מיט דריי גראָשענע אייער־בייגעל — דערפון ווייסען אפילו נישט די קאָזאַטשקעס, דאָס טהוען די קאָזאַקען בסוד: נאָך פון נעכטען אויפדערנאַכט ווערט עס צוגעגרייט, און דאָס פלעשעלע מיט די בייגעל ליגען ערגעץ אין אַ שטיוועל בעהאַלטען.

אַכט, האַלב ניין אַ זייגער וועקט יעדער קאָזאַק אויף זיין קאָזאַטשקע, און די קאָזאַטשקעס וועקען שוין אויף די קליינע קאָזאַקלעך, און עס ווערט לעבעדיג: עסען! טיי! אין אַ פּאָר מינוט אַרום ברענגט אַריין אַ קאָזאַטשקע אַ פאַרטוך מיט פלעצעלעך. די קאָזאַקלעך בעלאַגערען זי, און זי מוז זיך אונטערגעבען און צוטיילען זיי די פלעצלך נאָך פאַר'ן טיי. נאָך די טיי געהען אַ פּאָר קאָזאַקלעך אַוועק אין חדר, און די איבריגע, אויב עס איז זומער, קאָמאַנדעווען זיי אַ גאַנצען טאָג אין דרויסען און ווינטער האַלטען זיי אין איין נאָכשלעפּען זיך נאָך די מאַמעס קליידלעך.

צוועלף אַ זייגער עסט מען מיטאָג. אַלע זעצען זיך אויס ביי איין גרויסען, רויט־געפאַרבטען טיש, וועלכער ווערט פערשפּרייט מיט אַ גראָב, קויטיג טישטוך, פיל מיט לאַטעס. דער אַלטער קאָזאַק שניידט־אָן אַ גרויסען הויפען ברויט, די אַלטע קאָזאַטשקע דערלאַנגט אַ גרויסע שיסעל, וועלכע איז נישט קיין סך קלענער פון די שיסלען, וואָס מען וואַשט זיך אין זיי. דער קליינער חברה גיט מען אַראָב בעזונדער אין קליינע בלעכענע טעלערלעך, און די גרויסע עסען צוזאַמען פון דער איינער שיסעל, פון וועלכער עס זעצט אַ פּאַרע, ווי פון אַ באַליע מיט וועש, און די לעפעל פּאַלען אַהינצו אַריין, ווי אין אַ געדיכטען נעבעל.

דער אַלטער קאָזאַק זיצט אויבען אָן, ביי די זייטען — די יונגע קאָזאַקען, נאָך זיי — די קאָזאַטשקעס און צווישען זיי די קליינע קאָזאַקלעך.

ניין, צעהן אַ זייגער עסט מען וועטשערע, און באַלד נאָך דעם געהט מען מיט די פולע בייכער שלאָפען. אַלע שלאָפען אין איין גרויסען צימער, וועלכעס איז פול אָנגעשטעלט מיט געזונדע הילצערנע בעטען. אַ חוץ די בעטען איז דאָרטען גאָר ניטאָ, נאָר איין אַלטער, צעפּאָהרענער קאָמאָד, וועלכער איז פול אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס. אפילו ניט קיין נוציגע און דאָך ליגען זיי דאָרטען שוין יאָהרען לאַנג: צוריסענע הויזענס, דעם אַלטענ'ס קאַפּאָטע

פון דער חתונה, צוריסענע וועש, אלטע, פערפעצטע קאמזוילען, בליוזקעלעך, סטאניקלעך, טשיפקעס, גראבע מילטענענע מאיטקעס און דעם דראגונ׳ס „דראגונסקי מונדיר” אהן קנעפלעך (די קנעפלעך האבען די חברה אבגעדרעהט)... אויף דעם קאמאד ווערט אנגע־ווארפען אלעמענס אנטון, עס וואקסט אויס א גאנצער בארג פון קליינע הויזעלעך מיט גרויסע הויזען, פון קליינע קליידעלעך מיט גרויסע קליידער, קליינע היטעלעך מיט גרויסע היטלען. אלע טוען זיך אויס און ווארפען אויף דעם קאמאד ארויף. מיט׳ן אויס־טון קרעמפירט מען זיך ניט, ניט די ווייבער שעמען זיך פאר די מאנסבילען, און ניט די מאנסבילען פאר די ווייבער. אין יעדען בעט ליגט א גרויסער מענש מיט א קליין מענשעלע.

פרייטאג האלבען טאג ווערט שבת אין שטוב. די ווייבער פערשמירען דעם טשאלענט, די מאנסבילען לעגען־אוועק די אר־בייט און געהען־אוועק אין באד אריין, מיטנעמענדיג מיט זיך א פאר קאזאקלעך און א קאזאטשקעלע פון א יאהר אכט — ניין, וועלכע געהט אויך אין דעם מאנסבילשען באד אריין, און ווען זיי קומען פון באד, דערצעהלט זי פון דארטען גאנצע מעשיות, און די קאזאקען מיט די קאזאטשקעס ווערען צוקייכט פון געלעכ־טער...

די ווערקשטוב ווערט צוגערוימט, דאס ווארשטאטעל פער־רוקט אין א ווינקעל אריין, און אויבען אויף דעם ווארפט מען אן די בענקלעך מיט די פיסלעך ארויף. ארום ווארשטאטעל ווערט צונויפגעשארט דאס גאנצע אלטווארג: גאנצע שטיוועל, וואס מען דארף זיי פעררעכטען, און חאליעוועס, וואס דארפען ערשט ווע־רען שטיוועל, און גלאט שטיקער אבריים פון שיכווארג, אלטע פאדעשוועס, קנאפעל, שטיקער לעדער און אלטע צולעכערטע קאפיטעס. דאס אלעס ווערט צונויפגעווארפען אין איין קופע און אויבען אויף דער קופע ווארפט מען אן שמאטעס מיט זעק, און זיי האלטען דארטען שבת. בלייבט א פאר פארטיגע נייע שיך, שטעלט מען זיי ארויף אויפ׳ן פענסטער מיט די נעז צום שטוב. אויפ׳ן טיש ווערט ארויפגעשטעלט עפעס אנ׳אנדערהאלבען

טוץ לײַכטער, און זײ װערען אָנגעשטעקט מיט חלב'נע ליכטלעך.

די װײַבער, װעלכע געהען אַ גאַנצען פרײַטאָגדיגען טאָג אַרום אָהן בלוזעס, אין הוילע אונטערשטע קלײדלעך, טהוען זיך אָן אין פּראָסטע סיצינע קלײדער, װעלכע זײ האַלטען פון שבת צו שבת. אַז די שטוב װערט אינגאַנצען שבת'דיג, דאָס הײסט, אַז די װײַבער פערטיגען זיך אָב פון זײער גאַנצער אַרבײט, געהט מען ערשט עסען ראָסעל-פלײש, אין װעלכען עס װערן אויסגעטונקען אַ 5—6 גרויסע בולקעס. די װײַבער מיט די מאַנען זענען אײנס צום אַנדערען זעהר העפליך, װי די יונגע, אַזױ אויך דאָס אַלטע פּאָר פאָלק...

זומער, באַלד נאָכ'ן ראָסעל-פלײש, פערנעהמען זיך די דרײַ קאָזאַקען שפּאַצירען. אַלע געהען גלײַך, שטאָלץ אויסגעצױגען.

דער בעסטער שפּאַציר זײערער איז אויף דער שאָסײ-גאַס. דאָרטען געהען זײ אויפ'ן שמאָלען טראָטואַר און פערנעהמען די גאַנצע ברײט זײַנע. זײ געהען טריט, פערקוקען אין יעדען פענסטער אַרײַן, שטעלען זיך אָב בײַ אײניגע און קוקען אויף דער אויסשטעלונג.

אַזױ װאַנדערען זײ אַרום ביז פאַרנאַכט. פון דאָרטען געהען זײ אַװעק אין דער שוסטערשער שול אַרײַן, און פון דער שול גלײַך אַהײם. און אויך מיט קלײנע טריט און פערלעגטע הענד אַרינטער. באַלד װי זײ קומען אין שטוב אַרײַן, דערהערן זיך דרײַ געזונדע, גרויסע „גוט-שבת"ן. עס װערט אַ קנאַקערײַ פון אַ שלום עליכם, אַרומדרעהענדיג זיך איבער דער שטוב הין און צוריק. די איבריגע קאָזאַקלעך זענען נעבען די קאָזאַטשקעס, װעלכע זיצען עפּעס אויף אַ גרויסען קאַסטען אַנטקעגען טיש און שפּילען זיך מיט זײ.

נאָך קידוש געהט ערשט אַ סדרה טײ, און בײַם טײ הויבט-אָן דער אַלטער קאָזאַק צו זינגען זײַן ליבען פּאָרט-אַרטורער מאַרש: ראַם! טירי-ראַם; טי-דע-ריטאַם-טאַם-טאַם! איהם העלפען די יונגע קאָזאַקען מיט'ן קלײנעם קאָזאַקעל, און יענע, די איבריגע קאָזאַקלעך, נעהמען זיך צונויף אין מיט'ן שטוב אין אַ ראָד און געהען אַ קײַלעכיגם. עלקע, דעם קאָזאַק'ס שנור, װעלכע האַלט זיך פאַר אַ גוטער טענצערין, קאָן ניט לײַדען, װי

זײַ דרעהען זיך גלאַט אַזוי, און זי געהט צו, נעמט־אָן צוויי קינ־דער בײַ די הענדלעך און לערנט זײַ טאַנצען צו'ם טאַקט; געהט שוין צו שרה און נעמט אויך צוויי קינדער און ווײַזט דער שוועגערין, אַז זי איז אויך ניט פון די, וואָס מען קויפט צוויי פאַר אַ גראָשען —, אַז זי קאָן אויך טאַנצען. בלײַבט נעבין, איין קאָזאַקעל, וואָס מאַכט גוואַלדען: עס וויל אויך מיט עמיצען טאַנצען; שפּרינגט שוין צו די באָבע און נעמט עס אָן מיט בײדע הענד בײַ בײדע הענדטלעך און הויבט זיך אויך אָן צו דרעהען. דרעהען זיך אַלע, און צעהנדליגער דורזיכטיגע, שיטערע, שבת'דיגע שאָטענס טאַנצען־נאָך אויף די ווענד, גרויסע שאָטענס מיט קלײנע שאָטענדלעך, און די דרײַ קאָזאַקען זינגען און פליעס־קען, אַז מען צולעגט שיער ניט די שטוב.

דאָס קומט פאָר יעדען שבת און יום־טוב, און ווען אַלע יודען האָבען שוין אָבגעגעסען, קלויבט מען זיך אַרום דעם קאָ־זאַק'ס שטוב; מען קוקט אַראָב אין די פענסטער און מען איז זײַ מקנא:

— אָט אַ גליקליכע פאַמיליע!...

V.

זומער

גרויסע, ברייטע הילצערנע הייזער. די דעכער זענען בלעכענע, גרין=אָבגעפאַרבט, אָדער פון טשערעפּיצעס. די הייזער זענען מעהרסטענטהייל איין=עטאַזשיגע, נור אַ סך פון זיי זענען צוויי=עטאַזשיגע; טאַקע די זעלבע הייזער וואָס אַלע, נור אויף דעם אָרט, וואו עס וואָלט בעדאַרפט זיין אַ בוידעם, זעהען מיר ווי צוויי פענסטער קוקען פון הינטער'ן דאַך אַרויס און אַ קליין טהירעל, דורך וועלכען עס קאָן קוים אַ מענשיל זיך אַרויסרוקען. ביי דעם טהיר'ל הענגט אַ קליין הילצערן בריקעלע און אויף דעם בריקעלע בעווייזט זיך אָפט אַ מענשיל, וואָס חאַפּט אַ קוק אַראָב און אַרויף און געהט צוריק אַריין. אונטען, אונטער'ן געוועהנליכען פּאַרטער, וואוינט מען ווידער. דאָס הייסט פּשוט אונטערגעגראָבען די פּאָדלאָגעס, וועלכע שטעהען אַביסעל הויך פון דער ערד, דאָס רעשט דערגראָבט מען אין דער ערד און עס ווערט אַ וואוינונג. אין די „ערד=שטיבלעך" קומט די נאַכט פריהער, ווי אין די „בוידעם=שטיבלעך" און דער טאָג שפּעטער. עס מאַכט זיך אָפט, ווען אויבען בליאַסקעט נאָך די זון אין די פענסטער, ברענט שוין אונטען פייער. און די איינוואוינער פון אונטען קלאָגען זיך, אַז ביי זיי געהט אַוועק אַ סך נאַפט. דערפאַר קלאָגען זיך די אויבערשטע, אַז זיי ווערען דערשטיקט פון היץ.

די געסלעך זענען שמאָלע און קורצע, דאָס איז דערפאַר, ווייל די הייזער שטעהען ניט אין אָרדנונג, אַ שטוב אַריין, אַ שטוב אַרויס און דאָ גאָר פלוצים, אין דער לענג פון געסיל

שטעהט אַ שטוב אין דער ברייט, און אַ סוף פון געסיל.

ס׳טרעפט זעלטען, אַז איין שטוב זאָל האָבען איבער זיך איין בעל־הבית; געוועהנליך זענען איבער יעדע שטוב פאַרהאַן צעהן בעל־הבתים. יעדערער האָט זיך זיין וואוינונג: אַ קליין שלאָף־צימער׳ל, אַ קליינע קיך און נאָך אַ שטיבעל.

דאָרט׳ען, אין די שמאָלע געסלעך, וואוינען ס׳רוב בעלי־מלאכות: שניידער, שוסטער, טטאָליער, טאָקאַרעס, מלמדים, סעדעלעס, פוהרמאַנעס, טרעגער און איזוואָשטשיקעס.

זומער, ווי עס ווערט נור טאָג, לעבען־אויף די שמאָלע געסלעך. ס׳דערהערט זיך אַ קלאַפּען פון מאַשינעס, אַ קלאַפּעריי פון די סטאָליער און שוסטער, אַביסעל שפּעטער — דאָס רייסען זיך פון מלמד מיט די יונגלעך. דער גערויש הערט זיך דייטליך, עס געהט פון איין שטוב אין דער אַנדערער און עס דוכט זיך, אַז אין יעדער שטוב קומט־פאָר איינס און דאָסזעלבע: אין יעדער שטוב זיצט אַ מלמד און אַ סטאָליער, אַ שניידער און אַ שוסטער. צוזאַמען מיט׳ן גערויש טראָגען זיך אויך אַריין פון איין שטוב אין דער אַנדערער די מאוס׳ע ריחות, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען איבער דער נאַכט.

פון די „ערד־שטיבלעך“ הויבען אָן אַרויסצוקריכען פערשלאָפענע קויטיגע פיגורען: יודען מיט ציקזשמעטע בערד אין איינע הויזען, ווייבער מיט קויטיגע ציפּיקעס אין הוילע אונטער־רעק, מיידלעך מיט צופלאָשעטע האָהר, נאָך זיי — קליינע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, אין די הוילע העמדלעך מיט קויטיגע פיסעלעך און זענען זיך מכין צום שטיפען.

און דאָ הויבט זיך אָן דאָס „לעבען“. איינע האָט דערזעהן, ווי נעבען איהר טהיר איז אַ פאָמאָיניצע אויסגעגאָסען, הויבט זי אָן שילטען מיט טויטע קללות. אַ פּאָר מינוט ענטפערט קיינער ניט, נאָר אָט בעווייזט זיך פון אַנטקעגען נאָך איינע און הויבט אָן אָבצוענטפערן, און עס שיטען זיך קללות מיט חרמות. ביידע וואַרפען מיט די הענד אין דער לופטען, ווי זיי וואָלטען געוואָלט אָבשטופען פון זיך די קללות, וועלכע פליהען פון איינער צו דער צווייטער, און שפּייען איינע אויף די אַנדערע. געהט אַרויס איין ווייבעל׳ס מאַן און העלפט זיין ווייב, אויף איהם קוקענדיג געהט שוין אַרויס יענער׳ס מאַן אויך און די ביידע מאַנען פערנעהמען

זיך צום קריגען, דערנאָך געהען שוין אַרוים די קינדער. עס וועָרען צוויי לאַגערן, די לאַגערן ווערען וואָס אַמאָל אויפגערעגטער, דערנעהנטערן זיך וואָס ווײַטער איינס צום אַנדערן און די פּײַגען, וועלכע זענען פריהער אין דער־לופטען צופלויגען געוואָרען, געהען שוין איצט ניט לאָבוד, נאָר קריכען גלײַך אין די מײַלער אַרײַן. עס ווערט אַ געשלעג, אַ רײַסעניש בײַ די בערד און אַ פליהעניש פון היטלען מיט ציפּיקעס אין דער לופטען.

די קינדערלעך, וועלכע האָבען זיך גור־וואָס געשפּיעלט — צושלאָגען זיך אויך, זיי נעהמען זיך אָן פאַר טאַטע־מאַמע. זיי שלאָגען זיך בעזונדער, אָבגעטײַלט פון די גרויסע, זיי טשוקען זיך בײַ די קעפּלעך, צורײַסען זיך די העמדלעך און שילטען זיך אין דעם „זײַדענס טאַטען" אַרײַן.

די שמאָלע געסלעך ווערען אויפגעלעבט. מען לויפט פון אַלע זײַטען, מען הערט שוין ניט קיין מלמד מיט קיין יונגלעך, קיין קלאַפּען פון קיין האַמערס, קיין טראַסקערײַ פון מאַשינען, אַלע זענען אין דרויסען, די הײַזער ווערען לײדיג און דאָס געסעל פול, פול מיט שוואַרצע קעפּ און ווײַסע אַרבעל.

אין די קליינע זומער־נעכט צינדט מען זעלטען־וואו אָן פײַער. נעבען יעדער טהיר זיצט זיך אַ קופּקעלע מענשען. מאַנסביילען זיצען אָהן רעקלעך, ווײַבער אָהן יאַקלעך. קיין מענשען זעהט מען ניט, נאָר ווײַסע פלעקען רײדען שטיל און דאָך הערט איין קופּקעלע פונ'ם אַנדערן, וואָס מען רעדט. און רײדען איז דאָ פון וואָס, אויב ניט פון קיין פאַמיליען־זאַכען איז פון זײַטיגע, פון פרעמדע. יעדערער ווייסט, וואָס בײַם אַנדערן טהוט זיך. איין קופּקעלע רעדט פונ'ם אַנדערן. בײַ־נאַכט רעדט מען אָב אַלץ, וואָס מען האָט בײַ־טאָג קיין צײַט ניט געהאַט אַרומצורײדען. איינער הערט זיך צו צום צווייטען. איין קופּקעלע פונ'ם אַנדערן וויל חאַפּען אַ וואָרט און זעהר אָפט חאַפּט מען דאָס טאַקע, נאָר קיין זאַך קאָנען זיי ניט חאַפּען, ווײַל יענע ווילען פון דאַנען אויך עפּעס חאַפּען און אַז דאָ איז שטיל געוואָרען ווערט דאָרטען אויך שטיל און אַזוי כסדר. אַזוי מאַכט זיך אָפט, אַז אַ גאַנץ געסיל ווערט מיט אַמאָל אַנטשוויגען און קוקט זיך צו און הערט זיך צו איינס צום אַנדערן. מאַכט זיך אַמאָל פערקעהרט, אַז אַ גאַנץ געסיל גיעסט זיך צונויף אינאיינעם — ווײַבער מיט ווײַבער, מאַנסביי=

לען מיט מאַנסבילען, און מען זאָל רײדן, דאָס טרעפֿט דאַן, ווען עס מאַכט זיך אין די שמאָלע געסלעך עפּיס זעהר ווילקטיגס, ווי אַ שטײַגער אַ חתונה. מען רעדט פֿון חתן־כּלה. אַלע ווײסן, וויפֿיעל זי איז אַלט און וויפֿיעל דער חתן נעהמט נדן, צי איז ער פֿון אַ שענער משפּחה, צי פֿון אַ מאוס׳ער. פֿון יונגוואַרג בלײַבט קײנער ניט, אַלע זענען אויף דער חתונה. די שטוב איז בעלאַגערט. עס הערט זיך אַ געלעכטער, אַ קוויטשערײַ, אַ פֿײַפֿערײַ און נאָך משוגה׳דיגע, ווילדע קולות און דאָס אַלץ מישט זיך צונויף מיט דער מוזיק און מיט׳ן טאַראַבאַנען אין קעסעל־פּויק. און די אַלע, וואָס שטעהען און רײדן דאָ, זענען ס׳רוב עלטערע מענשען, וואָס ס׳פּאַסט זײ שוין ניט צו שטעהן אונטער די פֿענסטער. נאָר די חתונה מונטערט זײ גלאַט אויף, רופֿט אַרויס זכרונות פֿון זײערע חתונות, פֿון זײערע קינדערס חתונות און וואָס מעהר מען רעדט דערמאָהנט מען זיך אַלץ מעהר און מעהר; אײנער שלאָגט איבער דעם צווײטען, יעדערער בעזונדער וויל, מען זאָל איהם אויסהערען, אײנער פֿאַלט אַרײַן אין צווײטענס רײד. נאָר פּלוצלונג ווערט שטיל, מען האָט בעמערקט, ווי אײן יודענע זאָגט דער אַנדערער עפּיס אַ סוד אין אויער און דער „סוד״ ווערט איבערגעטראָגען פֿון אײן אויער אין אַנדערן און אַלע דערוויסען זיך, אַז די כּלה, וואָס האָט איצט חתונה איז ניט קײן ערליכע. צום סוף ווערט דער סוד ענטפּלעקט און מען הויבט אָן דערפֿון אָפֿען צו רײדן. אײנע דערצעהלט, אַז זי אַלײן האָט געזעהן, ווי בײַ־נאַכט האָבען זי צוגעפֿיהרט צו דער שטוב עטליכע בחורים, עפּיס אַ גאַנצע באַנדע. אַ צווײטע זאָגט, אַז עס איז אַ סברא, אַז זי איז שוין לאַנג ניט קײן ערליכע. אַ דריטע זאָגט, אַז זי האָט שוין אפילו אַ קינד אָבגעטריבען.

אויף מאָרגען, ווען מ׳שלאָפֿט נאָך אין די שמאָלע געסלעך, ווי די געהרג׳עטע פֿון דעם נעכטיגען שפּעט־אופֿזײַן, הערט זיך עפּיס אַ ליאַרים. וואָס איז? דער כּלה׳ס מוטער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט גערעדט אויף איהר קינד, איז זי געקומען זיך קריגען דערפֿאַר. זי ווײסט ריכטיג, ווער עס האָט אפילו דעם שלעכטען שם אויסגעטראַכט. זי שילט מיט טויטע קללות און מאַכט מיט די הענד אויפ׳ן פֿערמאַכטען לאָדען, וואו ס׳שלאָפֿט יענע, וועלכע האָט עס אויסגעטראַכט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומען צוגעהן די

מחותנים מיט די מחותנ׳עתטעם און אַלע הויבען אָן גוואַלדעווען און שילטען. דער כלה׳ס פאָטער לויפט צו און רײַסט־אויף דעם לאָדען און קלאַפּט מיט די פויסטען אין די שויבען אַרײַן. עם לויפען אַרוים פון שטוב צושראָקענע פיגורען און הויבען אָן שילטען צוריק און באַלד הויבט זיך אָן אַ געשלעג. חתן־כלה דערוויסען זיך דערפון און קומען אויך צולויפען. פּלוצלונג לויפט דער כלה׳ס מוטער אַוועק מיט אַ ליאַרים, מאַכענדיג מיט די הענד, קומט אין אַ פּאָר מינוט אַרום מיט אַ לײַלעך אין די הענד, צושפּרײט איהם פאַר אַלעמען און שרײַט:

— נאַט זעהט! ניט דערלעבען וועט זי, אָט די אַלטע מכשפה, אַז בײַ מיר זאָל זײַן אַנ׳אויסגעלאַסען קינד! זי מײנט אַזוי ווי איהר מויד, זאָל עם דאָרטען אַרויסוואַרפען די בײנער איהרע! זי מײנט, די הולטײַקע, אַז מען ווײסט ניט, פון וואָס זי איז געשטאָרבען, מען האָט איהר פער׳סמ׳ט.

דאָס געסיל ווערט פול, מײדלעך פערדרעהען מיט די קעפּ, יונגען ווערטלען זיך און געלעכטערם לאָזען זיך ווײַט הערען איבער די געסלעך.

קײן אײן טאָג געהט ניט אַוועק, אַז אין די שמאָלע געסלעך זאָל ניט זײַן פרעהליך, — אויב ניט דאָס און ניט יענץ, טרעפט עפּים אַנדערש. אָט אַ שטײגער וואוינט דאָרטען אַ לעהרער, אַ שוואַך, שוואַרץ יונגער־מאַנטשיק׳ל. דעם יונגען־מאַנטשיק פערגלוסט זיך יעדען זומער צו פלאַנצען בוימלעך נעבען זײַנע „ד׳ אַמות“. די בוימלעך קלאַפּט ער אַרום מיט פלעקער, נאָר חברה קונדסים דערלאַנגען זיך אַריבער די פלעקער אויך און רײַסען בלימלעך. דער לעהרער האָט אַנ׳אַרבײט — זיך יאָגען נאָך זײ. פּאַקט ער אײנעם, קלאַפּט ער איהם גוט אָן די זײַטען. טרעפט זיך אָבער, אַז דאָס יונגעל קומט און פערקלאָגט זיך פאַר די עלטערן, עם געדויערט ניט לאַנג און עם קומען אַ גאַנצע באַנדע, טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער און מען בעלאַגערט די שטוב. דער קלײנער רײַסט שטײנדלעך פון דעם ברוק און וואַרפט אין די פענסטער אַרײַן. דער טאַטע זײַנער רײַסט אוים אַ פלאָקען פון די בוימלעך און לאָזט זיך מיט הענד אין שטוב אַרײַן, נאָר די טהיר איז פערקלאַפּט, הויבט ער אָן צו קלאַפּען מיט׳ן פלאָקען אין דער טהיר, אַז ער צולעגט זי שיער ניט אויף שטיקלעך. די

שוועסטער מיט דער מוטער טאַנצען, ווי משוגע׳נע הינד אין די פענסטער אַריין. דעם לעהרער׳ס ווייבעל האַפּט הייסען אָקרופּ און גיעסט דורך די פענסטער אַרוים. די ברידער ברעכען די פּלעקער און רייסען די בוימלעך מיט די וואָרצלען. חברה קונדסים האַפּען זיי באַלד אוים און לאָזען זיך מיט זיי איבער די געסלעך און די גרינגע טשובריגעס פון די בוימלעך רייבען זיך אָן די שטיינער, ווי מען שלעפּט אַמאָל אַ שכור׳ן גוי, און ווער ווייסט מיט וואָס אַט די אַלע געשלעגען וואָלטען זיך געענדיגט, ווען אין די שמאָלע געסלעך זאָל זיך ניט געפינען שלמה יאָסעל קאָזאַק, וועלכער מישט זיך אַריין מיט זיין גרויסער פיגור צווישען די שלעגערס, צע־וואַרפט זיי מיט די הענד דעם אהין דעם אהער, און אַנ׳עק פון׳ם געשלעג.

אַ שטילע מלחמה קומט אויך זעהר אָפט פאַר ביי־נאַכט.

אין די גרויסע היצען, ווען אין די ענגע שמוציגע שטיבלעך איז אונמעגליך צו שלאָפען, שלאָפען אַ סך מענשען אויף די בריק־לעך; ס׳רוב זענען עס קראַנקע, וועלכע קאָנען דאָרטען דעם אָטעם ניט חאַפּען.

אין שטוב קאָן מען אַמאָל ניט אַנטשלאָפען ווערען דערפאַר, וואָס ס׳איז רואיג, און אין דרויסען דערפאַר, וואָס עס איז שוין צו־פיעל שטיל... דאַכט זיך, אָט ווערט מען אַנדרימעלט, נאָר פּלוצלונג חאַפּט מען זיך אויף, ווי די שטילקייט וואָלט אויפגע־וועקט, און מען קוקט זיך אַרום. מען זעהט, ווי עס ליגען אויף די בריקלעך לאַנגע שוואַרצע שטיקער און ניט זיי שלאָפען, דאַכט זיך, נאָר זיי שווייגען... עס דערהערט זיך פּלוצלונג אַ הוסטען און דעם, וואָס האָט זיך אויפגעחאַפּט, דאַכט זיך, אַז ער קאָן ניט אַנטשלאָפען ווערען דערפאַר, וואָס יענער הוסט... ער דער־קענט דעם הוסט — דאָס איז יענקעל דער טשאַחאָטאָשניק. ביי־טאָג הערט ער איהם אויך הוסטען, נאָר קיין שום איינדרוק מאַכט עס אויף איהם ניט, נאָר איצט קאָן ער עס ניט ליידען... דאָס הוסטען דערמאָהנט איהם אָן זיין קרענק און די קרענק — אָן שטאַרבען, און ער בעקומט עפּיס פאַר איהם מורא און די מורא

רייסט איהם אינגאַנצען אָב פון שלאָף ; ער פיהלט , אַז ער האָט „אויסגעוואַשענע אויגען" , עס פערדריסט איהם שטאַרק און ער שרייט שטיל אויס :

— טאָמער וואָלט איהר שוין אויפגעהערט צו קיילען ?

דער קראַנקער , וועלכער איז אַזוי אויך אויפגערעגט און איז בייז אויף די געזונדטע , פאַרוואָס זיי שלאָפען , ענטפערט באַלד מיט אַ דערשטיקט קול פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס :

— און איהר זאָלט אָנהויבען צו קיילען און גאָרניט אויפהערען .

אין די שמאָלע געסלעך איז מען געוועהנט צו קללות . נאָר הערען ביי־נאַכט אַ קללה , ווען אַרום און אַרום איז אַזוי שטיל און פינסטער — דאָס מאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק . . . עס דאַכט זיך , אַז אָט־אָט ווערט זי מקוים . . . עס דאַכט זיך , אַז די קללה געהט פון דער פינסטערער נאַכט אַרויס און גיט זיך אַזוי דייטליך צו הערען , חאָטש יענער האָט עס שטיל אַרויסגעלאָזט . . . און נאָך עפּיס : פון אַ קראַנקען צו הערען אַ קללה איז נאָך ערגער , ווי פון אַ געזונדטען , און דעם , וואָס הערט די קללה , דוכט זיך , אַז אויב ער וועט באַלד ניט אָבענטפערן וועט עס באַלד מקוים ווערען . און אָבענטפערן דאַרף ער צעהן מאָל אַזוי פיעל און אַ צוואַנציג מאָל אויסשפּייען : „אויף דיין קאָפּ און הענד און פּיס" .

די געזונדטע שלאָפען גלאַט אַזוי אין דרויסען . זיי קאָנען אפילו שלאָפען אין די הייזער אויך . עס הויבט זיי ניט אָן צו אַרען די שווערע לופט , נאָר יעדער בעזונדער שלאָפט אין דרויסען צוליעב אַנ׳אַנדער סבה . עס האָבען זיך צוקריעגט אַ מאַן מיט אַ ווייב , טהוט זי איהם אַ צו־להכעיס און שלאָפט אין דרויסען ; אָדער אַ שטיף־קינד , וואָס די שטיף־מוטער לאָזט איהם אין שטוב ניט אַריין . און נאָך ערגיץ אויף אַ בריקעל האָט זיך איינגענאַדעט אַ משוגע׳נע . מען ווייסט ניט פון וואַנען און ווער זי איז . יעדע נאַכט קומט זי און לעגט זיך אויף איין בריקעל אין דעמזעלבען אָרט און שלאָפט מיט אַ האַרטען געשמאַקען שלאָף , דאָס פּנים פערגראָבען אין דער ברוסט .

אויף דעם בריקעל שלאָפט שוין אַ חוץ איהר קיינער ניט , מען האָט מורא . איינער דאָרט , וואָס שלאָפט אַנטקעגען אויף

אַ בריקעל, האָט מיט איהר יעדע נאַכט צו טהון. ער האָט מורא אנטשלאָפען צו ווערען, זעהענדיג אַנטקעגען עפּיס אַן'אונבעקאַנטע משוגע'נע, וועלכע ליעגט מיט צושויבערטע האָהר. ער וויל זיך מאַכען, עס זאָל איהם ניט אַרען, נאָר עס אַרט איהם פאָרט. ער שרייט פון געלעגער אַראָב, זי זאָל אַראָבגעהן, נאָר זי ריהרט זיך אפילו פון אָרט ניט.

אויף יעדע נאַכט גרייט ער זיך צו שטיינדלעך, וועלכע ער וואַרפט צו איהר אַריבער. אז ער הערט ניט קיין קלאַפּ, ווייסט ער, אַז ער האָט איהר געטראָפען און דאָס איז איהם אַ סך שרעקליכער, ווי ער וואָלט ניט געטראָפען און דערביי פערדריסט איהם שטאַרק, פאַרוואָס זי מאַכט ניט קיין קולות. ער ווייסט, אַז מען טרעפט מיט אַזאַ שטיין, דאַרף ווער טהון און איהם בלייבט קיין אַנדער מיטעל ניט, ווי אַראָבצוגעהן צו איהר, נאָר דאָס האָט ער שוין מורא. ער וואַרפט פריהער אוים אַלע שטיינ־דלעך, נאָכדעם הויבט ער אָן שרייען צו איהר:

— דו, משוגע'נע, ועסט אוועקגעהן פון דאַנען? אַ ניט וועל איך צוגעהן צו דיר מיט אַ שטעקען!

נאָר אַזוי ווי אין דער וואַנט אַריין.

ער בלייבט אַ פּאָר מינוט שטיל און אין דער פּאָר מינוט וויל ער זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ פּנים זי האָט. אַמאָל דאַכט זיך איהם: אַ שוואַרץ אַזוי ווי סאַזשע מיט צוויי גרויסע, אַיי־בערגעקעהרטע אויגען און מיט קורצע שטעכעדיגע האָהר און מיט לאַנגע, שוואַרצע נעגעל אויף די פינגער. ווייטער ווילט זיך איהם וויסען, צי איז עס אַ יודענע, אַ ווייבעל, אָדער אַ מיידעל? אָדער אפשר איז עס גאָר אַ בחור אין אַ קליידעל, אָדער גאָר קיין בחור אויך ניט?...

עס הויבט איהם אָן צו וואַרפען פון שרעק און ער גיט אַ געשריי אוים:

— משוגע'נע!...

עס עפענט זיך ערגיץ אַ טהיר און עס בעוויזט זיך אַ ווייי־סער מענש:

— ווער שרייט עס דאָ, ווער?

יענער ענטפערט צופריעדען:

— עפּ.ס אַ משוגע'נע קומט אַהער יעדע נאַכט און לעגט

זיך אויפ'ן בריקעל.

דעם גערויש דערהערען עפּיס. נאך אַ פּאר, וועלכע שלאפען אויף די בריקלעך און איינס דאס אַנדערע הויבט אן אויסצופרעגען, וואס דא איז. דער גערויש ווערט גרעסער און אַלע נעהמען זיך אן מיט מוט; מען בעוואפענט זיך מיט שטיינער און שטעקענס און אַ גאַנצע מחנה „סאלדאַטען אין ווייסע קאסטיומען" בעפאַלען דער משוגע'נער. יענע מאַכט קולות מיט גוואַלדען, רייסט זיך קוים אַרויס פון זייערע הענד און ווערט ערגיץ פערשוואונדען.

עס פראַלען זיך אויף לאדענס מיט טהירען. דאס שוואַרצע געסיל ווערט וויים פון מענשען, די שטילקייט ווערט רוישיג. איינס פרעגט ביים אַנדערן: וואס איז דא פארגעקומען? נאר איצט קאן שוין דא קיינער קיין ריכטיגען טאלק ניט דערגעהן. איינס אויף דאס אַנדערע שפּייט און שיט מיט שוואַרצע פינסטערע חלומות אויף קעפּ און הענד און פּיס.

VI.

די מויד.

זי איז אַ נידעריגע מיט אַ קיילעכיגער כמעט האָרבאַטער פּלייצע, פון וואָס זי געהט תמיד איינגעבויגען. דאָס פּנים איז תמיד שוואַרץ, פול מיט קליינע שוואַרצע לעכעלעך, ווי נאָדעל־שטעך. אויגען יונגע, פלאַמענדיגע, שטעכעדיגע, טרויעריגע קוקען תמיד, ווי ביי אַ ווילדען וואַלד־פויגעל, ווען מען כאַפּט איהם און מען ברענגט איהם אַריין אין אַ שטוב. דאָס מויל איז שרעקליך ברייט, די אונטערשטע ליפּ — אַ גרויסע, אַ בלויע — שטעהט תמיד אָב, ווי ביי אַ פערד און ציטערט כסדר, אויף וואָס מ'זאָגט, אַז זי הערט קיינמאָל ניט אויף צו שעלטען.

אַלע שמאָל־געסעלדיגע, פון גרויס ביז קליין, קענען זי און דאָך קען זי קיינער ניט; מ'ווייסט ניט ווער זי איז, פון וואַנען, וואו און ווען זי איז אָנגעקומען אַהער־צו. עפּיס אונבעמערקט האָט זי זיך אין די שמאָלע געסלעך בעוויזען, ווי זי וואָלט פּלוצים פון דער ערד אַרויסגעוואַקסען, אָדער פון אַלע שוואַרצע קללות און חרמות, וואָס ווערען דאָרטען טאָג־טעגליך אַרויסגעלאָזט, איז געוואָרען אַ צונויפשמעלצונג, עפּיס אַ געדיכטע שוואַרצע שטיק און ס'האָט זיך מיט אַמאָל בעוויזען אין די שמאָלע געסלעך אין דער פאָרם פון אַ מענשען. און כאָטש קיינער קען זי ניט, דאָך ווייסען אַלע, אַז זי איז אַ מויד. פון וואַנען מ'ווייסט עס — ווייסט קיינער ניט און דאָך זענען אַלע פעסט איבערצייגט אין דעם. און אַז ניט חתונה געהאַט — איז זעלבסטפערשטענדליך. „ניט קיין קינד און ניט קיין רינד“, קיין פריינד, קיין שפּור פון קיינעם ניט, נאָר

איינע אַליין אַ מויד, אַנ׳אָבגעריסענע, אַנ׳אָבגעשניטענע פון דער גאַנצער וועלט.

אז עס קלויבט זיך אַריין אַ נייער שכן אין די שמאָלע געסלעך, ווערט ער אַנדערש ניט קיין שמאָל־געסעל׳דיגער ביז ער זעהט ניט די מויד, און אַז ער זעהט זי, האָט ער שוין קיין מורא ניט פאַר קיין עין הרע, פאַר קיין קללה. דאָס איז פונקט דאָס־זעלבע, וואָס אַז מען וויל זיך בעוואָרענען פון פּאָקען, שטעלט מען זיך פּאָקען.

וויפיעל זי איז אַלט — ווייסט קיינער ניט. איינער זאָגט 50, אַ צווייטער — 60, אַ דריטער — 70, מען זאָגט זאָגאַר 80 אויך און — אַלע זענען גערעכט: מען קאָן איהר געבען אין איין און דערזועלבער צייט אי 50, אי 80 יאָהר, אַזאַ מין סאָרט פּנים איז עס.

תמיד, סיי ווינטער, סיי זומער, שבת און וואָך, טראָגט זי איינע און דיזעלבע קליידער. וויפיעל זי האָט זיי — געהט זי זיי אָנגעטהון, און פון אויבען אויף די אַקסעל אַ גרין בורנוסעל (מסתמא אַמאָל שוואַרץ געווען); דאָס בורנוסעל געהט קיינמאָל ניט אַראָב פון איהר לייב אפילו ווען זי עסט, ווען זי טהוט עפּיס אַנ׳אַר־בייט, און ביי־נאַכט דעקט זי זיך צו מיט דעם און דאָך איז דאָס בורנוסעל אין ערגיץ ניט צוריסען, ווי עס וואָלט אַ פּער׳כשוף׳טעס געווען.

זינט זי וואוינט אין די שמאָלע געסלעך, האָט זי נאָך מיט קיינעם ניט גערעדט, און אַז מ׳געהט אַמאָל צו צו איהר און מ׳פרעגט איהר עפּיס, גיט זי אַ דרעה אויס דעם קאָפּ, גיט אַ קוק מיט די אויגען, ווי דער ווילדער פויגעל, וואָס האָט מורא אַז מ׳זאָל איהם עפּיס ניט טהון, און ענטפערט ניט.

אַז זי געהט אין גאַס, קוקט זי שטייף אַראָב אויף דער ערד, אַזוי שטייף, ווי זי וואָלט געזועהען עפּיס אַזעלכעס, וואָס קיי־נער זעהט ניט, און ווער עס געהט דורך, מוז אויך אַ קוק געבען אויף דער ערד, חאָטש אַלע ווייסען שוין איהר טבע און מען זעהט, ווי זי געהט אויף שמוציגע, האַרטע שטיינער, אויף וועלכע ס׳איז גאָרניט פאַרהאַן.

געהן געהט זי טריט ביי טריט, הינקט אַ ביסעלע אונטער, מיט אַ גראָבען שטעקען אין האַנד, נאָר פונ׳ם שטעקען זעהט מען

נאָר אַ שטיקעל, וואָס שטעקט פון אונטער'ן בורנוס אַרויס און עס דאַכט זיך, אַז זי גייט אויף דריי פיס.

יעדען טאָג קאָכט זי זיך אָב אין אַ קליין טעפּעלע אַ יוך פון אַ פערטיל עוף און זי טרעט ניט אָב פון פריפּעטשאָק ביז ס'ווערט פאַרטיג. און אויב ס'טרעפען זיך ביי איין פריפּעטשאָק אַ פּאָר שכנות, שטופּט מען זי די אַהער, די אַהין און זי מאַכט געוואַלדען און ליאַרימט. אַ פּאָר מאָל האָט מען שוין איהר אָבגעטהון שפּיצלעך: אַ שוסטער האָט איהר אַריינגעוואָרפען אַ גאַנץ בינדטעל חזיר־האָהר אין טעפּעל אַריין, אַ סטאָליער — אַ גאַנצען קנויל סטרוזשקעס.

בעת'ן עסען בעהאַלט זי זיך, פערשטופּט זיך אין אַ ווינקעל, קיינער זאָל ניט זעהן: זי האָט מורא פאַר אַן עין־הרע. זי וואָלט געקאָנט אויפעסען אַ גרעסער טעפּעל, ווי זי קאָכט, נאָר טאַקי מהאי טעמא קאָכט זי אַזאַ קליינס, מען זאָל איהר קיין גוט אויג ניט געבען און זי בלייבט נעביך תמיד הונגעריג נאָכ'ן מיטאָג. נאָר דערפאַר היט מען זיך אָבער פאַר איהר אויך; ווען זי געהט דורך און מען זיצט ביים עסען, בלייבט מען שטעהן מיט די ביסענס אין מויל און מען זאָגט איהר שטיל נאָך: זאַלץ דיר אין די אויגען, פעפער אין דער נאָז. און ניט נור, וואָס זי קאָן געבען אַ גוט אויג ביים עסען, נאָר אויף וואָס עס פאַלט נור איהר קוק, מוז עפּיס געשעהן מיט דעם. אפילו אַז זי גיט אַ קוק אויף אַ כלי, מוז עס שוין צובראָכען ווערען. און פון דעם, וואָס פון איהרען אַ קוק ווערט ווינציגער פליייש אין טעפּעל — איז שוין אָבגערעדט. טאָמער גיט זי אַ קוק אויף אַ קינד, פאַלט עס באַלד איין, נאָר אַזוי ווי מ'ווייסט שוין, אַז דאָס איז דער מויד'ס אויג, לויפט מען באַלד צו חנה מלכה'ן, דער בעוואוסטער עין־הרע־שפּרעכערין אין די שמאַלע געסלעך, און חנה מלכה שפּרעכט און ס'צורייסט איהר דאָס מויל. פון קיין עין־הרע־שפּרעכען גענייצט ניט אַזוי חנה מלכה, ווי פון דער מויד'ס. זי דערקענט שוין אפילו, מ'דאַרף איהר גאַרניט זאָגען. זי חאַפּט אַמאָל אַליין אָן: זאָגט מיר, זאָלט איהר מיר יאָהרען האָבען, צי האָט דאָס קינד ניט געחאַפּט פון דער מויד קיין גוט אויג? ענטפערט די מוטער פון קינד דערשראָקען: טאַקע פון איהר. און חנה מלכה גענייצט ווייטער, צועפענט אַלע מאָל דאָס מויל און רעדט עפּיס ניט קיין

פערשטענדיגע, געהאַקטע ווערטער און די מאַמע פּונ'ם קינד הויבט אויך אָן צו געניצען, אײנע פערמאַכט דאָס מויל, עפענט עס די צווייטע און ביידען גיסט זיך אַזש טרערען פון די אויגען. אַזא מין קראַפט האָט עס דער מויד'ס עין־הרע.

יעדען טאָג נאָכ'ן עסען געהט זי ערגיץ אַוועק. וואוהין ווייסט מען נישט. מ'האָט איהר שוין געפּרובט אַמאָל נאָכשפּירען, נאָכגעהן טריט ביי טריט, נאָר זי האָט עס, ווייזט אויס, בעמערקט און האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען דורך גאַסען און געסלעך און דער „שפּיאָן" איז מיעד געוואָרען זי נאָכצוגעהן.

אַזוי געהט זי טאָג־טעגליך, און אַלע מאָל ווען זי געהט, ווייזט מען מיט די פינגער: אָט געהט די מויד! און אַלע, וואָס בעגעגענען זי אויפ'ן וועג, זענען שוין פעסט, אַז זייער וועג וועט זיין אַ לא־יצלח'דיגער, אַז אַ גאַנצען טאָג וועט זיי געהן שלים־שלים־מזל און מען שפּייט איהר דריי מאָל נאָך: טפו, טפו, טפו!

ס'איז ניטאָ איין שטוב אין די שמאָלע געסלעך, וואו די מויד זאָל ניט האָבען געוואוינט. מעהר ווי אַ וואָך, העכסטענס צוויי, קאָן מען זי אין אַ דירה ניט האַלטען. אין קיין לייטישע שטוב וועט זי קיינער ניט אַריינלאָזען, אַם מייסטען — אין ערד־שטיבלעך ביי די גרעסטע קבצנים, וואָס לאַקאָמען זיך אויף איהרע צעהן גילדען דעם חודש. איינאיינעם שטעהט איהר ניט אָן צו וואוינען און אַזוי ווי פאַר צעהן גילדען אַ חודש קאָן זי קיין בעזונדער צימער ניט קריגען, האָט זי שוין איהר'ס אַנ'אייגענס אַ שפּאַניש ווענדטיל, מיט וועלכען זי שלעפּט זיך פון איין דירה אין די אַנדערע און זי צוימט זיך אָב איהר שטיקעל, וואו מ'ווייזט איהר דאָרט אָן. די איינציגע מעלה איהרע איז, וואָס זי זאָגט קיינמאָל ניט קיין חסרון אויף די דירות; עס אַרט איהר ניט — טרוקען, נאַס, ליכטיג, פינסטער; פערקעהרט, איהר איז אַ סך אַנגענעהמער צו וואוינען אין אַ פינסטערער דירה, ווי אין אַ ליכטיגער, ווייל זי קאָן עפּים ניט ליידען, אַז מ'זעהט זי, אַז מ'קוקט אויף איהר. ביינאַכט צינדט זי קיינמאָל קיין פייער ניט אָן, נאָר זיצט אויפ'ן בעט אין דער פינסטער, זיצט אַזוי שטיל, ווי עס וואָלט דאָרט קיינער ניט געזעסען, זיצט אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האַלב דרימלענדיג און האַלב וואַכענדיג און נאַכדעם

ערשט לעגט זי זיך שלאָפֿען און שלאָפֿט שפּעט אין טאָג אַריין.

אַלע ווייסען, אַז וואו די מויד וואוינט, מוז געשעהן עפּיס אַנ׳אומגליק און דאָך האָט זי נאָך קיין איין נאַכֿט אין דרויסען ניט גענעכֿטיגט; ווי מען וואַרפֿט זי אַרויס פֿון איין דירה, איז שוין דאָ אויף איהר אַ נייער בעלן, וואָס פֿערנעהמט זי מיט׳ן ביסעל בעבעכֿעס צו זיך, דאָס איז ניט נור מחמת די צעהן גילדען דעם חודש, נאָר מחמת אַ סך, אַ סך מעהר.

אַלע זענען פֿעסט איבערצייגט, אַז די מויד האָט געלד. חאָטש קיינער האָט ביי איהר קיין געלד ניט געזעהן, דאָך ווייסען אַלע, אַז זי האָט געלד. מ׳ווייסט ניט וויפֿיעל. איינער זאָגט מעהר, אַ צווייטער — ווינציגער. נאָר אַז זי האָט — אין דעם צווייפֿעלט קיינער ניט. מ׳ברעכֿט זיך די קעפּ, וואו זי האַלט דאָס געלד און ס׳איז אַ סברא, אַז אַ טייל, אַביסעל פֿונ׳ם געלד, מוז ליגען בעהאַלטען אין דעם בורנוסעל. פֿאַרוואָס דען האָט זי עס מורא אויף אַ מינוט אויסצוטהון? און אָט מיינט יעדער איינציגער, אַז זי וועט ביי איהם מאַכֿען אַ שטאַרב און איהם וועט בלייבען די ירושה. און כמעט אַלע, וויפֿיעל ס׳געפֿינען זיך מענשען אין די שמאָלע געסלעך, אין די ערגסטע מאָמענטען, ווען אַ יוד דאַרף אַ שטייגער חתונה מאַכֿען אַ טאָכֿטער און האָט ניט אַ גראָשען געלד, אָדער עס געהט צו ווינטער און די קינדער געהען באָרוועס און נאַקעט, אָדער אַ פֿאַר־פּסח און ס׳איז ניטאָ אויף קיין מצות — דערמאָהנט מען זיך אָן דער מויד און ס׳ווערט באַלד לייכֿטער אויפ׳ן האַרצען. און די מויד צו בעקומען איז גאָר פֿון די גרינגע זאַכֿען, מ׳דאַרף זיך נור דערוויסען, וואו זי וואוינט און אָבהיטען דעם מאָמענט, ווען מ׳וואַרפֿט איהר אין דרויסען אַרויס און נעהמען אויף זיך, אַז מ׳זאָל אַלץ ליידען פֿון איהר. און עס מאַכֿט זיך אפילו זעהר אָפֿט, אַז אַ צוויי דריי יודען אָדער ווייבער זאָלען שלעפּען די מויד יעדערער צו זיך און די שלעפּעריי ענדיגט זיך מיט קלעפּ און פּעטש. און צווישען זיי טרעפֿען זיך אַזעלכֿע, וואָס די מויד האָט שוין ביי זיי געוואוינט און זיי האָבען זי אַרויסגעוואָרפֿען, ווייל זי צו האַלטען נאָכֿדעם, ווי מען הערט זי איין מאָל שעלטען, איז אונמעגליך. אין די שמאָלע געסלעך זענען די ווייבער געוואוינט צו קללות, אַלע קאָנען שעלטען, נאָר אַזאַ מין שעלטען ווי איהרער איז, איז זעלטען ביי יודען. דער קול איה־

דער, מיט וועלכען זי שעלט, איז עפּיס גאָר אַן׳אַנדער קול, אַ ספּעציעלער שילט־קול; דוכט זיך, צו הערען נור דעם קול אָהן די קללות, וואָלט שוין אויך געהייסען געהערט שעלטען. אַזוי האָט זי אַ געוועהנליך קול, נאָר הויבט זי אָן צו שעלטען, אַזוי בייט ער זיך ביי איהר אום אויף אַזאַ שוואַרצען, טרויעריג־וויינענדיגען, און די קללות, אַזעלכע מאָדנע, ווערען אַזוי קונציג, ניט געטראַכט, צוגעפּאַסט איינס צו דאָס אַנדערע, קונציג, כמעט פּאָעטיש, און דערפאַר, ווייזט אויס, מאַכען זיי אויף דעם צוהערער, ווער ער זאָל ניט זיין — ער מעג יאָ גלויבען און ניט גלויבען, אַז אַ קללה מוז מקוים ווערען — אַזאַ טיעפען, שוידערליכען איינדרוק. דאָס פּנים ווערט פון שוואַרץ געל, און אין די אויגען צעפלאַמט זיך אַ גהינום־פייער, און די בלויע אונטערשטע ליפּ ווערט שוואַרץ, בעקומט אַן׳ערד־קאָליר, און זי טרייסעלט זיך פיבערהאַפט, און עס דאַכט זיך, אַז פון דער ליפּ שיטען זיך די קללות אַרויס, אַז די ליפּ איז ניט קיין געוועהנליכע, נאָר עפּיס אַ מין שוואַרצע ברייטע גראָבע קללה, און די, וועלכע הערען די קללות אויף זיך, שפּרינגען פון דער הויט אַרויס, מען וואַרפט זיך אויף איהר מיט די פויסטען; און זי שטעהט, גיט אפילו ניט קיין פינטעל מיט׳ן אויג; זי וועט דאָס שעלטען ניט איבעררייסען, ווי אַ גוטער יוד שמונה־עשרה. און איהר רוהיגקייט שרעקט עפּיס, לאָזט ניט־צו צו זיך און מען לאָזט אויס דעם גאַנצען כעס צו איהרע בעבעכעס, וועלכע פליהען גלייך אין דרויסען אַרויס און זי שעלט, רייסט ניט איבער אין מיטען, אפילו די ערד זאָל זיך אונטער איהר שפּאַלטען.

און ווען זי ענדיגט דאָס שעלטען, געהט זי זיך פּאַמעליך פון שטוב אַרויס, שטעלט זיך דאָרטען אין דרויסען אַוועק נעבען איהרע זאַכען און שטעהט, מיט׳ן בורנוסעל אויף די אַקסלען, און די ברייטע אַרבעל ריהרען זיך ניט, פּונקט ווי די הענד אונטער׳ן בורנוסעל; און עס דאַכט זיך, אַז דאָס בורנוסעל איז עפּיס אויך אַ נפש, דאָס בורנוסעל איז ניט אויף אָנצוטהון, ניט אויף צו וואַרימען, נאָר דער מויד׳ס אַ חבר׳טע, וואָס האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף איהר און האַלט זי אין איין האַלדזען און קושען און זיי זענען אַזוי צוגעפּאַסט איינס צו דאָס אַנדערע, אַז עס מאָלט זיך ניט, איינס זאָל קאָנען עקזיסטירען אָהן דעם צווייטען און יעדערער

בעזונדער, ווער ס׳קען נור די מויד, אינטערעסירט זיך מיט׳ן בורנוסעל, פונקט ווי מיט איהר. מ׳האט פיינד דאס בורנוסעל ניט ווייניגער, ווי מ׳האט זי פיינד. מ׳קוקט אויפ׳ן בורנוסעל מיט דעמזעלבען אינטערעס, ווי מ׳קוקט אויף איהר. און אז א יונגעל ווארפט איהר אמאל א שטיין, האט ער דאסזעלבע פערגניגען, אז ער טרעפט דעם בורנוסעל אין האנד אריין, פונקט ווי ער וואלט איהר אליין געטראפען...

לאנג קומט איהר קיינמאל ניט אויס צו שטעהן אין דרויסען, באלד קומט עמיצער און פערבעט איהר צו זיך און זי פרעגט ניט, רעדט ניט און הייסט נעהמען איהר בעליעבט שפאניש ווענדטיל, דאס אייזערנע, צודרעהטע בעטיל און א קנויל פון בעטגעוואנד. יענער לאזט זיך געהן, זי נאך — געהט מיט אזא מין רוהיגקייט, גלייך זי וואלט געוואוסט, וואוהין זי געהט. אויפ׳ן וועג בעגעגענען איהר יונגלעך מיט געשרייען „הורא“ און דער, וואס טראגט איהרע זאכען צו זיך אין דירה, ווערט אויף א מינוט איהר בעשיצער; ווארפט א פאר מאל די זאכען פון זיך אראב און לאזט זיך נאך דער חברה. און ס׳וואלט איהם אויסגעקומען א סך מאל זיי נאכצוויאגען, נאר צום דריטען מאל, ווען ער וויל ווידער ווארפען פון זיך די זאכען און זיי נאכיאגען, שטעלט זי איהם אב און זי אליין בלייבט אויך שטעהן און הויבט אן צו שעלטען. זי שעלט און די יונגלעך קרימען זיך, צודרעהען, צומאלען יעדעס ווארט און ווען זי ענדיגט דאס שעלטען, לאזען זיי זיך ווידער געהן און ניט ער, און ניט זי, שטעלען זיך שוין קיין איין מאל ניט אב, מען מעג זי שוין אפילו בעווארפען מיט שטיינער.

ווערט די מויד עפיס ניט געזונד, אזוי רופען זיך אב גוטע־פריינד פון דער גאנצער וועלט. וויפיעל בעלי־בתים מיט בעל־הבית׳טעס זי האט געהאט, קומען כמעט אלע צו איהר געוואהר ווערען און מען ברענגט, ווער א מאראנץ, ווער א לימענע און אלע מיט אזעלכע פערזויערטע פאלשע פנים׳ער פרעגען, וואס איהר איז און ווינשען איהר א רפואה שלמה און מ׳קוקט אויפ׳ן בורנוסעל, מיט וועלכען זי ליעגט צוגעדעקט, און מ׳פרעגט זיך

אַלײן שטיל פערגראָבען אין די גערַאנקען : „וואו ליעגט דאָ דאָס
געלד ? דאָ , צי דאָרטען ? און אפשר האָט זי גאָר ערגיץ עפּיס
אַ מין געהײמע גרויסע קעשענע און דאָרטען ליעגען צוריבענע אַל=
טע „פּאַפּיערלעך” , קאַטערינעס גאַנצע , און אפשר איז גאָר אָהן אַ
קעשענע , נאָר אַזוי אַ בעהאַלטען שפּעלטיקעל ערגיץ אַראָב אָט=
דאָ=אָ אין די פּאָלעס , אָט וואו ס׳איז אַביסעל העכער , וואו ס׳שטעהט
אָב . און אַנ׳אַנדערן דאַכט זיך , אַז ס׳שטעהט גאָר אָב אויף אַנ׳=
אַנדער אָרט , גאָר אויבען ביים אַקסעל . נאָר וואָס קומט זיי נעביך
אַרויס ? אודאי וועלען עס ירש׳ענען ניט זיי , נאָר די , ביי וועלכע
זי וואוינט איצט , ביי וועלכע זי וועט שטאַרבען . און מען פער=
גינט עס זיי געוויס נישט , דם שונאים איז מען זיי , אויף זיי איז
עס אויסגעפאַלען דער גליקליכער גורל צו זיין איהרע יורשים ! און
מאַן און ווייב , ווען זיי קומען אַהיים , צוקריעגען זיי זיך און צו=
שעלטען זיך . זי זאָגט , אַז איבער איהם האָט זיך די מויד אַרויס=
געקליבען און ער האָט טענות , אַז איבער איהר . געדאַרפט ליידען
פון איהר , ניט שטופען זי פון פּריפּעטשאָק . און די שטוב=מענ=
שען , ביי וועלכע זי ליעגט קראַנק , זענען גליקליך , איבער=גליק=
ליך . מען געהט אַרום איהר , ווי אַרום אַנ׳אייגענער מוטער , מען
לעגט זיך פאַר איהר אין דער לענג און אין דער ברייט , מען
טראָגט איהר צו טהיי , מילך , טאַקע אייגענע , אָבגעריסענע פון
קינד׳ס מיילעכיל . און די גאַנצע שטוב ווערט פערלאָזט , אָנגע=
וואָרפען , בעקומט אַנ׳ערב=יום=טוב׳דיג אויסזעהן .

נאָר הויבט אָן די מויד צו זיך קומען , אַזוי לאָזען מאַן און
ווייב די נעז אַראָב . זיי שעמען זיך איינער דעם צווייטען צו קוקען
אין די אויגען אַריין . וואָס פאַר אַ פּלענער זענען געווען ביי זיי ,
וואָס מען וועט טהון מיט׳ן געלד , און וואָס פאַר אַ פאַנטאַזיעס
האָבען זיך זיי גע׳חלומ׳ט , אַז זיי שעמען זיך נעביך אפילו דערצעה=
לען איינער דעם אַנדערן ! און דאָ גאָר וואַרפט די מויד די פיס
פון בעט אַראָב און זיצט שוין . און מערקווירדיג : די מויד ווערט
זעהר אָפט שלאַף און מען ווייסט , אַז זי ליעגט אָב אַ פּאָר טעג
און ווערט געזונד . דאָך יעדעס מאָל , ווען זי ווערט שלאַף ,
גלויבט מען , אַז זי וועט שטאַרבען . און זיי טהוט באַנג די ביס=
לעך מילך , און זיי פערדריסט , וואָס זיי זענען אַרום איהר געגאַנ=
גען און זי בעדיענט , און זיי שטעהען צו צו איהר מיט טענות, זי

זאָל בּעצאָהלען, און זי געפינט אפילו ניט פאַר נויטיג צו ענטפערן. זיצט מיט'ן בּורנוסעל אויף די אַקסעל, עטעמט שווער און קוקט אַראָבּ אויף דער ערד, און די „מאָהנערס" ווערען שרעקליך אויפגערעגט, שפּרינגען צו צו איהר און גיבּען אַ ריס פון איהר דאָס בּורנוסעל; צועפּענט זי דאָס גרויסע שוואַרצע מויל און הויבּט אָן, אין איין אָטעם, אויף אַ משונה'דיגען קול, צו שרייַען גוואַלד, און וואָס אַ מאָל — העכער און העכער מיט'ן גאַנצען האַרצען, און אין איין מינוט ווערט די גאַנצע שטובּ בּעלאַגערט פון אַ רוישענדער, געדיכט־שוואַרצער מאַסע.

VII

אַ געהאַנגענער.

די בוידעם-שטיבלעך ווערען זעלטען-ווען פאַרטיג מיט די הייזער צוזאַמען; זיי שטעהען אָב אַ יאָהר, צוויי, דריי, און אָפט מעהר אויך, ביז מ'מאַכט זיי פאַר שטיבלעך. אָבער בויען בויען זיך אַלע הייזער מיט בוידעם-שטיבלעך, סיידען גאָר די אַלטע הייזער, וואָס האָבען זיך געבויט גאָר פאַרצייטען, האָבען קיין בוידעם-שטיבלעך ניט. אָבער אויך אַרום אָט די הייזער קאָן מען זעהען יעדען שבת, זומער אין דער-פריה, אַרומגעהן אַ פּאָר יודען אין אונטערשטע ווייסע הויזען, מיט הוילע פיס אין קאַלאָשען, מיט'ן שוואַרצען אַלטען מאַנטעל און צוקאָשמעטע שלאָף-היטלען, און טראַכטען און פּלאַנעווען, ווי אַזוי דאָ אויך צו-צומאַכען אַ בוידעם-שטיבעל. אַ בוידעם-שטיבעל איז אין די שמאָלע געסלעך אַ גרויס חשיבות, דאָס איז עפּיס מעשה גאָרן, און אַ גאָרן האָט דאָך נור אַ מויער און אַ מויער איז די ערשטע פאַנטאַזיע, וועלכע קאָן אַמאָל אַריינפאַלען אַ שמאָל-געסעל'דיגען. די שמאָל-געסעל'דיגע זענען, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, גרויסע קבצנים און דערלעבען קוים, ווי עס ווערט נור די שטוב מיט וועגט אַרומגעוואָרפען, אַריינחאַפּען זיך אין שטוב אַריין, און דאָס בוידעם-שטיבעל, אויף וויפיעל עס איז חשוב, בלייבט עס דאָך פאָרט עפּיס אַזוי ווי איבעריג און מ'וואַרט מיט דעם, „ביז גאָט וועט העלפען".

דערווייל בלייבט עס אַ בוידעם, אַ שענער, ליכטיגער בוידעם מיט דריי גרויסע לעכער פון פאָרענט, צוויי אויף פענסטער און די דריטע לאָך אין מיטען, אַביסעל לענגער און שמעלער, ווי

יענע צוויי; דאָס, זעהט מען, איז אַ טהיר, חאָטש אפילו זעהר אַ שמאָל טהירעל, נור פאַר אַ קליין, דאַר מענשעל דורכצוגעהן. הינטען, וואו עס ענדיגט זיך די לאָך פון דער טהיר, שטעקען פון דער וואַנד אַרויס דריי שטיקער באַלקען, וועלכע וואַרטען אויף אַ בריקעל און ווערען נעביך צושפּאָלטען פון דער זון און פון דער פרייער לופט.

דאָרטען שטעהט אַ בוידעם=שטיבעל, וואָס קיינער וויל עס ניט אָנזעהן.

צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר, ווען דאָס בוידעם=שטיבעל איז נאָך אַ פּראָסטער בוידעם געווען, האָט זיך דאָרט אַ יוד געהאַנגען, דעם געהאַנגענעם האָבען אַלע געקענט: דאָס איז געווען אַ קליין, פּיצעל יודעל מיט אַ לאַנגער און ברייטער באָרד, וואָס האָט גאָר ניט געפּאַסט פאַר זיין וואוקס און דערפאַר האָט ער געהאַט עפּיס אַ מין משוגה׳דיג אויסזעהן. דאָס קליינע יודעל האָט געהאַט אַ לאַנגע ווייב מיט פיער קינדער, צוויי זענען געווען אין איהם געראָטען, און צוויי — אין דעם ווייב.

פאַרוואָס ער האָט זיך געהאָנגען, איז עד היום געבליבען אַ סוד פאַר די שמאָלע געסלעך, — וואָס ס׳טרעפט זעהר זעלטען! די שמאָלע געסלעך האָבען אין זיך די מעלה, אַז זיי דערוויסען זיך אַלצדינג; זיי דערוויסען זיך אַזעלכע זאַכען, וואָס קיין מויל האָט ניט גערעדט און ניט געזאָגט. די טיעפסטע, די געהיימסטע זאַכען דערוויסען זיי זיך. אָבער פאַרוואָס דאָס יודעל האָט זיך געהאָנגען — וועט שוין אויף אייביג בלייבען פאַר זיי אַ סוד, עפּיס אַ מין טיעף פערגראָבענער, שוואַרצער סוד. מ׳ווייסט, אַז ער איז תמיד געווען אַ שטילער, אַ שווייגעדיגער און זעהר טרויעריג, וואָס האָט אויך זעהר ניט געפּאַסט פאַר זיין פיגור. אַ קליין יודעל בעדאַרף זיין אַלץ: אַ קאַטאָוועס=טרייבער, אַ ווערטיל=זאָגער, דאַרף זיין מיט יעדען יונגעל „פאַן=בראַט"; דאַרף זיך לאָזען צופּען די באָרד, נור דאָס יודעל איז פּונקט געווען דער היפך: ווען עס איז צוגעקומען צו איהם אַ וויסער=חברה׳ניק און האָט נור פון דערווייטען אויסגעצויגען די האַנד מיט צוויי פינגערלעך, ווי אויף אָנצונעהמען איהם ביים שפּיץ באָרד, איז ער שוין אַרויס פון די כלים, און וואָס האָבען נאָך יונגלעך אַזוי ליעב, ווי אָנצונעהמען ביים באָרד אַ יודעל, וואָס איז איין גרויס מיט זיי, און ווער

שמועסט נאָך זײַן באָרד, אַזאַ גרויסע און אַזאַ געלע, וואָס זעהט אויס ממש, ווי אמת=גוטער טאַבאַק. מ'ווייסט אויך, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אביון, און אַז ער פלעגט זיך כסדר קריגען מיט זײַן לאַנגען ווײַב און איז שוין אַמאָל בײַ=נאַכט געווען נעבען איהר מיט אַ מעסער.

אַ שרעקליך בײַז יודעל געווען.

אַ טאָג פאַר'ן הענגען זיך האָט ער גע'גט דאָס ווײַב און אויך עפּיס אַזוי מאָדנע: דאָס ווײַב דערצעהלט, אַז ער איז דעם טאָג אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, האָט זיך אָנגעטהון די שבת'דיגע קאַפּאָטע, אויסגעשמירט די שטיוועל מיט זשעגעכץ און אפשר צוויי שעה געקעמט די באָרד נאָכ'ן וואַשען. נאָכדעם האָט ער איהר געהייסען אויפשטעהן, געהייסען אָנטהון דאָס שבת'דיגע קליידעל מיט דער שבת'דיגער פאַטשיילע, וואָס זי האָט איהם געוועהנליך ניט געפאָלגט. נאָכדעם, האָט ער געהייסען זײַנע קינדער, דאָס הייסט, די צוויי, וועלכע זענען געווען געראָטען אין איהם, זיי זאָלען זיך אויך אָנטהון שבת'דיג. און נאָכ'ן טהיי האָט ער געזאָגט צו איהר: „קום!" האָט זי געפרעגט: „וואוהין?" האָט ער געזאָגט: „זיך גט'ן". זי האָט געמיינט, אַז ער לאַכט דאָס, און אַזוי, ווי זי האָט זיך דאַמאָלס געוואונדערט, אַזוי וואונדערט זי זיך נאָך עד היום: נאָך וואָס האָט ער זי בעדאַרפט גט'ן, אין דער צײַט, ווען ער האָט שוין פעסט געוואוסט, אַז ער וועט זיך אויף מאָרגען הענגען. זי פערשטעהט עס ניט, נור די שמאָלע געסלעך פערשטעהען עס דוקא יאָ: אַרום איהר האָט זיך געדרעהט אַ לאַנגער, געזונדטער בעל=עגלה, און דער בעל=עגלה, האָט ער געוואוסט, איז אַ כהן און אַ כהן טאָר דאָך קיין גרושה ניט נעהמען, און הענגען זיך האָט ער שוין, ווײַזט אויס, לאַנג געקלערט, האָט ער זיי ניט פערגונען, זיי זאָלען בײדע חתונה האָבען. דער כהן דרעהט זיך נאָך עד היום אַרום איהר, געוועהנליך, בשתיקה; אָבער מ'ווייסט — די שמאָלע געסלעך ווייסען אַלצדינג.

אויף מאָרגען נאָכ'ן גט'ן זיך איז ער ניט געוואָרען. אין אַ טאָג אַרום נאָכ'ן ניט=ווערען האָט זיך אין איינם פון די שמאָלע געסלעך (ניט אויף דעם, וואו ער האָט געוואוינט) עפּיס אַ מין ריח אָנגעהויבען צו שפּירען, אַזאַ מאוס'ער ריח, ווי עס טרעפט זעהר אָפט אין די שמאָלע געסלעך. און די שמאָל=געסעלדיגע האָט עס,

געוועהנליך, ניט אנגעהויבען צו ארען. דארטען קאן אבליעגען א גע׳פגר׳טע קאץ, אדער א הונד, א פאר וואכען און קיינער זאל די פגירה ניט אברוימען. ווען די קאץ איז נאך פריש, טראגען זי די ווייסע־חברה ארום אויף שטעקלעך און שרייען „צדקה תציל ממות“, נאר אז זי ווערט שוין שטארק ניט פריש, לאזט מען זי צורוהה, „ליעגט זי זיך בשלום אויף איהר געלעגער“ און גאנצע בערג ווערים גריבלען זיך אין איהר און עס דוכט א ביסעל פון וויטען, אז די קאץ ריהרט זיך, הויבט דעם בויך.

אויפ׳ן צווייטען טאג האט זיך דער מאוס׳ער ריח געשטארקט און די שמאל־געסעלדיגע האבען שוין אנגעהויבען קנייטשען די נעזער און פרעגען איינער דעם אנדערן, וואס שפירט זיך דא עפיס אזוי, ווי נבלה? און אויפ׳ן דריטען טאג איז שוין אונמעגליך געווען דורכצוגעהן דאס געסעל.

דאס איז געווען סאמע אין די גרעסטע היצען. די זון איז גאנץ פריה צוגעקומען צו די בוידעמער און האט פון דארטען ניט אבגעטראטען ביז פאר־נאכט. און ווי אויף אלע בוידעמער, אזוי אויך אויף דעם בוידעם, וואו דער געהאנגענער איז געהאנגען. די זון האט איהם געווארימט, געשטאכען מיט די הייסע שטראהלען, ווי מיט אנגעברענטע שפיזלען, און דער געהאנגענער איז זיך רוהיג געהאנגען, אזוי רוהיג, אזוי שטיל, גלייך ווי ער וואלט אין דער לופטען שמונה־עשרה געשטאנען, אדער גאר, ווי ער וואלט זיך געלאזט פליהען אין הימעל ארײן און איז דא אונטער א באלקען פערגליווערט געווארען, מיט א פערדריסענעם קאפ, מיט א לאנגען, דין־אויסגעצויגענעם האלז, מיט ארויסגעקראכענע אויגען און מיט א לאנגער שווארצער צונג, וואס האט ארויסגעשטעקט פון א גרויסער, ברייטער, שווארצער לאך מיט ווייסע צייהן. און ווען די זון איז אוועק, איז זיך, ווי אויף אלע בוידעמער, צוגעפאלען די נאכט, א נאכט, ווי אלע זומערדיגע נעכט אין די שמאלע געסלעך: שטילע, דושנע און פערגליווערטע נעכט, אהן א טראפען לופט צו׳ם עטעמען.

און די דריי נעכט, וואס דער געהאנגענער איז דארט אויבען אויפ׳ן בוידעם געהאנגען, איינגעהילט אין א געדיכטער, טרויעריגער בוידעם־פינסטערניש, זענען נאך ערגער פון אלע נעכט געווען. דאס זענען ניט קיין נעכט געווען, נור א שווארצע, גרויסע

נבלה האט זיך, נאך די שטיקענדע טעג, אין די געסלעך צעשפרייט, און טויטערהייד איז זי מיט הונדערטער שווארצע, קליינע לאפקעלעך אין די נעזער געקראכען, האט די העליזער געווארגען; א סך, וואס שלאפען זומער אויף די בריקלעך, האבען געמוזט אין די הייזער שלאפען, אבער אין די הייזער איז זי אויך געקראכען, דורך שפארינעס זיך דורכגעשפארט.

מענשען האבען ניט געוואוסט, וואס דאס איז, אבער היינט האבען יא געוואוסט; נאך דעם ערשטען טאג האבען זיי עס דערשפירט און האבען זיך אנגעהויבען ארומצודרעהען מחנות־ווייז, און ביי־נאכט איז שוין גאר געווען פרעהליך; מען האט זיך געשפיעלט און געשלאגען אדער גאר זיך צונויפגענומען כתות־ווייז און שטיל און טרויעריג ארומגעשמעקט איינס דאס אנדערע, און איז ערגיץ־וואו אין דעם געסיל אין א שטוב א הינדטעל געווען, האט עס גאנצע נעכט אין איהר געשקראבעט, זיך געבעטען, דאס מיט א בייזען, דאס מיט א דין טרויעריגען קוויטש, מען זאל עס ארויסלאזען און ׳מ׳האט עס געמוזט צוליעב טהון; ס׳איז גלייך צו צו אלע הינד, מען האט זיך שטיל, אויף שטום־לשון, מיט אויפגעשטעלטע, ווארפענדיגע ווידלען, עפיס איבערגעגעבען. נאכדעם זענען זיי זיך צוגאנגען, איינער האט אן צווייטען פערגעסען און יעדערער בעזונדער האט אנגעהויבען ארומצושמעקען די לופט, געקוקט מיט דורשטיג־ברענענדיגע אויגען, פעררייסען דעם קאפ ארויף, צו׳ם בוידעם־צו. נור אט האט איינער, ווייזט אוים פון אונגעדולד פאר גרוים הונגער, זיך צעוואיעט, ממש צעוויינט זיך מיט א פעררייסענער מאָרדע צום בוידעם ארויף. אבער שטום, מיט אנ׳עקשנות, האבען די דריי שווארצע לעכער פון בוידעם אראבגעקוקט און געדולט האט זיך, אז פון בוידעם קוקט א בעזונדערע נאכט ארוים, עפיס א בעזונדערע שטיק נאכט, א גערדיכטע, א שווארצע, וואס קאן זיך נור געפינען מיט א געהאנגענעם אויף א בוידעם.

פון צייט צו צייט האט זיך ערגיץ פון א שטוב א ווייסע פיגור בעוויזען, האט אנגעשריען אויף די הינד, א ציטערדיגען „פאשאל וואן״ ארויסגעזאגט און איז צוריק אין שטוב אריין.

אויפ׳ן פיערטען טאג גאנץ פריה איז די זאך קלאר געווארען. אין די שמאלע געסליך איז געווארען א קאכעניש, א לויפעריי פון

אַלע זײַטען און די, וואָס האָבען נאָך ניט געוואוסט, זענען צושראָקענע פון די הײַזער אַרויס און געפרעגט: „וואָס לויפט מען?“ האָט מען געענטפערט: „אַ געהאַנגענער“, — אַ קורצער און אַ שרעקליכער ענטפער. און געדוכט האָט זיך, אַז דער ענטפער איז פון דער הוילער לופט אַרויס, גלײַך ווי די לופט, די שטיקענדע לופט, האָט ענדליך צו וויסען געגעבען — ווײַל זי אַליין האָט שוין דעם ריח ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, און גלײַך ווי זי אַליין וואָלט שוין אָהן אָטעם געבליבען און זיך אַוועקגעלעגט אַ פערשמאַכטע, אַ טרויעריגע, און קוים סאָפּענדיג געענטפערט:

אַ געהאַנגענער! אַ געהאַנגענער!...

און אַלע, גרויס און קליין, יונג און אַלט, זענען געלאָפען, גלײַך ווי דאָס פּשוט'ע און דאָך געהיים־שרעקליכע וואָרט וואָלט זיי געצויגען אַהין, צו יענעם בוידעם, צו יענער שטוב, וואו דער געהאַנגענער געפינט זיך. אַלע זענען געלאָפען מיט אַזעלכע דורשטיגע, ברענענדיגע אויגען, מיט פערזאָרגטע, נײַגיריגע פּנים'ער.

און עס איז געוואַקסען אַ ים פון קעפּ, ער איז געוואַקסען און האָט זיך פון מינוט צו מינוט אַלץ ברייטער און ברייטער צושפּרייט. טויזענדער היטלען האָבען זיך אַזוי שטיל בעוועגט און געדרעהט, ווי אָהן אַ שום זין, הין און צוריק און געדוכט האָט זיך, אַז זיי שווימען אויף אַ שטיל, נאָר משוגע־דרעהענדיג וואַסער, און די לופט איז דאָרטען נאָך אונערטרעגליכער געוואָרען, עפּיס אַ מין מיאוס'ע, פערקרימטע ניט־צופריעדענקייט האָט זיך בײַ אַלעמען אויף די פערשוויצטע פּנים'ער צוגאָסען; איינער האָט דעם צווייטען ניט געקאָנט לײַדען און אַלע האָבען געקוקט אַהין אַרויף צו די דרײַ גרויסע בוידעם־לעכער, וועלכע האָבען, דוכט זיך, אַנדערש אויסגעזעהן, ווי אַנדערע בוידעמער.

און דער עולם איז געוואַקסען ווי אַ שטיל, טרויעריג, שוואַרץ וואַסער, וואָס גיסט זיך פון ערגיץ, וואַקסט פון מינוט צו מינוט און מען ווייסט ניט פון וואַנען. פון צײַט צו צײַט האָט זיך דערהערט עפּיס אַ מין געשריי, אַ געוויין פון אַ קינד, אַ קוויטש פון אַ מיידעל, אַ גראָבער באַס פון אַ מאַנסביל, אַ קללה פון אַ יודענע און דאָס האָט זיך אַלץ עפּטער און עפּטער אָנגעהויבען איבער'חזר'ן. געזונדטע יונגען האָבען געלאָזט זייערע עלענבויגענס

אין גאַנג. חברה גנבים האָבען אָנגעהויבען צו שלעפּען פון די קעשענעס זייגערלעך מיט בייטעלעך און וועלכעס מיידעל עס האָט געהאַט אַ שענעם גרויסען צאָפּ, איז ער פלינק אָבגעשניטען געוואָרען. און אויבען איבער די אַלע קעפּ, איבער אַלצדינג, וואָס דאָ האָט זיך געטהון, האָט זיך די זון געשיינט; פריי און ברייט איז זי אין טיפען, ווייטען, בלויען הימעל געשטאַנען און האָט עפּיס ווי אויף צו=להכעיס, עפּיס ווי אַלע וואָלטען איהר נמאס געווען, געברענט איבער די קעפּ, געקלאַפּט מיט היץ און צו דער מאוס'ער, עקעלהאַפטער נבלה=לופט האָט זיך נאָך אַ ריח פון שוויים צוגעמישט, אַ ריח פון צופּאַרעטע, פערשוויצטע קערפּער.

פלוציים:

— ראַזאָידים!!!

אין דעם ים שוואַרצע היטלען האָט זיך אַ שורה ווייסע אַריינגעשניטען, איין היטעל איז נאָך דעם אַנדערן נאָכגעשוואוימען, אַזוי פריי, ווי גענז אויפ'ן וואַסער.

מען האָט זיך אָנגעשטויסען:

ס'איז פּאָליציי.

איינער האָט אָן דעם צווייטען פערגעסען און באַלד איז אין איין מינוט ביי אַלעמען אַ שרעקליכער נייגיריגער געדאַנק געבוירען געוואָרען:

אָט באַלד וועט מען דערזעהן דעם געהאַנגענעם.

און דער גאַנצער ים שוואַרצע קעפּ איז אויף אַ פּאָר מינוט פערגליווערט געוואָרען אין ערוואַרטונג און אין דערזועלבער צייט האָט זיך עפּיס אַ מין שטאַרקער ריח דערשפּירט, אַ ריח פון קאַרבאָל און פון נאָך פערשידענע שטאַרקייטען, וועלכע האָבען זיך שאַרף און האַסטיג אין די נעזער אַריינגעשניטען, די הערצער פערחאַפּט, און אין די אויגען הזבען זיך טרערען געשטעלט.

דורך דעם לאַנגען און שמאָלען בוירעם=לאָך האָט ער זיך בעוויזען, מיט אַ לאַנגער אַרויסגעשטעקטער צונג. מען האָט איהם ניט דערקענט: צוויי מאָל אַזוי פיעל לענגער געוואָרען, אַ לאַנגער האַלז, ווי ביי אַ לעבער, און די אויגען אַרויסגעשטאַרטע, גרויסע, האָבען אויסגעזעהן, ווי שטיקער רויג (איקרע) פון אַ הערינג.

און אויף שטריק האָט מען איהם אַראָבגעלאָזט, גלייך ווי

דאָס וואָלט גאָר קיין מענש ניט געווען, נור אַ בהמה אַ געפגר'טע.

אין דערזעלבער צייט, ווען מען האָט פון אויבען דעם געהאַנגענעם אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען, האָבען זיך פלוצים פון די קעפ אַרוים צוויי הענד מיט צוויי שווערדען אויפגעהויבען, וועלכע האָבען זיך געדרעהט און זיך געוואָרפען אויף רעכטס און אויף לינקס. דער ים האָט זיך צושפּילט און צעוויגט, און קוויטשען, געשרייען מיט גוואַלדען האָבען די הייסע, מאוס'ע לופט אָנגעפילט. דער שוואַרצער ים האָט זיך אין לאַנגע, ברייטע חוואַליעס צוגאָסען אין אַלע זייטען, און געדוּלט האָט זיך, אַז אין דער ליכטיגער, הייס=ברענענדיגער לופט האָט זיך פלוצים אַ מין חוואַליע אַריינגעריסען; פון דאָרטען, פון בוידעם, איז זי אַראָב, האָט ניט געוואָלט בלייבען אָהן געהאַנגענעם, האָט זיך דאָרטען אויפ'ן בוידעם פאַר די ווייסע היטלען מיט די ווייסע מונדירען דערשראָקען. און דער געהאַנגענער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין אויסזעהן פון קיין מענש, נור פון עפּיס אַ מין פערזעהעניש, ווי אַ מפּיל פון די שוואַרצע, שטיקענדיגע נעכט, האָט זיך פאַמעליך ביי דער וואַנט גערוקט, פאַמעליך=פאַמעליך, ווי ער וואָלט מורא האָבען אַראָבצופאַלען און לעבעדיג ווערען. און ווען ער איז שוין גאַנץ נאָהנט געווען ביי דער ערד, האָבען איהם ערשט דאָס ווייב און די קינדער דערקענט — דערקענט ניט אָן פּנים, נאָר אָן די אויסגעשמירטע שטיוועל און אָן דער שבת'דיגער קאַפּאָטע.

— — — — — — — — — — — —

און עד היום דרעהט זיך נעביך דער בעל=הבית פון דער שטוב אַרום, קוקט פערזאָרגט אויף זיין בוידעם=שטיבעל: אַזוי פיעל געלד אַריינגעלעגט, אַזוי פיעל האָרעוואַניע, — און ער שעלט דעם געהאַנגענעם, שעלט איהם מיט שוואַרצע, טייוועלשע קללות.

VIII

אַמזיק.

אין אַ ווינטער־נאַכט, נאָך האַלבער נאַכט איז עס געבוירען געוואָרען. אַ שטאַרקער ווינט האָט דעמאָלט די לאָדען געריסען, אין קוימען געהודעט.

און דעמאָלט, ווען דער ווינט האָט דעם לאָדען געריסען און אין קוימען געהודעט, איז דאָס קינד אויף דער וועלט אַרויס, מיט אַ געזונטען קוויטש און מיט דריי ווייסע צייהן פון פאָרענט...

ביי אַ יונג פאָר־פאָלק האָט עס געטראָפען, דאָס ערשטע קינד געווען. אין שטוב האָט זיך דעמאָלט געפונען די באָבע, דער קימפעטאָרינס מוטער און דער קימפעטאָרינס מאַן. און ווען די באָבע מיט דער קימפעטאָרינס מוטער האָבען דאָס קינד מיט די צייהן דערזעהן, זענען זיי טויט־בלאַס געבליבען, האָבען דערשראָקען זיך צוגעקוקט, און די באָבע האָט פלינק דער קימפעטאָרינס מאַן אַ וואונק געגעבען. ער איז צו, און אַלע דריי האָבען זיך גנבה'ש איבערגעקוקט מיט צושראָקענע אויגען, ביז די קימפעטאָרין האָט עפּעס בעמערקט און האָט זיך געהייסען דאָס קינד ווייזען.

זי איז אין אַ טויט־חלשות געפאַלען. מען האָט זי קוים אָבגעמונטערט.

און געוואָרפען האָט עס מיט אַלעמען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. אַלעמען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד וועט באַלד אָנהויבען רעדען אויך...

און ווען די נאַכט, די שטורמישע נאַכט, איז אַוועק, און דער שטילער טרויעריגער ווינטער־טאָג איז אָנגעקומען, איז די שטוב בעלאַגערט געוואָרען. גרויס און קליין, אַלט און יונג האָבען זיך אין די פענסטער אַריין געשטופּט. ווי שדים, ווי ניט גוטע, האָבען זיך שווארצע, קליינע און גרויסע פיגורען צו די פענסטער געריסען, ווי אויף אַ ביז וואונדער איז מען זיך צונויפגעלאָפען. און אין שטוב איז דעם טאָג פול מיט אייגענע געוועז. און פון די „אייגענע" איז אַלע מאָל אַרויסגעשפּרונגען איינער מיט אַ פערשוויצט רויט פנים און האָט צאָרענדיג די פרעמדע צוטריבען, גאָר ווי ער איז אין שטוב אַריין, זענען זיי שוין צוריק געשטאַנען; איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַנ׳אַנדערער אַרויס און האָט די לאָרען צוגעמאַכט, האָט מען זיי געעפענט, — און נאַכט מיט טאָג האָבען זיך דעמאָלט אין שטוב, ווי אין בעהעלטעניש געשפּילט, און די נאַכט מיט׳ן טאָג זענען אויינס פאַר דאָס אַנדערע שרעקליכער געוועזען.

און מעהרער האָט מען אין דרויסען ניט געהערט, נאָר:

— אַ קינד מיט ציינער איז געבוירען געוואָרען! אַ קינד מיט ציינער!...

און אין שטוב די אייגענע האָבען מעהר גאָרניט געטראַכט:

— אַ קינד מיט ציינער! אַ קינד מיט ציינער!...

— דאָס האָט געמוזט עפּעס אַ מזיק געבוירען ווערען, אַ מזיק! — האָט מען אינדרויסען צווישען זיך גערעדט...

און אין שטוב האָט מען דאָס זעלבע געטראַכט:

— אַ מזיק געבוירען געוואָרען, אַ מזיק!...

און דעמאָלט האָט אַ גאַנצען טאָג אַ לאָמפּ געברענט, און געדאַכט האָט זיך, אַז די גרויסע שווארצע שטורם־נאַכט האָט דאָ אַנ׳אויג איבערגעלאָזט, אַ רויט ברענענדיג אויג...

אַ פּאָר חדשים זענען די עלטערן פון קינד גאַנצע טעג אין שטוב געזעסען, האָבען זיך געשעמט אינדרויסען צו ווייזען. און צווישען זיך האָט דאָס פּאָר־פאָלק גאָרניט גערעדט פון דעם קינד,

און גערעדט האָט מען אַזעלכעס, וואָס מען האָט שוין געמוזט רעדן, און רעדענדיג, האָט איינס אויף דאָס אַנדערע געקוקט, געקוקט און געטראַכט, אַז אונטער די פּשוט׳ע ווערטער ליגט עפּעס וואָס בעהאַלטען, און וועגען די צייהנדלעך האָבען טאַטע-מאַמע גאָרניט גערעדט, ניט דערמאָהנט אפילו. און דאָס ניט רעדען איז נאָך אַ סך ערגער געווען, ווי זיי וואָלטען יאָ גערעדט. איינער האָט געוואָלט וויסען, וואָס דער צווייטער טראַכט וועגען דעם, און אַז ביידע טראַכטען דערפון, האָבען זיי גאַנץ גוט געוואוסט. זיי האָבען עס אין קוק איינער אין אַנדערען דערקענט.

און ביידע האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט שוואַרצע, שווערע געדאַנקען:

— ווער ווייס, וואָס פון דעם קינד וועט אויסוואַקסען?...

און געוואַקסען איז דאָס קינד אַ פּרייליכס, אַ לעבעדיגס. נאָר די עלטער׳ן האָבען עס ניט אָנגענומען פאַר קיין גוטען סימן: עפּעס צופיעל לאַכט עס, צופיעל קאָמאַנדעוועט עס.

בשום אופן האָט זיך עס ניט געלאָזט וויקלען — דאָ האָט עס אַרויסגעוואָרפען אַ פיסעל, דאָ אַ הענדטעל, און איין שכנה, וועלכע איז געווען אַנ׳אָפּטע אַריינגעהעריין אהינצו און האָט די יונגע מוטער געלערנט, ווי צו וויקלען דאָס קינד, איז ניט איינמאָל בייז געוואָרען און געזאָגט:

— וועה איז מיר! ס׳איז דאָך גאָר עפּעס אַ מזיק ניט קיין קינד!

טאַטע-מאַמע האָבען זיך מיט בליקען געטראָפען, מיט טרויעריגע בליקען. די שכנה האָט גאַנץ לייכט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס זיי פּרעסט דאָרטען און דריקט ביי דער נשמה; דאָס, וואָס זיי האַלטען טיעף, גאַנץ טיעף בעהאַלטען איינס פאַר דאָס אַנדערע, האָט די „פאַרשיווע״ יודענע פון זייערע הערצער אַרויסגעריסען, — און ביידע האָבען שטיל און שווער אָבגעזיפצט; נאָך דעם, וואָס די שכנה האָט געזאָגט, זענען זיי נאָך עפּעס פעסטער געוואָרען אין דער איבערצייגונג, אַז דאָס קינד איז עפּעס ניט ווי אַלע קינדער, אַז דאָס קינד וואַקסט טאַקי אַ מזיק...

דאָס איינציגע, וואָס די מוטער האָט פערבראַכט מיט׳ן קינד, איז בעשטאַנען נאָר אין דעם: זי האָט דאָס געהאַלטען אין איין לערנען, עס זאָל זאָגען: מאַמע. אַז עס איז נאָך אַ חודש אַלט

געװען, האָט זי עס שױן געלערנט. און געלערנט האָט זי עס ניט אַזױ, װי אַלע מאַמעס, נאָר גאָר אַנדערש... איהר האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז דאָס ערשטע װאָרט, װאָס דאָס קינד װעט אַרױסרעדען, װעט ניט זײן: מאַמע, װי אַלע קינדער הױבען־אָן, נאָר פון אַן׳אַנדער װאָרט װעט עס אָנהױבען... עפּעס אַזאַ מין װאָרט, װאָס ניט קײן קינדער און ניט קײן גרױסע מענשען זאָגען עס...

און געקוקט האָט זי דעם קינד אין די אײגעלעך אַרײן, אין די שװאַרצע שאַרפע אײגעלעך, װאָס קענען, דאַכט זיך, זײן נאָר בײ אַזעלכע קינדער, װאָס װערען מיט צײהן געבױרען, און װען זי האָט דאָס געלערענט, עס זאָל זאָגען „מאַמע״, האָבען די אײגע־לעך אויף איהר געקוקט, געקוקט איראָניש שמײכלענדיג, װי עס װאָלט געטראַכט:

— מאַמע, איך פערשטעה דיך!

גאַנצע נעכט האָט דאָרטען אַ לאָמפּ געברענט, געברענט שטאַרק אַרױסגעדרעהט, און אַן׳אומעטיגע ליכטיגע שטילקײט איז אין שטיבעל געלעגען, און געדוכט האָט זיך, אַז דער לאָמפּ ברענט עפּעס דאָ פאַר עמיצען... ברענט פאַר אַזעלכען, װאָס מען זעהט אין שטוב ניט, נאָר עס פיהלט זיך, און נאַכטיג שטיל האָבען זיך די װענט אָנגעקוקט, טיש מיט בײנקלעך, און אײנס דאָס אַנדערע האָט, דאַכט זיך, געפרעגט:

— נאָך װאָס ברענט דער לאָמפּ איצט?...

און אַמאָל האָט זיך אין דער שטילקײט אַ קול דערהערט, אַ קװיטשענדיג קול, װי פון דער שטילקײט אַרױס, און באַלד נאָך איהם אַ צװײטער, נאָר אַ סך שטילער װי דער ערשטער:

— װאָס איז?...

— ... ער האָט מיך אַ ביס געטהון!...

דער מאַן איז האַסטיג פון זײן בעט אַראָבגעשפּרונגען, איז צו צו איהר׳ן און האָט אַ קוק געװאָרפען אױפ׳ן קינד, װעל־כעס איז זיך שטיל געלעגען דער מוטער׳ס װײסער ברוסט געלעגען,

נאָכדעם האָט ער אויף איהר אַ קוק געטהון, און אין דער זעלבער צייַט זי אויף איהם...

אַ פּאָר מינוט איז ער איבער איהר בעט געשטאַנען איינגע־בויגען, אַנגעשפּאַרט מיט די הענד, און האָט געקוקט, געקוקט און געשוויגען, און זי אויף איהם האָט אויך געקוקט און געשוויגען.

ענדליך איז ער צוריק מיט פּאַמעליכע, שטיל־קנאַקענדיגע באָרפיסע פים צוריק צו זיין בעט צוגעגאַנגען, האָט זיך שטיל אַריינגעלעגט און, ליגענדיג אין בעט, אַריבערגעקוקט צו איהר און זי צו איהם, מיט נאַכטיגע, שטיל־שוויַיגענדיגע אויגען...

IX

טאקי נאר א מלאך.

דאס קעלער'ל, אין וועלכען מענדיל דער טאקאר וואוינט, ווייסט ווייניג פון דער זון. עס האט ניט קיין גרויסע בעקאנטשאפט מיט איהר. נור פארבייגעהענדיג קוקט די זון אמאל אריין אהינצו, זי שטעהט אב אנטקעגען דעם קעלער א שעה אנדערטהאלבען און רוקט זיך אוועק. ווינטער קען דאס קעלער'ל שווערען, אז עס קוקט גאר איינגאנצען די זון ניט אן, עס פערגעסט גאר אפילו ווי זי זעהט אויס. — נאר עט, עט, אין מיטען זומער, ווען די זון שטעהט שוין אויפ'ן הימעל גאנץ הויך, דערמאהנט זי זיך אן קעלער'ל. א גאנץ ווינטער איז דאס קעלער'ל געשטארבען, עס איז מיט שניי פערשאטען און פערפרוירען. דאס קעלער'ל ווערט אמאל ביי-נאכט אזוי פערשאטען, אז עס איז נישט מעגליך צו דערקענען, אז דא ליעגט א קעלער'ל. נאר מענדיל דערבארימט זיך איבער איהם, און ווי ער שטעהט נאר אויף פון געלעגער, ווארימט ער אן א טאפ וואסער און גיסט אונטער אונטער דער פערפרוירענער טהיר און שלייערט אב דעם שניי. די ווענט זענען ווינטער נאס, שוויצען, גלאנצען, ווי מען וואלט זיי מיט אייל אבגעשמירט. און ערגער ווערט נאך, אז מען הייצט איין דאס קאלטע קעלער'ל — עס הויבט אן גיסען מיט טרערען. אויף דער טהיר לויפען גאנצע ריטשקעס. אייניגע טראפען שטעהען אב, פרובען זיך געהן אן א זייט, גיבען זיך א דרעה אין א צווייטער זייט, ביז זיי שניידען זיך אויס א וועג און לויפען אראב אויף דר'ערד.

עלקע, מענדילס ווײַב, איז מיט דער דירה ניט צופריעדען. זינט זי וואוינט דאָ, האָט זי אָנגעהויבען קרענקען אויף רעומאַטיזם, נאָר מענדיל טאָר אָבער דערפון ניט וויסען, ווײַל מענדלען איז די דירה באַלד פון אָנהויב ניט געפעלען געוואָרען. פונדעסטוועגען איז עס אַלץ בעסער, ווי אין דער פריהערדיגער דירה! דאָרט זענען די בעטען אין ווערקשטאַט געשטאַנען, און די שפּענדלעך זענען אָפט געפלויגען אין בעט אַרײַן. בײַ=נאַכט האָבען די שפּענדלעך געשטאָכען, אַזוי אַז ניט איין מאָל איז זי אויפגעשטאַנען אין מיטען שלאָף און איבערגעטרייסעלט יעדעס שטיקעל בעזונדער. דאָ האָט זי חאָטש אַ בעזונדער שלאָף=צימער, וואו זי קען ווייניגסטענסט רײַן האַלטען דאָס געלעגער. ווינטער איז בײַ איהר אַ קינד אַוועקגעקומען, קלערט זי, אַז דאָס איז געוויס פון „ווילגאָטש“: דאָס בעט איז נעבען דער נאַסער וואַנד געשטאַנען. דאָס קינד האָט אָנגעהויבען חריפען, ניט געמאַכט קײַן לאַנגע שהיות און האָט אַוועקגעשענקט גאָט די נשמה. זי קלערט שוין דאָ אָבוואוינען נור דעם זומער, און אויף ווינטער, ווי אַזוי גאָט וועט געבען, מוז זי זיך אַרויסחאַפּען פון דאַנען. זומער איז די דירה אַ מעלה — עס איז קיהל...

אין מיטען שטוב ליעגט צונויפגעקעהרט אַ באַרג שפּענדלעך קונציג אָבגעשפּיצט, ווי אַ היטעל צוקער. נעבען פענסטער שטעהט אַ ווערק=טיש, אויף וועלכען מענדיל אַרבײַט. אין שטוב איז אַ חוץ עלקען קיינער ניטאָ. מענדיל איז אַוועק אָבטראָגען אַרבײַט אין קלייט, און די דרײַ קליינע קינדערלעך שפּיעלען זיך אין דרויסען. עלקע איז נאָך אַ יונג ווײַבעל, אָבער זי זעהט אויס אַ סך עלטער. צוויי גריבער האָט זי אין די באַקען, ווי צוויי קברים, וואָס זענען איבערגעבליבען פאַר אַ סימן פון אַמאָליגע חן=גריבעלעך. עלקע שטעהט בײַ דער פּליטע, וואו עס קאָכט זיך אַ טאָפּ וואַסער אויף גרעט וואַשען. זי הייצט מיט שפּענדלעך; מיט אַלע כחות שלעפּט זי אָב אַלע מאָל דעם טאָפּ פון לאָך, און שטופּט אָן די פּליטע פול מיט שפּענער. און איידער עס צוברענט זיך, גיט אַ שאָס אַרויס אַ שטאַרקער רויך מיט אַ פלאַם צוזאַמען, און עלקע דערשרעקט זיך אַלע מאָל...

די גאַנצע שטוב איז געבליבען אָהן אַ קאָפּיקע און די אײַנ־ציגע האָפנונג מענדיל'ס איז, אַז ער וועט קריגען געלד אין קלײַט. נאָר דאָרט האָט מען איהם געהײַסען קומען נאָך געלד ערשט מאָר־גען. ער האָט אפילו מורא געהאַט אַ סך טענות מאַכען, אַ ניט שיקט מען איהם גאָר אָב מיט דער אַרבײַט!... דער קלײַטניק האָט מיט קײַן אַרבײַט קײַן דאגה ניט, — וואָלט ער נאָר אַזוי פיעל געוואָלט נעהמען.

מענדיל ווײַס ניט, וואָס זאָל ער אָנהויבען טהון, ווי אַזוי געהט מען גאָר אַהײם? ער שטעהט אַ ווײַלע נעבען דער קלײַט, קוקט זיך אום און ווײַס ניט וואָס, ער קוקט... ער קראַצט זיך אין קאָפּ, ער קען זיך פון אָרט ניט ריהרען. און וואוהין זאָל ער געהן?... עס ברענען שוין די לאַמטערנעס און די פײַער־ליך זענען ווי שפּילקעס אָנגעשטאָכען אין דער נאַכט. מענשען געהען, מען שפּאַצירט אַהין און צוריק, מען רעדט און מען לאַכט... אַ גרויסע לבנה שטעהט דאָרטען ערגעץ אויפ'ן האָרי־זאָנט. זי איז רויט, ווי אַ שטיק פײַער, און קוקענדיג איבער'ן דאַך, דוכט זיך, אַז עס ברענט ערגעץ ווײַט און אַז מענשען שרײַען וועגען הילף, נאָר מען הערט ניט... עס קלאַפּען די דראָזשקעס אין גאַס, עס הילכט אין קאָפּ, די ערד ציטערט...

און נאָך אַ פּאָר שעה זיך אַרומדרעהען אין דרויסען איז מענדיל אַהײם געקומען, האָט אפילו קײַן גוט ב'אָוועגד ניט גע־זאָגט, ניט דערפאַר, וואָס ער איז אפשר ברוגז אָדער אין כעס גע־ווען אויף עלקען, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס ער האָט קײַן מוט ניט געהאַט. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי זינדיג...

— ער האָט שוין די נאָז פערלאָרען! — בעגעגענט איהם עלקע מיט אַ פרײַנדליכען שמײַכעל. זי האָט שוין אָן איהם דער־קענט, אַז ער האָט קײַן געלד ניט געבראַכט — וואו איז דער גוט ב'אָווענד? געלאָזט פאַר דער טהיר?

— אַ גוט ב'אָווענד — האָט מענדיל געגעבען אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ — אויב עס געהט נאָר אין דעם...

— אוי ! ביז וואַנען וועל איך דיך לערנען ! — האָט עלקע אויסגעשריען מיט אַ געלעכטער , אַ ציה טהוענדיג מענדלען פאַר'ן אויער .

מענדלען האָט פערדראָסען און געריצט איהר שמייכעל ; ניט דאָס קומט איהם . זי דאַרף איהם שילטען , זידלען . ווען זי וואָלט איהם מיט אַ שטיק האָלץ אין קאָפּ אַריין געבען , וואָלט איהם גרינגער אויפ'ן האַרצען געוואָרען . . .

— אוי , ביזטו צודרעהט ! — האָט איהר מענדיל געזאָגט מיט אַ עניוות־שמייכעל און האָט געחאַפּט אַ קוק אויף איהר .

— די קינדער שלאָפען שוין ? — פרעגט ער איהר נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגען .

— יאָ, זיי שלאָפען ; איך וועל זיי באַלד אויפוועקען . . .

— נאָך וואָס ? . . . פרעגט ער פערוואונדערט .

— אַזוי . . . — ענטפערט זי מיט אַ שמייכעל .

— וואָס איז מיט דיר די גדולה ? — פרעגט ער מיט אַ ברוגז'ן טאָן .

— הם . . . ווייסט ניט ? . . . מיין מאַנדעלע איז געקומען . . .

— איז וואָס ? . . .

— איז וואָס ? גאָרניט . . . האָסט געבראַכט געלד ?

ער ענטפערט ניט .

— שווייַגסט שוין ? . . .

זי קוקט אַ פּאָר מינוט אויף איהם און לויפט דערנאָך האַס־טיג אַרוים פון שטוב .

— הער אוים , וועסט ליגען ביי מיר אין דר'ערד ! — הערט זיך איהר קול אין אַ ווילע אַרום — האַר אוים ! — זאָגט זי שוין דאָס צווייטע מאָל מיט אַ שמייכעל , טראָגט צו אַ טאָפּ מיט וועטשערע , אַרומגעוויקעלט מיט אַ שמאַטע , און שטעלט איהם אַוועק אויפ'ן טיש .

מענדיל האָט אויסגעגלאָצט די אויגען . . .

— קינדער ! שרה'קע ! פנחס ! עטעלע ! — שרייט זי אַריינלויפענדיג אין שלאָף־צימער , וואו די קינדער שלאָפען — שטעהט אויף עסען וועטשערע !

די קינדער זענען אַריינגעקומען מיט הוילע העמדליך , ריי־בענדיג זיך די אויגלעך , און דערזעהענדיג די וועטשערע , איז ביי

זי אין די אויגלעך טאָג געוואָרען . . .

מענדיל האָט געגעסן ווי אַ נ׳אורח , עפּיס מיט דרך־ארץ : ער האָט זיך געשעמט . . .

עלקע מיט די קינדער האָבן געשמאַק געגעסן . . .

מענדיל וויל פרעגן , וואו זי האָט אויף וועטשערע גענו־מען , נאָר דאָס מויל עפענט זיך ניט . ער קוקט אַראָב אויפ׳ן טיש . . .

עלקע קעהרט איבער דעם טאָפּ : עס פאַלען אַרויס פלייש מיט פאַסאָליעס .

מענדיל חאַפּט בגנבה אַ קוק אויף עלקען — ריכטיג ווי זי וואָלט אַ מיידעל געווען . . .

וואו האָט זי גענומען אויף וועטשערע ? — פרעגט ער זיך אין געדאַנק .

— נעהם צובראָק ! — זאָגט איהם עלקע , צורוקענדיג צו איהם דעם טעלער מיט פלייש .

— בראָק ! בראָק !

— מאַמע ! וואָס קאָכסטו תמיד קיין וועטשערע ניט ? — פרעגט פּנחס . עס איז אַזוי גוט וועטשערע ! . . .

— פּיים ! — ציהט אוים עטעלע דאָס הענדטיל , מאַכענדיג מיט די פינגערלעך .

— מאַמע ! גיב מיר דאָס ביינדיל ! — בעט שרה׳קע .

— מיר דאָס ביינדיל ! — שרייט פּנחס .

— מיר ביינדע ! — בעט עטעלע .

אַלע האַלטען אויסגעצויגען די הענדטליך .

— וואָס עסטו ניט ! שלים־מזל׳ניק . — טרייבט עלקע מענ־דלען אונטער .

— כ׳עס . . . ענטפערט ער , ניט קוקענדיג איהר אין די אויגען .

— נאַ , דאָס בעצאָהל איך דיר פאַר דער וועטשערע , — האָט עלקע געזאָגט אויסשיטענדיג אַ זשמעניע געלד אויפ׳ן טיש .

מענדיל האָט אַ גלאַנץ געטהון מיט די אויגען . . .

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געלד ? — האָט ער אונגעדולדיג געפרעגט .

— וואָס פאַר אַ געלד ? כ׳האָב געפונען . . . — האָט עלקע

מיט א שמייכעל געענטפערט — איך בין געגאנגען, האב איך גע-
פונען א פאפירעל. איך גע ארוים פאר'ן טויער, איך גיב א קוק:
עפים בלישטשעט; טראכט איך: וויים איך, מאלע וואס בליש-
טשעט. דערנאך טראכט איך: לאמיך צוגעהן א קוק געבען. איך
בויג זיך אן, איך גיב א קוק — א פינפעריל!...

— יא נו?... ווער זאל אזוי לעבען? — זאגט מענדיל
ניט גלויבענדיג זיינע אויגען.

— ווער זאל אזוי לעבען? איי! לאמיך דיר דערצעהלען:
איך שטעה אזוי און וואש. מיט אמאל הער איך, ווי עס עפענט
זיך די טהיר. נו, מאלע, וואס ס'עפענט זיך די טהיר, כ'האב
געמיינט, אז א קינד איז אריינגעקומען.

דערווייל דערזעה איך, ווי עס רוקט זיך אריין איינער א הוי-
כער, א גראבער... איך זאג דיר, עס איז עפים נאר א מלאך
פון הימעל... איך האב מיך צום אלעם ערשטען דערשראקען.
כ'האב געמיינט: עפים פון נאדזיראטעל... דערווייל פרעגט ער:
דא וואוינט דער טאקאר? — זאג איך איהם: יא. — ער איז
אצינד ניטא? — זאג איך איהם: ניין, ער האט אוועקגעטראגען
ארבייט אין קלייט אריין. וואס האב איך געהאט מורא צו האבען?
איך האב דאך שוין געזעהן, אז ס'איז א יוד, חאטש דאס פנים
זיינס איז גאר ניט געוועזען עהנליך אויף קיין יודען. זאלסט געוועזען
אנקוקען א מין פרצוף, און דא פלאצט אין מיר דאס הארץ. איך
וויל שוין וויסען, ווער איז ער, נאך וואס איז ער געקומען? יא...
און ער קוקט אזוי, קוקט זיך אום, בעטראכט. טראכט איך:
רבונו של עולם! וואס איז דאס פאר א מין אנשיקעניש! דערנאך
טראכט איך: אפשר איז דאס עמיצער פון דער רעמעסליענע או-
פראווע... האלט איך שוין ניט אוים און פרעג איהם: מיר טארט
איהר ניט זאגען, וואס איהר דארפט איהם? זאגט ער: פאר וואס?
איך קען אייך זאגען. קארניזען דארף איך. — מילא, איך האב
דערהערט קארניזען, וואס זאל איך דיר זאגען. נאר הער, וועסטו
ווייטער הערען, וועסטו וויסען, ווער דיין ווייב איז. פרעג איך
איהם: איהר האט א קלייט? זאגט ער: ניין. אויב אזוי, טראכט
איך, וועסטו ביי מיר א קדוש. דערנאך פרעגט ער אזוי: וויפיעל
וועט איהר ביי מיר נעהמען... אוי... נישקשה, מעגסט זיך
איבערנעהמען מיט דיין ווייב. טראכט איך: וואס טהוט מען דא

מִיט אִיהם . . . וויפִיעל אַ שטײַגער האָב איִך בעראַרפט אויסבע־
טען ? אַ ?

— אִיך ווײס ! — נִיט מעֶנדִיל אַ זאָג , שמײכעלדיג .

— פּאָרט אַ שטײגער . . .

— כ׳ווײס — 12 קערבליִך .

— נו זאָג אִיך דִיר , אַז דו ווײסט טאַקע נִיט , ווּעמען דו
האָסט פאַר אַ ווײַב . אִיך קען דִיר שווערען אַז אַנ׳אַנדער טאָקע־
רִין . . . נײן אִיך ווִיל אומִישנע זאָלסט טרעפען . . .

—13—14 — אַנ׳ענדרע . . .

— אוי דו בוץ דו ! שִיסט זִי אוים מִיט אַ געלעכטער —
אִיך נעהם 15 קערבליִך !

— פִיהרסט מִיך אִין באָד אַרײַן ? . . .

— משוגע׳נער ! לאָמִיך אַזוי זײַן אַ מאַמע צו מײַנע קִינדער ,
ווִי פופצעהן קערבליִך נעהם אִיך פאַר׳ן טוץ קאַרנִיזען . אִין אַ וואָך
אַרום דאַרפען זײ זײַן פאַרטִיג . . . אִיך ווײס נִיט , ווִי קומט ער
אַהערצו , עפּיס נאָר פון הִימעל . . .

— טאַקע עפּיס נאָר אַ מלאך פון הִימעל — חזר׳ט מענדִיל
אִיבער .

— אִיך זאָג דִיר . . . אִיך זאָג דִיר . . . אַ ! . . . דִי האָפנונג
טאָר מען טאַקע נִיט פערלִירען . . .

— טאַקע נאָר אַ מלאך פון הִימעל ! האָט מענדִיל עטלִיכע
מאָל אִיבערגע׳חזר׳ט אויפ׳ן געלעגער . . .

X

דער בעל־תשובה.

נאָכדעם ווי שמואל „נגיד“ איז אָבגעזעסען פינף יאָהר אַרעסטאַנטסקי ראָטע, האָט ער ערשט, געהענדיג אַהיים, אויף זיך אַ תשובה אַרויסגענומען: 5 יאָהר זיין שטום, קיין וואָרט נישט רעדען, אפילו זיך ניט הערענדיג מאַכען, וואָס מ׳וועט רעדען צו איהם; ווייל זעהר גרוים וועט זיין עונש...

אַריינגעקומען אין שטוב איז ער שוין מיט דעם בעשלוס, האָט ער זיך צו זיין ווייב און טאָכטער אַ שטילען נייג געטהון, מיט פערשלאָסענע ליפען; נאָר דאָס ווייב און די טאָכטער האָבען איהם ניט דערקענט, ווייל דעמאָלט, צוריק מיט פינף יאָהר, האָט ער אַ שוואַרצע באָרד געהאַט, איצט — אַ גרויע און די האָהר אויפ׳ן קאָפּ אויך גרוי און לאַנגע ברעמען האָבען זיך איבער די אויגען אַראָבגעלאָזט. זיי האָבען געמיינט, אַז אַ בעטלער איז אַריינגעקומען און דאָס ווייב האָט איהם מיט אַ צובראָכען קול געזאָגט:

— האָט מיר קיין פעראיבעל ניט, מיין ליעבער יוד, איך האָב אייך ניט וואָס צו געבען.

האָט זיך דער „ליעבער יוד“ ניט הערענדיג געמאַכט. אַראָבגעוואָרפען מיט אַ זיפץ דאָס קלימעקעל פון אַקסעל און האָט זיך ביים טיש אַוועקגעזעצט, דעם קאָפּ אויף אַ האַנד אונטערגעשפאַרט.

דאָס ווייב און די טאָכטער האָבען זיך איבערגעקוקט און בעשלאָסען: אַ טויב־שטומער איז ער, האָט ער ניט געהערט, וואָס

מ'האָט איהם געזאָגט, איז די טאָכטער צוגעגאַנגען און האָט איהם מיט אַ וואונק געוואָלט געבען צו וויסען דאָס, וואָס די מוטער האָט איהם נאָר־וואָס געזאָגט. נאָר אין דער זעלבער סעקונדע האָט זי דעם אַלטענס אויגען בעמערקט, די אויגען זענען בעקאַנטע געוועזען. נאָהענטע, זעהר נאָהענטע, ווי זי וואָלט ערשט ניט לאַנג אַזאַ פּאָר אויגען בעגעגענט. און אַ קוק איז עס געוועזען אַ שרעקליך טרויעריגער, איהר איז אַזש אַ שווידער איבערגעגאַנגען איבער'ן גאַנצען קערפּער. זי האָט אַ דערשראָקענעם צומישטען קוק אויף דער מוטער געוואָרפען און אין דעם זעלבען מאָמענט איז איהר איינגעפאַלען, אַז דאָס איז דעם פאָטערס אויגען. איהר האָט אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ. די פּיס האָבען זיך געבויגען. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט איהר עפּעס שטיל אין אויער איינגערוימט.

— שמואל? האָט די אַלטע אין אַ מינוט אַרום מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ אַ פרעג געגעבען.

ער האָט ניט געענטפערט און שיער האָט זיך דער קאָפּ זיינער אַ שאָקעל געטהון אויף יאָ.

— וואָס דיר קאָן קאָן זיך דאַכטען, — האָט די מוטער צו דער טאָכטער פערדריסליך געזאָגט און אַ געדאַנק האָט דורכגעקלאַפּט: „ס'איז שמואל, שמואל", און בּיי דער טאָכטער: „ס'איז דער טאַטע, דער טאַטע". און ביידע האָבען שוין מורא געהאַט צו פרעגען, צי דאָס איז ער טאַקי, האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועט ער ענטפערן, אַז יאָ. ביידע זענען שוין פעסט איבערצייגט געוועזען, אַז דאָס איז ער, און דאָך אַנ'אַנדערער עפּעס, פון אַנ'אַנדער וועלט געקומען. פון אַ פרעמדער אונבעקאַנטער וועלט, און אפשר גאָר פון יענעם עולם?...

געוואוסט האָבען זיי, אַז ער לעבט, חאָטש ער האָט קיין איינמאָל ניט געשריבען. נאָר איצט זעהענדיג איהם, האָט זיך זיי פונקט פערקעהרט אָנגעהויבען דאַכטען, אַז ער איז שוין געשטאָרבען.

די טאָכטער האָט זיך פלוצלונג צעוויינט, פערוואַרפענדיג דעם קאָפּ אויף דער מוטערס ברוסט, און די מוטער באַלד נאָך איהר, און דער אַלטער האָט אַלץ געשוויגען, געקוקט מיט רעדעווודיגע אויגען פערגאָסענע מיט טרערען. און ווען די אַלטע

האָט בײַ איהם די טרערען אין די אויגען דערזעהען, האָט זי שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אַז דאָס איז ער.

דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי אין טויט־שרעק איבערגעלעבט. אין אָווענד, ווען דער זוהן איז געקומען פון געשעפט, זענען זיי, די מוטער מיט דער טאָכטער, אַ ביסעל זיכערער געוואָרען, נאָר דער פאָטער האָט אויך דעם זוהן, ווי דעם ווייב און טאָכטער גאָר ניט געענטפערט. האָט איהם נאָר געגעבען די האַנד, ווען יענער האָט איהם שלום אָבגעגעבען.

— טאַטע, דו שרעקסט אונז! — האָט זיך דער זוהן בײַ איהם געבעטען — וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס רעדסטו ניט? צי קענסטו ניט רעדען? וואָס איז מיט דיר געשעהען?

ער האָט קיין ענטפער געקריגען.

שמואל נגיד איז אַ וואוילער יוד געוועזען און אַ פרומער יוד, נאָר אַ שרעקליכען יצר הרע צו געלד געהאַט. האָט ער זיין הויז פערסטראַחירט אויף פיערציג טויזענד רובעל, און אין אַ פינסטערער נאַכט עס אונטערגעצונדען און זיך אַליין איבערגעגעבען דער פאָליציי אין די הענד, דערזעהענדיג זיין שכן, אַ טאַטע פון פינף קינדער, אַ פערברענטען. באַלד ווי ער האָט איהם דערזעהען, האָט זיך אַ שווארצער טרויער אויף זיין פנים אויסגעגאָסען. ער איז געשטאַנען עטליכע מינוט מיט ווילד־צעמישטע אויגען און געקוקט אויף דער פערברענטער אויסגעצויגענער פיגור, און אַרום האָט ער אַ שרעקליך הארץ־רייסענדען געוויין געהערט, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז דאָס געוויין הערט זיך פון ערגעץ ווייט ווייט, ערגעץ הויך, אין יענע עולמות. און אַ שוידער איז איבערגעגאַנגען איבער זיין גאַנצען קערפער און ער האָט דאָך ווייטער געקוקט, בעטראַכט די צוגעברוינטע קישקעס, וואָס האָבען פון די זייטען אַפערגעקוקט; און געלעגען איז דער פערברענטער מיט'ן פנים אַרויף, און די שווארצע פערברענטע הענד האָבען די באַקען פערשטעלט, און געדאַכט האָט זיך, אַז דער פערברענטער האָט עס נאָכ'ן טויט געטהון פאַר בושה, מ'זאָל איהם אין פנים אַריין ניט קוקען, ניט זעהען זיין העסליך אויסזעהן.

פון דעם הויז זענען פיער שווארצע ווענד געבליבען מיט

שוואַרצע אומעדיגע לעכער, און דורך די שוואַרצע לעכער און פון אַריבער די ווענט האָט די זומערדיגע זון איהרע שטראַהלען אַריבערגעוואָרפען און אונגעוועהנליך ליכטיג איז צווישען די ווענט געווען, נאָך ליכטיגער, דאַכט זיך, ווי אין דרויסען, און אַ שוואַרץ-אומעדיגע פרעהליכקייט האָט זיך אין דער חורבה געשפירט... פון וואו-ניט-וואו, פון צייט צו צייט האָט זיך פון אונטער די שטיינער אַפער אַ קליין בלאַס פייער׳ל בעוויזען און ניט געוואָרען, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס גרויסע ריזיגע פייער, וואָס האָט דאָס הויז צעשטערט, האָט זיך אונטען אונטער די שטיינער בעהאַלטען און שטעקט אַלע מאָל אַ צינגעל אַרויס: האַ אַ, דאָס האָב איך אָבגעטהון. פון וואו-ניט-וואו האָט זיך געצויגען אַ גרוי-שיטערער רויך עהנליך צו אַ פאַרע, האָט די הויך פון די ווענד דערגרייכט און ניט געוואָרען. פונ׳ם פערברענטען מענשען האָט זיך פון די קישקעס אַפער אַ לייכטע קליינע פאַרע געצויגען, נאָר אַ שווער שטיקענדע, און געשפירט האָט זיך צוגעבראָטען פלייש. די פיער ווענט זענען פון אינוועניג און אויסענוועניג מיט הונדערטער מענשען געווען בעלייערט, און געהערט האָט זיך אַ שטיל גערויש. עס האָט זיך געהערט, ווי עס רייבען זיך שטיינער איינער אָן אַנדערן פון אונטער די פיס, און אַלע האָבען זיך געשטופּט צום פערברענטען, און ווער עס האָט איהם געזעהען, איז מיט אַ פערקרימטער מינע און דאָך מיט אַ צופריעדענהייט אויפ׳ן פנים, אַוועק. נאָר שמואל נגיד איז לאַנג פערגליווערט אויפ׳ן אָרט געשטאַנען, און אַלע, וואָס האָבען זיין טרויעריג פנים געזעהן, האָבען אויף עפּעס געוואַרט.

ענדליך האָט ער זיך גערירט, האָט זיך אָנגעבויגען צום פערברענטען, פאַמעלעך אַראָבגענומען אַ האַנד פון אַ באַק, און האָט איהם שטיל עפּעס אין אויער אַריינגעזאָגט. אַלע זענען געבליבען שטעהן פערשטיינערט און קיינער האָט ניט געצווייפעלט, אַז דער פערברענטער האָט דעם סוד געהערט, ווייל דער אויער איז ניט פערברענט געוועזן, האָט אויסגעזעהען ווי אַ לעבעדיגער, ווי דער פערברענטער וואָלט עס אומישנע אַזוי געטהון, אָבגעהיט דעם אויער אויף אַ סוד אויסצוהערען...

די פאַמיליע האָט זיך אין די שמאָלע געסלעך אַרײַנגעצויגען, אויף אַ בוידעם־שטיבעל, וואו פריהער האָבען אַ לאַנגע צײַט עופות געוואוינט. דאָס שטיבעל בעשטעהט פון צוויי קלײנע צימערליך מיט נידעריגע סופיטען, וואָס לאָזען זיך בײַ די זײַטען משופּע אַראָב, קענטיג אונטער אַ דאַך, און דײַטליך הערט זיך דאָרטען תמיד, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. אַ ליאַדע ווינדטעל, הערט מען עס איבער'ן קאָפּ. און ווען עס געהט אַ רעגען דאַכט זיך, אַז עס קלאַפּט אין שטוב. און מאַכט זיך אַמאָל אַ האָגעל, הערט מען שוין ניט אין שטוב, וואָס מ'רעדט. די צוויי פענסטער זענען טיף אונטער'ן דאַך אַרײַנגערוקט און עס זעהט אוים, ווי בײַ אַ קראַנקען מענשען, וואָס די אויגען זענען איהם אונטער'ן שטערן אַרײַנגעקראָכען און קוקען מיט טויט אַפּער.

דער אײנציגער שפּײַזער איז דער זוהן געבליבען. ער געהט אַוועק אויף אַ גאַנצען טאָג און קומט אויף דער נאַכט. נאָר זינט דער אַלטער איז געקומען האָבען זיי אָנגעהויבען מורא צו האָבען צו בלײַבען מיט איהם אַלײן אין שטוב און וואַרטען מיט אונגעדולד אויף דער נאַכט, ווען דער זוהן, דער ברודער, דאַרף קומען. און ווען ער קומט רוקען זיך אַלע דרײַ אין אײן צימער'ל אַרײַן און מ'רעדט שטיל, „ער” זאָל ניט הערען, און אפשר הערט ער גאָרניט? נאָר אַלץ אײנס, הויך קאָנען זיי ניט רעדען. קײן פײַער ווערט דאָרטען בײַ איהם קײנמאָל ניט אָנגעצונדען, ווײַל ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט, לעגט ער זיך שלאָפען, און מ'ווײסט ניט צי שלאָפט ער, צי ליעגט ער אַזוי... בײַ־נאַכט ווערט ער אָפּט פערשוואונדען. פריהער האָבען זיי ניט געוואוסט, וואוהין ער געהט אַוועק בײַ־נאַכט. הײַנט ווײסען זיי שוין: אַהין, צום פערברענטען הויז, צו די פיער ווענט געהט ער, זעצט זיך אַוועק אויף יענעם אָרט, וואו דער פערברענטער איז געלעגען און זיצט שטום, זיי האָבען עס אַלײן ניט געזעהן, נאָר מ'האָט זיי אַזוי איבערגעגעבען. דער זוהן האָט שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט געהן זעהן, נאָר די מוטער און שוועסטער האָבען איהם ניט געלאָזט.

און אַ שווער פינסטער לעבען, נאָך ערגער, ווי ס'איז געווען ביז איצט, האָט זיך פון זײַן קומען, בײַ דער מוטער, זוהן און טאָכטער אין די הערצער צעשפּרײט. אַ מורא'דיגער פינסטערע שטילקײט איז אין שטוב געוואָרען, מ'האָט מורא געקריגען אין

זײַן געגענוואַרט אַ וואָרט צו רעדען. מ׳האָט ניט געקאָנט רעדען אין דער צײַט, ווען דאָ זיצט ווער ווײס: אַ שטומער צי אַ שווײַגענדיגער און הערט יעדעס וואָרט. מ׳איז אויף די שפּיץ-פֿינגער געגאַנגען. און גערעדט האָבען זײ צווישען זיך מיט די אויגען און זעהר אָפּט אײנס דאָס צווייטע ניט פֿערשטאַנען, און געמײנט, גאָט ווייסט וואָס. רעדעוודיגע מענשען זענען שטום, נאָר דערפֿאַר צופֿיעל הערענדיג געוואָרען. ניט דורכגעלאָזט האָבען זײערע אויער׳ן קײַן שאָרך, און יעדער שאָרך איז עפּעס ווי אַן אומבעקאַנט פֿרעמד, ניט פֿערשטענדיג וואָרט געוועזען. און וואָלטען זײ געוואוסט, אַז ער איז שטום געוואָרען, וואָלטען זײ זיך אַזוי ניט געשראָקען, וואָלט מען צו איהם אויפ׳ן וואונק גערעדט, נאָר ניט וויסענדיג עס אויף ריכטיג, האָט זיך קײנער ניט געקאָנט אײַנשטעלען דאָס צו טהון, רעדען מיט אַ רעדעוודיגען אויף שטום-לשון.

יעדע נאַכט האָבען זיך אַלע מיט טרויעריגע געדאַנקען געלעגט שלאָפֿען: ווער ווײס, אויב הײַנטיגע נאַכט וועט עפּעס ניט געשעהען. וואָס — האָט זיך קײנער ניט געקענט פֿאָרשטעלען, נאָר געפֿיהלט האָבען זײ, אַז עפּעס שרעקליכעס. מיט אײַנצעלנע שטילע ווערטער האָט מען זיך פֿון די געלעגערס אַריבערגערעדט. און גערעדט האָט מען פֿון זײַטיגע זאַכען, יעדער בעזונדער האָט זיך געהיט פֿון „איהם" ניט רעדען און דאָך האָבען אַלע דרײַ געפֿיהלט, אַז אונטער די פּראָסטע ווערטער זענען אַנדערע געדאַנקען פֿאַרהאַן און יעדער בעזונדער האָט זיך אויפֿמערקזאַם אײַנגעהערט צו זײַנע אײגענע ווערטער, און אין דערזעלבער צײַט זיך אײַנגעהערט אַהין, אין צווייטען צימער אַרײַן, ווען עס האָט זיך עפּעס אַ שאָרך דערהערט. און געטראָפֿען האָט זעהר אָפּט, אַז די טאָכטער האָט בײַ-נאַכט אָנגעהויבען שרײַען פֿון שלאָף, און די מוטער און דער זוהן זענען דערשראָקענע אַראָבגעשפּרונגען פֿון די געלעגערס, זי אויפֿגעוועקט. און די אויפֿגעוועקטע האָט געזעהען ווי ווײַט מעגליך די דערשראָקענע צו בערוהיגען און זי האָט קײנמאָל ניט געוואָלט דערצעהלען, וואָס איהר האָט גע׳חלום׳ט.

דעם זוהן איז אײַנגעפֿאַלען אָבצוטהון אַזאַ מין שטיקעל: אין

א פינסטערער ווינטער־נאַכט האָט ער זיך אין דער חורבה אונטער אַ הורבע שטיינער בעהאַלטען, און ווען דער אַלטער איז געקו־מען, האָט ער צו איהם מיט אַ פערשטעלט קול געזאָגט:
— שמואל, שמואל! איך בין דיר שוין מוחל, ביזט שוין גענוג אָבגעקומען פאַר דיינע זינד, געה אַהיים צו דיין ווייב און קינדער, הויב אָן צו רעדען. איך בין דיר מוחל דיינע זינד — און האָט אויסגערופען דריי מאָל: — מוחל! מוחל! מוחל!
און ער האָט דערגרייכט זיין צוועק: דער אַלטער איז געקו־מען אַהיים, האָט אָנגעהויבען צו רעדען; דערפאַר איז ער אָבער אין אַ וואָך אַרום געשטאָרבען און דאָס גאַנצע שטעדטעל פון גרויס ביז קליין איז געווען אויף דער לויה.

XI

מוטער.

(עסקיז)

מײדעלוױז האָט זיך מאַדאַם קױפמאַן געמאָלט, אַז זי װעט האָבען אַ מײדעלע מיט גרױסע בלױע אױגען און בלאָנדע האָר און לאָקעלעך. קינדװײז האָט זי זיך מיט אַזאַ ליאַלקע געשפּילט.

בײַ איהר איז שױן צעהן יאָהר נאָך דער חתונה און זי האָט קײן קינדער ניט. געהט זי כסדר אַ פערזאָרגטע אַרום.

אײנמאָל ליעגענדיג אין בעט, האָט זי זיך געטראַכט. װי גוט עס װאָלט געװען, אַז דאָ נעבען דער זײַט זאָל אַ קינד ליעגען. איז איהר אײַנגעפאַלען צו קױפען אַ ליאַלקע, אַזאַ ליאַלקע װי זי האָט זיך געמאָלט אַ קינד צו האָבען.

דער געדאַנק איז איהר אפילו אױסגעקומען משונה׳דיג און דאָך איז ער איהר געפעלען.

אין דער פריה איז זי שױן אױפגעשטאַנען פרעהליכער װי אַלע טאָג און דער געדאַנק װעגען קױפען זיך אַליאַלקע האָט איהר גאַנצען מוח פערנומען, און האָט זיך איהר אינגאַנצען איבערגעגעבען, נאָר עפּעס ניט גלאַטיגעס האָט זי נאָך געשפּירט, און דאָס ניט גלאַטיגע האָט עפּעס װי אָבגעהאַלטען זי פון אױסצופיהרען דעם געדאַנק.

זי האָט זיך עפּעס װי געשעמט... מ׳װעט דאָך פערשטעהן נאָך װאָס זי האָט אַרײַנגענומען אַ ליאַלקע... דער מאַן װעט דאָך געװיס פרעגען „װאָס איז דאָס״? װאָס װעט זי איהם ענטפערן?

און דאָס דיענסט-מײדעל װעט פון איהר אין דער שטיל לאַכען, נאָר באַלד האָט זי אַ טראַכט געטהון, אַז דאָס איז אַ קלײ-

ביגקייט, ס'קען ניט וויסען ניט דער מאַן און ניט די דיענסט. זי וועט שוין וועגען דעם אַ טראַכט געבען.

ווען זי האָט אָבגעטרונקען קאַקאַאָ און צוגעביסען, האָט זי זיך ריין אַרומגעוואַשען, זיך פערפוצט מיט אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ זיידענעם אונטער־ראָק, האָט פערוואָרפען דעם גרויסען רעדיקיל אויף אַ האַנד און איז מיט אַ מיידעלשער פערשייטקייט אַראָבגעלאָפען פון די עטליכע טרעפ און איז שוין געווען אין דרויסען.

זי איז געשטאַנען און אַ פּאָר מינוט געוואַרט אויף אַ דראָזשקע, און גראָד האָט זיך קיין איינציגע ניט געוויזען, האָט איהר דאָס אויך ניט געהאַרט. זי האָט זיך לייכט געלאָזט געהן, פלינק שורשענדיג מיט'ן זיידענעם אונטער־ראָק.

אין דרויסען איז געווען אַ שטאַרקער פראָסט. די בוימער און דעכער זענען ווייס געווען ווי בעשאָטען מיט אַ לייכטען דראָבנעם שנעע.

ווען מאַדאַם קויפמאַן איז אַריינגעקומען אין מאַגאַזין פון קינדער־שפּיעלכלעך און דערזעהען די פינף מיידלעך מיט די יונגלעך מיט בלויע און שוואַרצע אויגען, מיט בלאָנדע און שוואַרצע האָר, מיט אויסגעשטרעקטע הענדטעלעך אין דער לופטען, האָט איהר אַזש אָנגעהויבען קלאַפּען אין האַרצען.

צווישען די אַלע האָט זי דערזעהען אַ גרויסע ליאַלקע, די גרויס ווי אַ פיער־פינף יעהריג קינד. זי האָט געהייסען דעם פּריקאַזטשיק, ער זאָל זי איהר דערלאַנגען.

דער פּריקאַזטשיק אַ גרויסער געזונדער יונגער בחור האָט אויסגעצויגען אַ האַנד, אַראָבגעחאַפּט די ליאַלקע ביי אַ פיסעל און איידער ער האָט די קונה'טע געוויזען, אַרומגעווישט דעם שטויב פון די פולע ראָזע בעקעלעך, געווישט די גלאַנצענדיגע פיסלעך. אָבגעשאָקעלט דאָס קליידעלע, וואָס איז געהאַנגען ביז די קניה און אויף לעצט אויך אונטער'ן קליידעלע אַרומגעווישט דעם שטויב. דער מאַדאַם קויפמאַן האָט דאָס אויסגעזעהן אַביסעל ציניש און איהר האָט פערדראָסען דאָס ניט קאָרעקטע בעגעהן־זיך פון פּריקאַזטשיק אין דער געגענוואַרט פון אַ דאַמע און עס האָט איהר עפּעס געררייצט, וואָס ער בעגעהט זיך מיט דער ליאַלקע ווי מיט אַ פּראָסטער שטיק סחורה...

מאַדאַם קויפמאַן האָט ענדליך גענומען די ליאַלקע און האָט

זי אנגעהויבען בעטראכטען. דאס ערשטע האט זי איהר בעקוקט אין די גרויסע שטארע בלויע אויגען אריין, וועלכע פערמאכען זיך ווען מ'לעגט זי אנידער און עפענען זיך ווען מ'שטעלט זי אויף; דערנאך האט זי עטליכע מינוט צייט געגלעט די בלאנדע לאקענעם. וואס זענען געווען צעווארפען אויף די אקסעלעך און אויך פון פארענט אויפ'ן פנימ'ל, זי האט אויך געקוקט ביז די קניה די פיסלעך, נאר ווייטער פון די קניה ניט...

— וויפיעל וועט עס קאסטען? — האט זי געפרעגט.

— פונפצעהן רובל — האט איהר דער פריקאזטשיק געענטפערט.

דער בעל-הבית, וועלכער איז דארטען געשטאנען הינטער דער סטאיקע, האט זיך אפערגערוקט דורך פערדלעך מיט לאנגע גריוועס, וועלכע זענען געשטאנען אויף דער ערד צוגעשמידטע צו ברעטלעך, איז צוגעגאנגען צו דער מאדאם, האט ביי איהר גענומען די ליאלקע פון די הענד און האט אנגעהויבען צו לויבען די סחורה:

— איהר דארפט וויסען, מאדאם. אז דאס איז אויסלענדישע סחורה... און איהר דארפט וויסען, מאדאם, אז דאס איז ניט קיין פראסט געמאלעוועט בעקעל... איהר האט א לעבעדיגע פיגור פאר זיך...

זי האט בעצאהלט צעהן רובל און איז א צופריעדענע אוועקגעפאהרען אהיים.

די ערשטע נאכט איידער זי האט זיך געלעגט מיט דער ליאלקע שלאפען האט זי אויסגעטהון די ליאלקע ביז'ן העמדעל, ווי מ'טהוט מיט א לעבעדיג קינד. נאר אריינלעגענדיג זיך אין בעט אריין און פיהלענדיג אין די הענד דאס הארטע קאלטע גליטשיג קערפער'ל, האט זי דערויף חרטה געקריגען און האט שוין אויף דער צווייטער נאכט זי געלעגט מיט'ן אנטהון. פאר'ן לעגען שלאפען האט זי איהר לאנג געקעמט די האר, געמאכט פערשיעדענע פריזורעס, פון צייט צו צייט זי געדרוקט צום הארצען אין הויך ארויסגערעדט. „מיר פאר דיר!" האט אויסגעלאשען די נאכטלאמפ, כדי זי זאל ניט זעהן דאס געמאלעוועטע פנימ'ל און אב-

ליעגענדיג מיט איהר עטליכע מינוט האט זיך דאס קליידעלע פון דער ליאלקע דערווארעמט און איהר האט זיך ווירקליך אנגעהויבען דאכטען, אז נעבען איהר ליעגט א לעבעדיג קינד, איז אריין אין א מוטערליכער ראליע און האט איהר אפילו געגעבען א ברוסט צו זייגען...

אזוי ווי דער מאן האט זיך געהאט א בעזונדערן שלאפצימער, דעריבער איז איהר לייכט אנגעקומען צו האלטען איהר שלאפצימער פערשלאסען. דעם שליסעל האט זי ארומגעטראגען ביי זיך אין קעשענע און אויך בייטאג האט זי זיך פון צייט צו צייט אריינגעהאפט אין שלאפצימער, פערשלאסען די טהיר, גענומען די ליאלקע, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט, אוועקגעשטעלט די ליאלקע ביי זיך אויפ'ן שוים, איהר צושפרייט די הענדטעלעך, איהר געקוקט אין די שטארע גרויסע אויגען אריין, אויף די אונבעוועגליכע קליינע רויטע ליפעלעך, וואו עס איז געלעגען א פערגליווערט צארט קינדערש שמייכעלע און האט פון צייט צו צייט געפרובט לויז מאכען די הענד, די ליאלקע זאל בלייבען שטעהן „אליין", און דערפיהלענדיג, אז זי הויבט אן אומצופאלען האט זי מיט א קלאפענדיג הארץ זי א חאפ געגעבען... דאס איז געווען עפעס א מין פערשטעלטער געפיהל, וועלכער האט געהאט א געוויסען ציעל זי אבצונארען... עס איז אויסגעקומען, אז ניט פאר'ן צוברעכען די ליאלקע האט זי זיך דערשראקען, נאר... דאס קינד זאל ניט גע'הרג'ט ווערען... און האט זי געגעבען א דריק צו זיך און בעשאטען מיט קושען דאס בלאנדע קעפיל...

שפעטער האט מאדאם קויפמאן אנגעהויבען פראווען מיט איהר ברוגז'ליך... איהר האט אנגעהויבען צו פערדריסען. פאר וואס עס שווייגט כסדר און דאס שווייגען האט איהר שרעקליך גערענקט... זי האט געוואלט הערען דאס ווארט „מאמא" און דעמאלט, ווען זי האט דערפון געקלערט האט איהר דאס שטומשווייגען פון דער ליאלקע עפעס ווי אנגעהויבען צו שרעקען... עפס אונרוהיגעס האט זיך צו איהר אין הארצען אריינגעחאפט און איהר האט זיך גאר פערגלוסט טהון עפעס שלעכטס דעם טויטען קאלטען בעשעפעניש, און אויסגעלאזט האט זי דערמיט, וואס זי האט זי א ווארף געגעבען אויפ'ן בעט און די ליאלקע איז געבליבען ליעגען מיט צעשפרייטע הענדטעלעך און פערמאכטע אויגען,

און אַלײן האָט זי אַנ'אויפגערעגטע אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען איבער'ן צימער און איהר גאַנצע הויכע דיקע פיגור האָט עפּעס ניט צופרידענעס אויסגעדריקט. די שוואַרצע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו ברענען מיט אַ פײַערדיגען האַס און האָבען זיך פון צײַט צו צײַט אַ וואָרף געגעבען אַהין אויף דער ליאַלקע. ענדליך האָט זי זי גענומען און אַרונטערגעלעגט אונטער'ן בעט. אויף אַ צו־להכעיס איז זי אַרויס פון צימער, פערשלאָסען די טהיר, נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי אַרײַנגעקומען, האָט זי צאַרט פון אונטער'ן בעט אַרויסגענומען און האָט זיך שוין ווידער מיט איהר געשפּיעלט.

אײַנמאָל בײַנאַכט פאַר'ן שלאָפען לעגען, ווען זי האָט זיך שטאַרק צושפּיעלט מיט דער ליאַלקע, איז אַרײַן אין התפעלות און אויף אַ קול געזאָגט: „מיר פאַר דיר", האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טהיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט.

— איך — האָט דער מאַן בייז געענטפערט.

— וואָס ווילסטו? — האָט זי דערשראָקען געפרעגט.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט שוין עפענען די טהיר — האָט ער בעפוילען.

— און איך וועל דיר ניט פאָלגען, האָט זי אַנ'אײַנגעשפּאַרטע געענטפערט.

ער האָט אָנגעהויבען זעצען מיט די פּיס אין טהיר אַרײַן.

מאַדאַם קויפמאַן האָט בעהאַלטען די ליאַלקע אונטער'ן בעט און האָט אויפגעשלאָסען די טהיר און ער האָט זיך ווי אַ דונער אַ לאָז געגעבען צום בעט, אַ הויב אויף געטהון דאָס איבערבעט, נאָכהער זיך אַ בייג געטהון אונטער'ן בעט און אַרויסגעשלעפּט די ליאַלקע פאַר די האָר און האָט זיך צושמייכעלט זאָגענדיג:

— אַזוי האָסטו, ווייזט אויס, מיט דער ליאַלקע גערעדט — האָט זי בעטראַכט אַ פּאָר מינוט און געזאָגט מיט דעם זעלבען איראָנישען שמייכעלע: — טאַקי אַ וואויל קינד, זעהר אַ שענס, און איך האָב גאָרניט געוואוסט... קומט דיר אַ מזל טוב — חאַט אַ וואָרף געגעבען די ליאַלקע אויף דער פּאָדלאָגע און איז אַרויס פון צימער.

מאַדאַם קויפמאַן האָט זיך צעוויינט...

אן אוצר אין דער יודישער ליטעראטור!

די פילאזאפיע וואס זי איז און ווי זי האט זיך ענטוויקעלט

פון ד"ר חיים זשיטלאווסקי.

די געשיכטע פון דער פילאזאפיע איז אין דער זעלביגער צייט אויך די געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען און פערשטעהן, און פערנעהמט דעם וויכטיגסטען פלאץ אין דער ליטעראטור פון יעדען פאלק. אין דער געשיכטע ווערן קלאר און אויספיהרליך געשילדערט אלע פאזיטען פון דעם מענשליכען געדאנק און די אלע עטאפען, וואס ער האט דורכגעמאכט אין דעם פערלויף פון די טויזענדער יאהרען, זינט דער מענשליכער גייסט האט אנגעהויבען צו ארבייטען, זינט דער מענש האט אנגעהויבען א פתרון צו זוכען צו די אייביגע פראבלעמען פון וועלט, מענש, מאראל א. א. וו. אזעלכע ווערק מאכען טיעפער דעם פערשטאנד, וויימער דעם בליק און ברייטער דעם אומפאסונגס=קרייז פונ'ם לעזער, און דינען אלס רייכען און שענעם לעזע=מאטעריאל פאר יעדען אינטעלעגענטען און דענקענדען מענשען.

דעם דאזיגען רייכען מאטעריאל וועט דער אידישער לעזער איצט געפינען אין דער „פילאזאפיע" פון ד"ר זשיטלאווסקי, וועלכע איז נישט נאר די ערשטע אין אונזער ליטעראטור, נאר אויך די איינציגע אין איהר ארט. אליין א געלעהרטער מיט א שענער פערגאנגענהייט אויף דעם געביט און דערצו אויך א גלענצענדער סטיליסט און א יודישער שפראך=קינסטלער אינ'ם פולען זין פון די ווערטער, האט זשיטלאווסקי בעוויזען דאס גאנצע ווערק אזוי אנציהענד און אינטערעסאנט צו מאכען, אז יעדערער קען עס לעזען, אהן א שום אנשטרענגונג און אויף דעם לייכטסטען אופן זיך ערווערבען א אוצר פון וויסען און פון אינטעליגענץ.

ביז אהער זענען ערשיענען די פאלגענדע העפטען:

ערשטער פעריאד: 4—1 די פרייע פילאסאפיע אין גריכענלאנד.

צווייטער פעריאד: 5.— פילא און די רעליגיעזע פילאסאפיע ביז צום סוף מיטעלאלטער.

דריטער פעריאד: 6.— די ווידעראויפלעבונגס=פילאסאפיע.

פערטער פעריאד: 9—7 די נייע פילאסאפיע ביז קאנט.

פינפטער פעריאד: 11—10 קאנט און די דייטשע מעטאפיזיקער.

זעקסטער פעריאד: 17—12 די מאדערנע סיסטעמען.

זיעבענטער פעריאד: 20—18 די געגענווארט.

דאס גאנצע ווערק (ארום 700 זייטען) ערשיינט אין 20 זעלבסטשטענדיגע טהיילען.

פרייז פון יעדער טייל 16 האפ.